STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00619

ALE VERK

Eliakum Zunser

Permanent preservation of this book was made possible by
Paul Shelomo Gareen & Diane Brody Gareen
in memory of
Rabbi Mordechai & Fanny Greenberg and Leo & Selma Brody (Bruder)

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אליקום צונזער

אלע ווערק

אין דריי בענד

—

צווייטער באנד.

אבא קאצענעלענבויגען
ניו יארק, 1920

Copyright, 1920
By
Abe Katzenelenbogen, Inc.

אינהאלט:

זייט

מכירת יוסף, טעאטער־שטיק אין 7 אקטען — — 7

ליעדער

שעהנקייט און נוצען — — — — — — — 163
דריי סטאנציעס — — — — — — — — — 170
החלוקה והמחלוקת — — — — — — — — 176
בחרבני קיץ — — — — — — — — — — 183
די דריי טויבען — — — — — — — — — 188
לשנת תרנ"ד — — — — — — — — — — 194
תרנ"ח — — — — — — — — — — — — 198
אן אויבינער סוד — — — — — — — — — 199
פערשיעדענעס — — — — — — — — — 201
די אמעריקאנער אידען און דער ציוניזם — — — 204
א היסטארישער צימעס — — — — — — — — 208
הכנסת כלה — — — — — — — — — — 212

ציון ליעדער

די בלום — — — — — — — — — — — 227
רחל מבכה על בניה — — — — — — — — 230
קול ממרומים — — — — — — — — — — 234
שולמית — — — — — — — — — — — 241
אונזער פאטערלאנד — — — — — — — — 244
שיבת ציון — — — — — — — — — — 248
אויף דיין אלטען וועג — — — — — — — 251
די סאכע — — — — — — — — — — — 258
א בריעף פון דער מוטער ציון — — — — — 262
המחרשת (העברעאיש) — — — — — — — 265
שיבת ציון (העברעאיש) — — — — — — — 270
בעמערקונגען און אפטייטשונגען — — — — — 271

מכירת יוסף

הקדמה.

קיין איינציגע געשיכטע, פון אונזער הייליגען תנ"ך האט אזא איינ־דרוק ניט געמאכט און איז נאך ניט אזוי באקאנט דעם פעבעל פון אונזערע אידען ווי די געשיכטע פון מכירת יוסף. און דאך, ווער עס וויל פאר אונזערע אידען די געשיכטע אלס א ריינע דראמע פארשטעלען, פאר־צאמען אייניגע קשיות די וועג פאר דעם שרייבער וועלכער וויל פון קבלת חכמים ניט אפטרעטען. 1) ווי מיר געפינען אז יהודה איז געגאנגען שערען זיינע שאף, נו געווים האבען די איבעריגע ברידער אויך געהאט פיעל שאף און רינדער, זאלען זיי זיך מתקנא זיין אויף א העמדעל וואס דער פאטער האט יוסף'ן אנגעטהאן? עס טרעפט היינט דאס רוב אז א פאטער מאכט א קינד א בגד און דעם צווייטען ניט, פון דעסטוועגען הרג'עט מען זיך ניט אויף טויט. בפרט יעקב אבינו'ס קינדער, די הייליגע שבטים, רייכע מענ־שען, און פון 20 ביז 25 יאהר, זאלען זיי וועלען שלאגען צום טויט א ברו־דער פאר א העמדעל? אויב ווידער די קנאה איז ניט געווען פאר די העמ־דעל, נאר ווייל דער פאטער האט איהם געליעבט מעהר פון זיי, און דעריבער האט ער איהם די העמדעל געגעבען. אויב אזוי, איז דאך דער פאטער שול־דיג וואס ער ליעבט איהם, אבער ניט יוסף וואס איהם ליעבט מען, וואס האט יוסף געקענט מאכען, אז זליכה האט איהם געליעבט? אויב ווידער פאר די חלומות האבען זיי דאך געדארפט וויסען אז אזעלכע חלומות איז פון גאט, אזוי ווי עס איז טאקע באמת דערנאך מקוים געווארען, און ניט וועלען איהם טויט שלאגען דערפאר? די רכילות, איז דאך ממה נפשך קשה, איז די רכילות געווען שקר, טו ווי האט עס יוסף הצדיק געבראכט פאלשע רכילות? איז ווידער געווען אמת, טו וואס האבען זיי צו יוסף'ן? האט יוסף ניט ריכטיג געזעהן, טו ווי האט יעקב ניט אויסגעפרעגט אלעס בפרט אז ער זאל וויסען אויב דאס איז רעכט אדער אונרעכט? — 2) מיר געפינען אין די דברי הימים אז יעקב האט איבערגעגעבען די בכורה יוסף'ן איז קשה וואס איז געווען די בכורה פאר אזוי א גרויסע זאך אז צוליעב איהר איז ארויס־געקומען אזוי פיעל קילקולים? אויב צו נעהמען צוויי חלקים ירושה. עקסעס־טירט דאך נאך היינט אויך אין פיעל ערטער ביי אידען. פונדעסטוועגען קומט

גאר ניט ארויס אזעלכע סבות און שנאות ווי מיר געפינען ביי יצחק מיט ישמעאל'ן, ביי יעקב מיט עשו'ן. ביי יוסף מיט די ברידער, און אלע צו־ ליעב די בכורה? 3) ווארום האט יוסף פון מצרים ניט אנגעזאגט צום פא־ טער אז ער לעבט? פאר וואס האט ער איהם געלאזען אזוי פיעל טרויערען? לאז שוין זיין אז די צייט וואס ער איז געווען ביי פוטיפר'ן האט ער ניט גע־ קענט אנזאגען און אזוי אויך די צייט, וואס ער איז אין תפיסה געזעסען. אבער די 9 יאהר וואס ער איז געווען וויצע קעניג, דאמאלס האט ער דאך גע־ קענט א שקאדראן סאלדאטען שיקען צום פאטער און אנזאגען, אז ער לעבט? בפרט עס איז גאר ניט אזוי ווייט, די ברידער האבען זיך מיט משא אין א קורצע צייט געקערט צוויי מאל אהין און צוריק. נאך מעהר, אז ער האט א זוהן געבארען גיט ער איהם א נאמען מנשה, און זאגט כי נשני אלהים את כל עמלי ואת כל בית אבי, דאס טהוט א טרייער זוהן? ער דאנקט גאט, אז ער האט זיך אן טאטען פערגעסען, אזוי א פאטער, וואס לערענט מיט איהם תורה און חכמה, וואס ליעבט איהם מעהר פון אלע קינדער, מיט אמאל איז ער א משנה למלך און לאזט דעם פאטער טרויערען? נאך מעהר, אז די ברידער קומען שוין צו איהם אין מצרים, זאג איהם דאמאלס אן, נייז, פער־ האלט ער נאך ביי זיך שמעונ'ען און הייסט ברייננגען בנימינ'ן, ביז דער פאטער שרייט פון צרות, יוסף איז ניטא, און שמעון איז ניטא, און יעצט בנימין? דער ענטפערט די גמרא'ס תירוץ „אז די ברידער האבען געמאכט א חרם אז מען זאל דעם פאטער ניט אויסזאגען", זיי האבען דאך אבער יוסף'ן ניט אריינגענומען אין חרם, האט ער דאך געמעגט אנזאגען צום פא־ טער? בפרט סוף כל סוף האט ער דאך פארט אנגעזאגט, און יעקב האט שוין דערנאך געוואוסט אז די ברידער האבען איהם פערקויפט? — דער ווידער ענטפערט, אז יוסף האט געמוזט שווייגען כדי עס זאל מקוים ווערען די חלומות" דאס איז אבער אויך קיין תירוץ ניט, דען אז די חלומות זאלען מקוים ווערען, איז בעלאנגען אן גאט, און יוסף אלס מענש נאר דארף ניט לאזען א פאטער טרויערען 22 יאהר? גאט האט געזאגט אברהם'ן אז זיינע קינדער וועלען דינען אין דער פרעמד. פונדעסטוועגען אז פרעה האט מיט זיי געארבייט האט ער בעקומען זיין פסק — גאט דער מסבב הסבות טהוט זיך דאס זייניגע, און ברויכט ניט קיין הילפע פון א מענשען יוסף זאל איהם העלפען זיינע חלומות זאלען מקוים ווערען? —

אונטער אנדערע נאציאנען אין פערשיעדענע שפראכען איז זי אויך פיעל מאל געשפיעלט געווארען און ווערט געשפיעלט נאך עד היום, זיי זיי־ נען ניט געצוואונגען צו די גמרא, אויב עס ווייזט זיי אן ארט וואס עס לאזט

זיך ניט שיקען, שפּיעלען זיי נאָך זייער אייגענעם פערשטאַנד — און אונטער אונזערע אידען, צייט מיר געדיינקען, האָבען דאָס נאָר געשפּיעלט אָרעמע בחורים, אָדער די פערצייטיגע בדחנים אויף א חתונה, קורץ פון זייער גע־פּיהל אויף א דראַמא האָבען מיר געקענט צו דער געשיכטע זעהר וועניג הילפע בעקומען — דער בעריהמטער מחבר פון תוכן עלילות ווי וואויל ער האָט זיין מייסטערווערק בעארבייט, דאָך האָט ער די אלע שווערע פראַגען אונז ניט ענטדעקט — אין דיזען קליינעם ווערקל מיינעם איז אלעס פער־ענטפערט, שילדערט נאָך דער אלטער היסטאָריע נאָך זייערע זיטען און מנהגים, דאָס מען קאָן מיט רעכט זאָגען דאָס עס ליגט אויף זיי דער גאַנ־צער אלטערטהום ווי עס וואָלט געווען געשריבען מיט פערטהאלבען טויזענד יאָהר צוריק — און די אלע שווערע פראַגען ווערען דאַ גלייך, געקליבען גוטע ווארטען פון גמרא פון ילקוטים פון מפרשים, געפּאַסט איין דעה צו די צוויי־טע, ביז עס איז פערגלייכט געוואָרען אלע שווערינקייטען, דען דברי תורה עניים במקום זה ועשירים במקום אחר. —

פאַר די וועלכע וועלען מיר פרעגען וואָס נוצט אונז אַן אלטע היסטאָריע, ליבערשט שרייבט אונז פון היינטיגער צייט, מיר זאָלען זעהען לעבעדיגע בילדער, אויף אייער פראַגע מיינע, לעזער, מוז איך אייך ענטפערען ניט ווי אלע מחברים שרייבען אין זייערע הקדמות, אז זיי זוכען ניט קיין כבוד און ניט געלט נאָר זיי ווילען מזכה הרבים זיין אָדער זיי מוזען שרייבען, ווייל זייער נאַטור דריקט זיי דערצו, ווי די פויגעל דאָס זי מוז זינגען (אָדער ווי דער האָן אַז ער מוז קרייען.) איך בין גראָדע פערקערט, איך בין מאמין באמונה שלמה אז איך וואָלט געווען א נגיד, וואָלט איך געווים ניט גע־שריבען און מיין אינסטינקט וואָלט מיר גאָר דאַצו ניט פּרעסען. איך בין זיך מודה אפילו פאַר אייך אלע, אז איך מיין נאָר דעם גראָשען.

אליקים צונזער מווילנא.

מכירת יוסף

מכירת יוסף

די פערזאָנען וועלכע קומען דאָ פאָר.

יצחק, אן איינוואוינער אין כנען אין חברון.
יעקב, זיין זוהן.

ראובן
שמעון
לוי
יהודה
יששכר
זבולון
דן, נפתלי
גד, אשר
יוסף
בנימין
} די זיהן פון יעקב.

דינה, זיין טאָכטער.
שרה, זיין טאָכטער.
שרה, די טאָכטער פון אשר.
שמה, דער קנעכט פון יעקב.
א מאן, ביי שכם.
טלמון, אן אראבישער סוחר.
פוטיפר, דער שעכט-מייסטער פון קעניג פון מצרים.
זליכה, זיין פרוי.
אסנת, זייער טאָכטער.
חמוטל, איהר גואוורנאנטין.

עלוקה
עזובה
} זייערע דינערינס.

חרנפר, דער הויפט וועכטער אין תפיסה ביי פוטיפר.
פרעה, דער קעניג פון מצרים.
תחפנס, די קעניגין.
הדורם, אנ׳אלטער אדיוטאנט.

אליקום צונזער

ת ח ר ע, דער טראנקמייסטער פון קעניג.
ע ז מ ו ת, דער אויבער־בעקער.
י ו ס ף, דער זוהן פון יעקב.
א ס נ ת, זיין פרוי.
מ נ ש ה }
א פ ר י ם } זייערע זיהן.
ס ל ו א, זיין אויבער־אדיוטאנט.
ע ב ד ו ן, זיין קאמער־דינער.
א ח י ש ח ר, זיין קוטשער.
ב ק ב ק ר, דער הויפט חרטום אין מצרים.

אראבער, מורינען, תפוסים, מיניסטארען, גענעראלען, חרטומים, דינער, זינגער, קאהר, מוזיק, די וואך פון קעניג, די וואך פון יוסף.

די געשיכטע פאנגט זיך אן אין כנען אין 2216טען יאהר נאך דער וועלט באשאפונג. ענדיגט זיך אין מצרים אין 2238טען יאהר.

ערשטער אקט.

ערשטע סצענע.

(דער פארהאנג וויקעלט זיך אויף. עס איז צו זעהען א שעהנער זאל, ביי דער זייט שטעהען צוויי בילדער פון שטיין, אברהם אבינו מיט זיין פרוי שרה. פון פארענט ביי א טיש זיצט יעקב העברי אויף א שטוהל און קוקט אין א ספר אן אלטען. עס עפענט זיך די טיר, עס קומט אריין יוסף, א יונגער מענש פון 17 יאהר, געקליידעט אזיאטיש. נויגט זיך פאר'ן פאטער מיט גרויס עהרעפורכט).

יוסף

גוט מארגען הער פאטער!

יעקב

זעץ דיך יוסף לעבען מיר אנידער,
איך ליעב דיר מעהר פון אלע דיינע ברידער
וואס איך האב געלערענט פון מיין טאטען און זיידען,
פלעג איך דאך אלעס, מיט דיר איבעררייידען,
און איידער איך בין אוועק קיין חרן,
איידער דיין מוטער איז מיין ווייב געווארען,
בין איך געזעסען ביי שם ועבר פערצעהן יאהרען,
און אלעס וואס זיי האבען מיר איבערגעגעבען,
גיב איך דיר איבער, פאר מיין לעבען.
און וויל דו ביזט קלוג, מיט פערשטאנד,
גיב איך דיר איבער דעם ספר, וועלכען איך האלט אין האנט,
דעם ספר האט מיין זיידע אברהם געשריבען,
אלע חכמות, אלע סודות, האט ער דא צונויפגעקליבען;
האסטו בעטראכט אונזערע שכנים, וועלכע וואוינען דא ארום?

האָסטו געזעהען זייער פיהרונג, זייער גלויבען, ווי קרום?
אזוי איז מיין עלטער זיידע אויך געוועזען,
נאָר געטער און געטער האָט מען ביי איהם געזעהען.
אַנדערע פון האָלץ, אַנדערע פון שטיין,
אַנדערע פון גאָלד, אַנדערע פון ביין.
ווי וואהל איך האָב דיר שוין, פיעל מאָל דערצעהלט,
ווי גאָט האָט מיין זיידען פון אַלעמען ערוועהלט;
דאָך שאַדעט ניט, נאָך אַמאָל צו ריידען,
ערקלערען דיר די מעלות, פון מיין היילינגען זיידען.
שוין דריי און ניינציג יאָהר, פאַרביי געפלויגען,
צייט מיין זיידע האָט פערמאַכט זיינע אויגען.
איך וואר דאַמאָלסט פופצעהן יאָהר אַלט,
און עס שטעהט מיר נאָך פאַר זיין היילינגע געשטאַלט.
דו זעהסט דעם בילד? בעטראַכט איהם גוט,
דאָס איז דאָך ווייס, און ער וואר רויט, מיט בלוט.
זיין ליכטיגע געשטאַלט, זיין פרעהליכע מוט,
גאָטעס גייסט האָט אויף זיין געזיכט גערוהט.
איידער מיין זיידע איז געבאָרען געוואָרען,
זיין פאָטער תרח האָט נאָך געוואוינט אין חרן,
איז די גאַנצע וועלט געוועזען פעראירט,
געצען-דיענעריי, האָט איבעראַל עקזעסטירט,
אַלע לענדער און אַלע אומות
האָבען געלעבט ווי בהמות,
ווי צווישען גרויסע אינדען אָהן א זעגעל א שיף,
פון איינציגען גאָט ניט געהאַט קיין בעגריף.
אויף יעדער מין האָבען זיי געהאַט געטער,
אויף ימים, אויף בערג, אויף בוימער, אויף בלעטער, —
אַ גאָט פון מלחמה, א גאָט פון ליעבע,
און אזוי געטער אויף יעדער סיבה;
יעדען שטערען געהאַלטען פאַר אַ גאָט,
געבויט פאַר זיי טעמפּעל אין יעדער שטאָדט;
די זון האָבען זיי אויך פאַר א גאָט געטרויט;
היילינגע טורעמס צו איהר נאָמען געבויט.
האָבען מקריב געוועזען מענשען, אנשטאָט קרבנות,

קליינע קינדער געשעכט, גאָר אָהן רחמנות.
דער קעניג וואס האָט איינגענומען א שטאָט,
האָט ער זיך שוין געקרוינט מיט דעם נאָמען גאָט.
אזוי האָט נמרוד געפיהרט, וואס האָט דאמאָלס געלעבט.
דער פעבעל איז געווען בלינד און פערגרעבט,
די כהנים, די רעדעל־פיהרער, האָבען פערפיהרט די וועלט.
מיט מאַגישע קונצען גערופען הייליג,
און דערפאר בעקומען דעם בעסטען חלק.
דער פעבעל גלויבט, וואס די פריסטער זאגען,
מיט שקר די וועלט פון אמת פעריאגען.
(אזוי ווי דו זעהסט נאָך, דאָ עד היום,
ווי די פעלקער גרייזען, זינקען אין תהום.
נאָר מיר האָפען, אז מיט דער צייט
וועלען זיי בעקענען זייערע נארישקייט.)
ביז מיין זיידע אברהם איז אויפגעשטאַנען
און האָט ערקלערט, אז איין גאָט איז נאָר פאַראַנען
וואָס בעשאפט די ערד, די זון, די שטערען, די לבנה;
אַלע פלאנצונגען און חיות פאר דעם מענשען א מתנה;
וואָס ער פערלאנגט ניט קיין מענשען פאר קרבנות,
נאָר איינער אויף דעם צווייטען זאל האָבען רחמנות.
זיין קרבן איז א הארץ א ריינע;
זיין טעמפעל איז די נאַטור די שעהנע, —
און אזוי האָט מיין זיידע געטהאָן ערקלערען
דעם גאנג פון די זון, מיט אלע שטערען;
אַזעלכע וואס לייכטען, פיקס שטערען קאמעטען
דעם גאנג, און די גרויס פון אלע פלאַנעטען,
פון דעם האָט ער דעם בערעכנונג גענומען,
די חדשים, די יאָהרען, זאָלען גראדע אויסקומען.
און נאָך פיעל חכמות האָט ער בעטראכט,
ביז גאָט גיט איהם די קראַפט, די מאַכט
איהם דעם ערשטען, געגעבען אין האנט
זיין גלויבען אין דער וועלט, צו מאכען בעקאנט.
אַזוי איז ער געגאנגען פון שטאָט צו שטאָט
בעקאנט צו מאכען דעם נאָמען פון גאָט.

ניט איין מאָל האָט ער צרות געליטען,
ניט איין מאָל מיט מלכים, מיט וויכוחים געשטריטען.
עס האָבען זיך שוין געפונען מערדערשע הענט
וואָס וואַרפען איהם אין פייער, ער זאל ווערען פערברענט.
נאָר דער גאָט פון אברהם איז פול מיט רחמנות,
ער האָט איהם מציל געוועזען פון די גרעסטע סכנות.
די מענשען, וואָס האָבען דאָס געזעהען מיט די אויגען,
האָט ער פיעל פון זיי צו זיין אמונה צוגעצויגען.
דעם זעלביגען גלויבען האָט ער פאר זיין לעבען
מיין פאטער יצחק איבערגעגעבען;
מיין פאטער האָט אויך, מיט חכמה, מיט תבונה
צוגעצויגען הונדערטער צו זיין אמונה,
און אזוי האָט מיך מיין פאטער דערהויבען
אין איין גאָט, אייביג צו גלויבען,
וועלכער האָט קיין גוף, וואס איהם דערהאלט,
קיין אָדערען, קיין גלידער, אויך קיין געשטאלט.
ער האָט קיין אברים, און דאָך קיין בעל מום;
ער האָט קיין אויגען און זעהט אומעטום.
און יעדער בעשעפעניש, איז דורך זיין בעגריף, —
וויים וואס אויבען, וויים וואס אין דער טיעף,
ער האָט ניט קיין ברייט, קיין הויך, קיין מאס, קיין אָרט,
און איז פול אומעטום, דאָ און דאָרט.
קיין פערבארגענהייט, איז פון איהם פערשטעלט,
ער טהוט וואס ער וויל, ער וויל וואס איהם געפעלט.
גוטע גיט ער שכר, שלעכטע ווערען בעשטראפט;
פערלאָזט ניט דעם, וועלכער צו איהם האָפט;
ווי וואויל איך לערען אלעמען, וואס גאָט הייסט,
אָבער דיר נאָך מעהר, ווייל דו ביזט מיין טרייסט.
דיין מוטער וואר מיר, טייערער פון אלע,
דו, מיין בן פורת, ביזט איצט איהר אָרט ממלא.
די בכורה, די הערשאפט אין שטוב און אין פעלד,
גיב איך דיר איבער, ווייל דו ביזט א העלד;
דען אין מיין ראובן׳ען האָב איך דערקענט,
ער איז צו איילענד, ער פלאמט, ער ברענט,

און א הערשער צו זיין, איז די הויפּט-זאַך געדולדיג,
זאָגסט קאָן דער ריינער ליידען אומשולדיג.
דארום גיב איך דיר די בכורה איבער,
דאצו א העמדעל אין פּאסען, ווייל דו ביזט מיר ליעבער,
צום באווייז, אז דו שטייגסט שוין די ברידער אריבער;
דען דער בכור דארף געהן אנדערש געקליידט,
צום באווייז, אז ער איז דער הערשער נאָכ׳ן פאטערס טויט;
מיין ברודער עשו, האָט אויך קליידער פּרעכטיג און קלאָר,
איידער מיין פאטער, מאכט מיר פאר א בכור
צו ווייזען, אז דו ביזט ביי מיר מעהרער געאכט,
גיב איך דיר א זיידענע העמדעל, פון מצרים געבראכט
פאר א צייכען פון הערשאפט וועט זי דיר דינען,
דו וועסט ריכטען, שטראפירען, נאָך דיין פערשטאַנד און זינען;
דו קענסט די הערשאפט איבערגעבען דיינע דורות;
דו ביזט מיין בן זקנים, דיך רוף איך בן פורת.
איך געה יעצט, מיין קינד, אין מיין חדר בעזונדער
בעטראכטען און לערנען גאָטעס וואונדער.

(יעקב געהט אריין אין זיין חדר. יוסף פערבלייבט אליין).

יוסף

מיין פאטער האָט מיר, פאר א הערשער געמאכט,
צום צייכען טהוט ער מיר אָן א העמדעל א פּראכט.
דאָס איך וועל הערשען מיט קראפט, מיט מאכט,
און דעם געדאנק פון הערשען, ביי טאג ווען איך טראכט,
קומט דאָס מיר פאָר, אין טרוים ביי נאכט, —
שוין דעם צווייטען מאָל, אז מיך טרוימט, און ווי קלאָר,
פונקט ווי עס וואלט דאָס זיין אויפ׳ן וואָהר.

(די צעהן זיהן פון יעקב קומען אריין געקליידעט נאך אזיאטישער מאָדע מיט פּייל- און בויגענס ביי דער זייט. יוסף בעמערקט, אז זיי קוקען אויף איהם אייפערזיכטיג, ער זוכט ווערטער, אריינצוקומען מיט זיי אין א געשפּרעך).

יוסף

איך האָב אייך דערצעהלט מיין חלום נעכטען,
וואָס איהר רעכענט מיר דורך דעם פאר א שלעכטען,

אַז צו מיין גארב בוקען זיך אייערע גארבען;
איך בעמערק אייער געזיכט בייט זיך אין אלערליי פארבען;
נאָר רעדט וואס איהר ווילט, טראכט וואס איהר טראכט,
הערט נאָר מיין טרוים פון היינטיגע נאַכט:
היינטיגע נאכט, טרוימט מיר א טרוים,
אז איך שטעה אונטער דעם הויכען רוים;
פלוצלונג הייבען זיך אָן פלאנעטען צו קעהרען,
און די זון מיט די לבנה מיט עלף שטערען,
בוקען זיך אלע מיט הכנעה צו מיר,
פונקט ווי דער קנעכט פאַר זיין הערינס טיר.

(יעקב הערט עס אין זיין חדר, ער קומט אריין, און בייזערט זיך אַז אויף יוסף).

יעקב

דו רעדסט נאָך איבער די דומהייט ווידער,
אַז איך און דיין מוטער, און דיינע ברידער
וועלען שטעהן פאר דיר, געקניטערהייט, —
פערגעסט, אז דיין מוטער איז שוין לאנג טויט.

(יעקב געהט אריין צוריק אין זיין חדר, יוסף געהט איהם נאך, די ברידער פארבלייבען).

שמעון

ווי געפעלט אייך קינדער זיינע חלומות?!
ער איז דאָס דער פאסטוך, און מיר די בהמות!

לוי

ניין, ברודער! דו זאגסט נאָך שלעכט, —
ער איז דער הערשער, און מיר די קנעכט.

יהודה

אויב איהר ווייסט ניט איצט, וואס די העמדעל באטייט,
וועט איהר עס פערשטעהן מיט דער צייט.

זבולן

ווייל ער פון הערשען טעגליך טראכט,
דרום טרוימט זיך איהם דאָס זעלבע ביינאכט.

ראובן

איהר ווייסט זיין מיין פון רכילות טרייבען?
כדי ער זאל דער איינציגער יורש בלייבען.

יששכר

אזוי פיהרט זיך די וועלט, אזוי געפינען מיר בעשריבען
איין זוהן ירש'ענט, די איבעריגע ווערען פערטריבען,
ווייל הבל האָט געוואָלט קין'ען פון ירושה פעריאָגען,
דרום האָט איהם קין צום טויט געשלאָגען.
דער אלטער נח האָט חמ'ען פערטריבען,
נאָר איין שם איז ביי דער ירושה געבליבען;
דער עלטער-זיידע אברהם גיט יצחק'ן ירושה, —
ישמעאל'ן מיט זיין מוטער פערטריבען מיט בושה;
דער זיידע יצחק גיט אונזער פאטער די ברכות,
און עשו'ן א פרנסה, פון שווערד מלאכות.
אָט דעם זעלביגען עסק, דעם אייגענעם משא-ומתן,
מאכט דאָ יוסף מיט אונזער אלטען טאַטען.
קריכט מיט חניפות צו איהם אין בוזים אריין,
כדי אונז מעביר נחלה צו זיין. —

נפתלי

די וועלט זאגט: ווען עס איז פוסט דער מאגען,
יענער מוז פיעל כעס טראגען.

אשר

מיר זענען דאָך נאָר עסען געקומען,
וואָס האָבען מיר זיך אין רייד פערנומען.

ג ד

קומט ברידער! שוין צייט מיטאָג עסען,
דאָס וועט אייך די שנאה פערגעסען

ד ן

אז מיר ווען דעם מאגען זיין מהנה,
וועלען מיר שוין דעם צווייטען ניט זיין מקנא.

(די ברידער געהען ארוים. יעקב קומט אריין, מיט דעם ספר אין האנט. נאך איהם יוסף. ער זעצט זיך אויפ'ן שטוהל. יוסף נעבען איהם. יעקב קוקט אין ספר. פלוצלונג ווערט ער ענטציקט פון דעם ספר).

יעקב

פיעל בין איך עם ביי דיר ווערט,
אז איך האָב דיר דעם ספר ערקלערט.

יוסף

איך קען דיר פאטער ביי מיין לעבען שווערען,
אז איך וועל טאָג און נאכט אין דעם ספר קלערען.
איך וואלט וועלען מיינע ברידער זאלען אויך האלטען דאָס געבאָט,
ניט אָפּקעהרען פונ'ם וועג, פון דעם לעבעדיגען גאָט;
ווייל פיעל מאָל טהוען זיי וואס ניט רעכט:
די קינדער פון בלהה, רופען זיי קנעכט;
דו פאָטער האָסט דאָך אונז געלערענט פערקעהרט, —
מביש זיין א חבר, זאל ניט ווערען געהערט.
אַלע זענען מענשען, ווער נאָר אָן אָטהעם האָט,
רייך און אָרים זענען גלייך ביי גאָט.
בפרט ברידער מוזען זיך געוויס זיין צייח,
איינער דעם צווייטען ניט צו זיין מביש.

יעקב

(צום קנעכט).

שמה!

(שמה לויפט אריין).

שמה

וואָס ווינשט איהר, מיין הער?

יעקב

די קינדער האָבען אָפּגעגעסען? רוף זיי אהער!

(שמה לויפט ארויס).

יעקב

(צו יוסף׳ן).

באלד זאג איך די קינדער אָן,
זיי זאלען ווייטער די אומרעכט ניט טהאָן.

יוסף

נאָר פאטער מיט א געלאסענע מינע,
זיי זאלען אויף מיר ניט טראָגען קיין שנאה.

יעקב

זיי רוהיג מיין קינד, איך וועל געוויס פערשטעהן
מיט געלאסענע ווערטער מיט זיי זיך צו בעגעהן.

(די ברידער אלע קומען אריין, גענעהענען צום פאטער).

א ל ע

וואָס איז ליעבער פאטער?

יעקב

ניין, קינדער! נאָר עטוואָס מאָראל,
מוסר שאדט קיין מאָל ניט, דאָס איז א כלל.
דער מענש מוז זיך בערעכענען אלע טאג, אלע צייט,
ער זאל פון פונקט ניט אוועקגעהן וייט;
אויף יונגע מענשען איז דאָס געזאָגט געוואָרען,
בפרט איך צו מיינע אלטע יאָהרען.
איך בין שוין א מאן פון הונדערט אכט יאָהר;
מיין קאָפּ, מיין באָרד, איז פול מיט גראָע האָר.
מיין לעבען איז אוועק, אין צרות, אין רויך,
פון עשו׳ן, פון לבן׳ען, פון דינה׳ן אויך.
דער טאָג פון טויט איז פון מענשען פערשטעלט,
אומגעריכט פערלאָזט מען א וועלט;
איך לאז איבער אן אייגענס פאר אייך, מיינע קינדער:
זילבער און גאָלד, שאָף און רינדער;
עופות אין הויף, האָניג אין די וועלדער,
הויזראט אין שטוב, תבואה אויף די פעלדער;
איהר וועט געניסען, מיט פערגעניגען, פרעהליכערהייט,

אייער טאַטענס מיה, וואס האָט אייך אָנגעגרייט ;
אָבער פיעל מענשען האָבען דעם פעהלער געהאט,
בעקומען האָפערדיגקייט, ווען זיי זענען זאַט,
געהען אויפ׳ן גאס מיט גאוה, מיט שטאָלץ,
פעראכטען דעם צווייטען, ווי שטיין, ווי האָלץ,
רעכענען דעם אנדערען, פאר זיך גרינגער
שעצען קיין מענשען, קיין עלטער, קיין אינגער, —
אפילו אייגענע ברידער זענען זיי מביש,
היט אייך קינדערלעך ! דאָס איז חיות !
גאָט האָט אלעמען אין איין פורעם בעשאפען,
אָרעמע און רייכע, הערען און שקלאפען,
שעצט יעדען מענשען מיט ענוה זייט געציהרט,
אזוי האָט זיך מיין זיידע אברהם געפיהרט.
מיין פאטער האָט אויך קיינעם בעריהרט.
שענדליך איז יענער, ווער עס שטאָלצירט,
ער ווערט אויסגעלאכט פון גאָט און פון לייט ;
יאָגט ער זיך נאָך כבוד, איז דער כבוד פון איהם ווייט,
געהט אלע קינדער אין פעלד, אייער שאָף ווייַדען,
אין אנ׳אנדער צייט, וועל איך מעהר דערפון ריידען.

(יעקב שטעהט אויף פון זיין שטוהל, געהט אריין אין זיין חדר, יוסף געהט איהם נאָך, די ברידער בלייבען אליין).

יהודה

די רייד פון אונזער פאָטער, ווי געשמאַק, ווי זיס.

זבולן

דאָך איז דאָ פאראנען פון בעל רכילות א ביס.

(שמה דער קנעכט, וועלכער איז ביז יעצט געשטאנען ביים טיר, גע־נעהענט צו די ברידער).

שמה

יוסף האָט ערשט מיט אייער פאטער גערעדט,
ער האָט איהם דערצעהלט פון אייך דעם חטא.
דאָס איהר שטאָלצירט, מיט גאוה פיעל,
אייער פאָטערס רייד, שטרעבט אויך צו דעם ציעל.

שמעון

ניין, ברידער! איך וועל מיך מיט איהם ניט קריגען,
מען וועט איהם ניט ארויסטרייבען מיט ווערטער די פליגען.
צו דעם יונג וועל איך אן אנדער מיטעל קריגען.

(ענדע ערשטע סצענע).

צווייטע סצענע.

(אין פיער וואכען ארום).

(דער וועג ביי דותן, עטליכע ביימער ביי דער זייט, א פאר שטיבלעך איז צו זעהען פון דער ווייט, נעבען די ביימער הינטען איז צו זעהען עטליכע פאסטוכער, די בהמות פיטערען זיך אויפ'ן לאנקע. פון פארענט איז צו זעהען א גרוב, לעבען גרוב געהט ארום יוסף. אויפ'ן פלייצע א הירטענטאש. ער קוקט זיך ארום אזוי ווי ער זוכט וואס. פון דער אנדערער זייט קומט אן א מענש).

דער מענש

וועמען זוכסטו? יונגער מאן!

יוסף

מיינע ברידער, ווייסט איהר ניט, וואו זיי זענען פאראן?

דער מענש

ווער זענען זיי?

יוסף

יעקב העברי'ס קינדער.

דער מענש

אָט ניט לאנג זענען זיי דאָ געוועזן,
אויפן' וועג פון שכם האָב איך זיי געזעהען;

איך האָב געהערט, ווי זיי ריידען,
אַז זיי ציהען קיין דותן, די שאָף ווײדען.

(דער מענש געהט אוועק. יוסף קוקט זיך ארום. ער דערזעהט די ברי־
דער פון ווייטען).

יוסף

מיינע אברים ציטערען, מיט שרעק, מיט רעש:
איך פירכטע מיך פאר זייער כעס.
איך מוז אבער פאלגען, מיין טאַטען דעם אלטען,
זיין שליחות איז מיר הייליג, איך מוז עס האלטען;
מיך וועט שטיצען די מצוה, דער זכות,
דער פאטער שיקט דאָך מיר, ברייננגען א גערוס,
וואָס טהוען די ברידער, וואס מאַכען די שאָף,
דאָס וועט מיך שטיצען פון זייער שטראָף.

(יוסף געהט ווייטער, נאָהענט צו די ברידער).

לוי

אַט געהט דער בעל חלום, איך זעה איהם שוין קלאָר.

שמעון

ער הערשט אין חלום, אבער ניט אויפ'ן וואָהר.

זבולן

לאָמיר רייצען די הינט, איהם נאָכצוּיאָגען.

שמעון

ניין! איך וועל איהם ליבערשט מיט מיין האנט דערשלאָגען.

(יוסף גענעהענט צו זיי).

יוסף

אונזער פאטער שיקט מיך אייך ווערען געוואָהר.
דאָס פריעד פון אייך מיט די שאָף, צו וויסען קלאָר.

(שמעון כאַפּט איהם ביים האלז).

שמעון

דו האָסט דאָס רכילות פאר'ן פאטער געטראָגען,
גלייך ווערסטו טויט געשלאָגען!!

(ראובן שטעהט גיך אויף, כאפט שמעונ'ס האנט).

ראובן

ברידער! ברידער! פארגיסט ניט קיין בלוט!
זעהט זיך ארום, איידער איהר טהוט!
אָט איז א גרוב, ווארפט איהם ליעבערשט אריין,
נאָר אין אונזערע הענט, זאל קיין בלוט ניט זיין!

(לוי, יהודה, זבולן, טראגען איהם צום גרוב, ציהען איהם אפ דאס העמ־דעל, ווארפען איהם מיט האסט אריין. עס הערט זיך א געשריי „אוי" און עס בלייבט שטיל, די ברידער אלע געהען אוועק אויף זייער ארט).

יוסף

(פון גרוב).

אָ, ווי גרויס איז דער כעס פון מיינע ברידער,
איך האָב געמיינט עס צושיטען זיך מיינע גלידער.
אח, ווי שווער דער דאמפ איז דאָ, ניט צו דערהאלטען, —
עגדעשען, שלאנגען, פול אין די שפאלטען.
איך בעשווער אייך שלאנגען, מיט דעם נאָמען פון גאָט —
וועלכער הימעל און ערד בעשאפען האָט,
איהר זאלט אייער גיפט, אין זיך האלטען,
איך בין אן אייניקעל, פון אברהם'ען דעם אלטען,
ער איז געווען דער ערשטער אויף דער וועלט,
וואָס האָט די ריינע אמונה, פאר אלע ערקלערט.
יצחק דער גרויסער, ער איז מיין זיידע,
וועלכער איז פרעהליך געגאנגען צו דער עקידה,
ווי א ריינער קרבן, ווי אן אָפפער ריח,
האָט ער אויסגעשטרעקט זיין האלז, אויפ'ן מזבח.
איך בין דער זוהן פון יעקב, די הייליגע נשמה,
וואָס האָט מנצח געווען א מלאך אין דער מלחמה.
איך בעשווער אייך אינ'ם נאָמען פון מיינע הייליגע אבות,
איך בעשווער אייך מיט דעם נאָמען פון הגואל ממות,
וואָס בעשאפט די זון, די שטערען, די ערד, דעם ים,
איהר זאלט מיר ניט טויטען מיט אייער גיפטיגען סם.

(די ניין ברידער קלייבען צוזאמען שטיינער, און זעצען זיך עסען. ראובן שטעהט ווייט פון זיי. ער פערשפרייט די הענט צום הימעל).

ראובן

איינציגער הערשער, איבער אלע דיינע וועלטען,
דו בויסט מיט חכמה, דיינע הימעלשע געצעלטען;
האסט מיט רחמנות די נאטור געשטעלט,
מיט חסד, מיט רחמים, פיהרסטו דיין וועלט;
דיין חסד ווערט געזעהען אומעטום,
פון דעם טאנענבוים, ביז די בלום;
פון דעם מילב, ביז דעם העלפאנד,
איז אומעטום דיין רחמנות בעקאנט.
שיק אריין דיין רחמנות צו מיינע ברידער,
אומצוקעהרען יוסף'ן צום פאטער ווידער.
מיר זאלען ניצול ווערען פון עונש פון גזר,
און אונזער פאטער פון גרויסען צער.

(ווי די ניין ברידער עסען, לעגט יהודה זיין ברויט אנידער, ווייל איהם נעהמט קיין עסען איין).

יהודה

מיין הארץ קלאפט מיר, עס טרייסעלט א צאהן אן א צאהן,
מיר יעקב'ס קינדער, זאלען אזוי אן אומרעכט טהאן.

שמעון

איצט ווילסטו ניט, וואס דו האסט פריהער געוועלט,
א ווילע ווארפט דיר אין היץ, א ווילע אין קעלט.

יהודה

ווייל דו האסט א שטיינערנע הארץ,
פיהלסטו קיין פרייד, שפירסט ניט קיין שמארץ;
אבער פליישענע הערצער ווערען געביטען,
ווייל דער צער, דער רחמנות, ערוועקט איהם די זיטען.

ג ד

אבער לאזען איהם צום פאטער, קען עס אויך ניט גילטען,
ווי נח כנען'ען, אזוי וועט ער אונז פערשילטען.

(אראבער פאהרען אן מיט קעמלען, די ברידער קוקען זיך אום).

לוי

אַט געהען אראבער מיט סחורה.
פיללייכט געהען זיי צום גרוב, האָב איך מורא.

יהודה

איך וועל איהם צו די אראבער פערשקלאווירען,
אַז זיי זאלען עס גאר ניט שפירען.

(יהודה געהט צו די אראבער, די ברידער געהען איהם נאָך).

יהודה

א גוטער מארגען מיינע הערען!

די אַראַבער

גוט מארגען, גוט יאָהר!

יהודה

וואוהין פאָהרט איהר עס אזוי געלאָדען שווער?

די אַראַבער

קיין מצרים, ליעבסטער הער.

יהודה

פיללייכט וועט איהר ביי אונז א סחורה קויפען,
וואָס האָט קיין גלייכען אין איהר אופן.

טלמון פון די אַראַבער

וואָס איז פאר א סחורה? פיעל באטרעפט?
ווייזט, פיללייכט וועלען מיר מאכען געשעפט.

יהודה

מיר האָבען צו פערקויפען א קנעכט א גוטען,
אָבער אן אויסנאהם, ניט קיין פשוט'ען.
איהר באקומט ניט זיין גלייכען אין דער וועלט,
און איהר קענט מיט איהם האנדלען אין גלייכען געלט.

טלמון דער סוחר

ווייבאלד איהר ריהמט איהם אויף אזא אופן,
טאָ וואס לוינט אייך איהם צו פערקויפען.

יהודה

דער קנעכט האָט ניט לאנג בעקומען א חסרון,
ניט לאנג איז דאָס איהם געוואָרען,
נאָר דער פעהלער איז פאר אונז, ניט פאר אייך,
אזוי איז ער מיט אלע מענשען גלייך.
דער יונגער קנעכט, פון זיין געבאָרען,
איז ער גלייך מיט אונז ערצויגען געוואָרען.
ביז ער האָט זיך איינגערעדט דעם געשלידער,
רופט אונזער פאטער „טאַטע", אונז „ברידער".
שאפען מיר זיך מיט איהם א שליחות,
נעמט ער זיך רעכענען מיט אונז יחוס;
הייסען מיר איהם טהאָן א מלאכה,
זאָגט ער מיר זענען פון איין משפחה.
שלאָגען מיר איהם, מאכט ער א גערודער.
ברידער שלאָגען אן אייגענעם ברודער?
מיר האָבען אין גלעד געפרעגט א סגולה,
האָט מען אונז געהייסען טהאָן א תחבולה:
מען זאל איהם דערשרעקען, אונגעריכט,
ביז עס זאל זיך בייטען דאָס בלוט אין געזיכט;
אָדער פון א הויכען באַרג איהם וואַרפען אראָפּ
דאן וועט איהם ארויס דער שום פון קאָפּ,
מיר האָבען דאָס שוין אויך געטאָן,
און דער יונג בלייבט ביי זיין שגעון;
מיר האָבען איהם היינט גענומען פון שטוב,
און פלוצלונג אריינגעוואָרפען אָט דאָ אין גרוב;
נאָר אומזיסט אונזער מיה, אונזער לייד,
ער שרייט פון גרוב אויף די זעלביגע רייד.
אויב אייך, בעסטער פריינד, דער קנעכט געפעלט,
קענט איהר איהם האנדלען, אין גלייכען געלט.

טלמון דער סוחר

ברײנגט איהם אהער, מיר װעלען איהם זעהען,
װעט ער אונז געפעלען, קען דאָס געשעהען.

יהודה

(צו די ברידער).

גיכער ברידער! גיט אײך א קער,
נעהמט איהם ארױס, ברײנגט איהם אהער.

(די אראבער בלײבען דא שטעהן מיט די ברידער, שמעון, לוי לױפען צום גרוב).

שמעון מיט לוי

האלט זיך אָן פאר די שטריק!
מען װעט דיר ארױסציהען צוריק!

יוסף

(פון גרוב).

איהר האָט אײך פאָרט אָהן מיר דערמאָנט,
איהר האָט מיר דאָך, פאר א ברודער דערקאָנט.
בלוט איז קײן װאסער, דאָך אײן לײב, אײן זעל,
גיט פיעל לאָזט איהר מיר, ליגען אין הײל;
אח, דער דאמפּ, דער גרוך, װי שטארק, װי שװער:
עגדעש'ן, שלאנגען, װאו מען גיט זיך א קעהר.
זאָגט מיר ברידער, מײן חטא אצינד,
װעל איך עס שױן מעהר ניט טהאָן די זינד.
איך שװער אײך פאר עדות, די ערד, די זון,
אז דער פאטער װעט ניט װיסען א האָר דערפון.

(די ברידער ענטפערען איהם קײן װארט, פיהרען איהם צו די אראבער).

טלמון דער סוחר

(צו יוסף'ן).

שרעק דיך ניט, זײ בארוהט,
אן אָרענטליכער מאן איי איבעראל גוט.

יוסף

(מיט שרעק).

איהר פערקיופט מיר! אוי וועה! אוי ווינד!
א קנעכט! א שקלאוו! יעקב׳ס קינד!!

(די אראבער לאכען).

טלמון דער סוחר

ווארף אוועק דיין שגעון,
וואס האבען דיר דען די לייט געטהאן?

יוסף

וואס קען מען שוין טהאן ערגער שלעכט,
אז ברידער פערקויפען א ברודער פאר א קנעכט?!

(די ברידער לאכען).

יוסף

אויף דעם אלטען טאטען האט רחמנות ברידער!
קעהרט מיך אום צום טאטען ווידער.

שמעון

טריקענסט דאך אומזאנסט דיין גומען,
דו קענסט שוין מעהר צו אונז ניט קומען.
פאק איין אין רייזע-טאש דיינע עלילות,
דיינע האפערדיגע חלומות, מיט דיינע רכילות, —
און נעהם דאס אלעס קיין מצרים מיט,
פיליכט דארטען וועלען זיי דיר טראגען פראפיט.

יוסף

(מיט שרעק).

אין מצרים?! דארט איז דאך ביי זיי דער רעכט,
אז אייביג פערבלייבט אין מצרים א קנעכט,
ווען ער קען כאטש ווערען ביז קעניג גרויס,
קומט ער שוין אויך פון דארט ניט ארויס.
וועה צו מיר!...

שמעון

שטיל ! ! ! זאָג איך, רייד נאָך ניט א וואָרט ! !
בעקומסט גלייך דעם טויט אויף אן אָרט ! !

טלמון דער סוחר

דאָס קימערט אונז ניט, מיר לאַכען פון דעם,
זאָגט אונז נאָר, וואס ווילט איהר פאר איהם ?

יהודה

דער מקח איז דרייסיג טאָלער שטיק,
נעהמט אייך דעם יונג און פאָהרט מיט גליק.

יוסף

איינציגער גאָט ! קוק אראָפּ אויף דיין וועלט,
ברידער פערקויפען א ברודער פאר געלט !

טלמון דער סוחר

(צו די ברידער).
דער מקח איז פאר א קנעכט אָהן חסרונות,
ער אבער האָט דאָך אין זיך שגעונות.
צוואנציג טאָלער, נעמט אויב איהר ווילט,
גערעדט, פערפאלען, געוואונען, — פערשפּיעלט.

יהודה

לאָז זיין מיט גליק, האנדעלט א מציאה ;
נעהמט אייך דעם יונג, פאָהרט אייער נסיעה.

יוסף

צו צוויי טאָלער אויף א חלק, ברידער דאָס איז גוט , !
פאר צוויי טאָלער פערגיסט איהר אייער פאטערס בלוט ? !

(די ברידער לאַכען נאָך מעהר. דער סוחר צעהלט אָפּ יהודה'ן די צוואנציג טאָלער, זיי געהען צוריק אויף זייער אָרט).

יוסף

(צו די סוחרים).

ליעבסטע פריינד! פיהרט מיך צו מיין טאַטען,
איהר וועט פיעל פערדיענען, אָהן דעם משא ומתן.

טלמון דער סוחר

(מיט צארען).

שטיל דו שוטה, דיין שגעון ווארף אוועק!
וועסט ריידען נאָך אמאָל, בעקומסטו שלעק!

(יוסף בלייבט שטיל, די אראבער פאהרען אָפּ, יוסף פיהרט די קעמלעד. ביז מען זעהט זיי שוין ניט אויף דער סצענע, איינינע מינוטען פויזע. ראובן קומט אַן, לויפט צום גרוב, געפינט יוסף׳ן ניט. ער פערברעכט די הענט און לויפט צו די ברידער).

ראובן

יוסף איז דאָך ניטאָ אין גרוב.
ווי קום איך פאַרט צום טאַטען אין שטוב.

יהודה

שריי ניט ברודער, עס איז אלץ רעכט,
מיר האָבען איהם פערקויפט קיין מצרים פאר א קנעכט.

ראובן

דער טאַטע האָט דאָך איהם צו אונז געשיקט,
ער וועט דאָך זאגען, מיר האָבען איהם דערוואַרגען, דערשטיקט.

יהודה

איך זאג: מען זאל קוילען א ציגעלע א קליינע,
ווייל דאָס זעהט אויס, ווי מענשען בלוט ריינע,
כדי דער אלטער זאל עס ניט שפירען,
דערמיט זאל מען דאָס העמדעל באשמירען;
זאָגען, אז מיר האָבען עס אין וואלד געפונען,
דערביי האָט נאָך בלוט גערונען,
ביז ער וועט זיך אויף דעם בעשליסען,
אז חיות אין וואלד האָבען איהם צוריסען,

און מיר זאלען איצט מיט א שבועה שווערען,
אז קיינער טאָר עס דערפון ניט געוואָהר ווערען.

ראובן

לאָז זיין אזוי, איך האָב דאָך קיין ברירה,
נאָר פאר'ן טאַטען האָב איך מורא.
ברייננט מען דאָס העמדעל דעם אַלטען,
וועט ער געוויס פון כעס ניט דערהאַלטען.

שמעון, לוי, יששכר זבולון

יהודה איז אייביג א געשיקטער מאן,
דאָס איז זעהר א גוטער פלאן;
מיר וועלען דעם סוד ניט אויפגעבען,
אפילו ווען עס געהט אונז אום לעבען.

(זיי גיבען זיך אלע הענט. קוילען א קליין ציגעלע. טונקען איין דאָס העמדעל אין בלוט, צורייסען איהר אין עטליכע טייל, יהודה ווייזט זיי דאָס העמדעל).

יהודה

אַזוי איז גוט?

אלע

בראוואָ!!

(ענדע צווייטע סצענע).

דריטע סצענע.

(עס קומט פאר אינ'ם הויז פון יעקב. יעקב געהט ארום איבער'ן שטוב שרעקליך פערזארגט און רעדט צו זיך אליין.

יעקב

צייט איך בין פון פריה פון שלאָף אויפגעשטאַנען,
שרעקט מיר מיין הארץ, איך ווייס ניט פון וואַנען.
הענט און פיס טרייסלען מיר, מיינע אברים ציטערען,

איך פירכטע מיך פאר מיין חלום דעם ביטערען,
עס טרוימט מיר די נאכט, אז חיות אלערליי:
לייבען, שלאנגען, אן אייזעל אויך אונטער זיי,
יאָגען אלע נאָך אן אָקס א יונגען,
ביז זיי האָבען איהם פעסט בעצוואונגען.
ער שרייט מיט קולות, בעט זיך ביי זיי;
די אכזרים קימערט ניט זיין געשריי,
צורייסען גלידערוויז, ווער — א האנט, ווער — א זייט, —
גלייך זיי וואָלטען ניט הערען וואָס דער עלענדער שרייט.
ביז ער איז געבליבען אָהן קראפט, אָהן מאכט;
זיי אָבער פרעהען זיך מיט זייער יאכט;
איך כאפ מיין פייל אין בויגען לויפען נאָך זיי;
דאן האָב איך מיך אויפגעוואכט פון מיין געשריי.
עס האָט מיר געברענט מיין כעס, מיין צאָרן,
און בין באלד צוריק אנטשלאָפען געוואָרען.
דאן איז מיר פארגעקומען אן אנדער חלום, —
אז מיין ווייב רחל עליה השלום,
שטעהט נעבען מיר, אין תכריכים געקליידט;
די אויגען פערוויינט, די הענד פערשפרייט, —
און שרייט: יעקב! יעקב! שטעה אויף פון דיין שלאָף,
חיות צורייסען אונזער עלענדע שאָף, —
טרערען מיט בלוט, פון איהרע אויגען גיסען,
און האָט אויף זיך די תכריכים צוריסען.
דעם גאַנצען טאָג מיין הארץ מיר שרעקט,
די טרערען האָבען מיר שוין דעם פנים פערפלעקט.
איך קלאָג, איך וויין, איך ווייס ניט וואָס,
גאָט פון הימעל! נאָך איז ניט פול מיין מאָס ? !
מיט די צרות פון עשו'ן, בין איך נאָך ניט זאט,
פון לבנ'ען ווענינ צרות געהאָט.
די צרות פון דינה'ן איז מיר קנאפ אפנים,
בעקומען דורך איהר א וועלט מיט שונאים.
מיט וויפיעל קעניגע האָב איך דאָס געמוזט שטרייטען,
געהאט די מלחמה פון אָלע זייטען,
א ווײַלע רוהיג לאָז מיך גאָט זיצען,

איך זאָל קענען די צייט אין טוגענד בעניצען.
איינציגער גאָט! ערוועק דיין רחמנות!
בעשיץ מיינע קינדער פון אלע סכנות!

(עס קומט אריין יהודה מיט'ן העמדעל אין האנט. נאך איהם אלע ברידער. יעקב קוקט איבער מיט האסט אלע קינדער און געפינט יוסף'ן נים. ער שרייט פירכטערליך).

יעקב

וואו איז יוסף? זאָגט מיר געשווינד!!
ווערה איז מיר!! וואו איז מיין קינד?!!

אַלע

צייט מיר האָבען פון שכם געצויגען,
האָבען מיר נאָך יוסף'ן ניט געזעהען אין די אויגען,
מיר געפינען נאָר די העמדעל אַליין,
דערקען, פאָטער! דאָס איז יוסף'ס, צי ניין?

(יעקב כאפט מיט האסט די העמדעל, בערטאכט איהר גוט, שרייט פירכטערליך).

יעקב

מיין קינדס העמד איז דאָס, אוי ווערה אוי גוואלד!!
חיות האָבען איהם צוריסען אין וואַלד!!

(יעקב כאפט מיט האסט די העמדעל, בעטראכט איהר גוט, שרייט איהם, זעצען איהם אנידער אויף א שטול. ער שרייט יעמערליך.)

יעקב

וואו האָט איהר עס געפונען, אוי ווערה אוי ווינד?!
וואו ביזטו יוסף, יוסף מיין קינד!

יהודה

אויפ'ן וועג פון שכם, אין וואַלד אָן דער זייט,
דערזעהען מיר אַ רויטע זאַך פון דער ווייט,
מיר געהען צו נאָהענט, מיר בעטראכטען דאָס גוט,
די העמד ליגט צוריסען, ארום איז פול בלוט.

מיר זוכען דאָרט ווייטער, אַ גליד צי אַ ביין,
אָבער מיר געפינען נאָר אַ שלאָד פון בלוט אַליין.

(יעקב צורייסט זיינע קליידער וואס ער טראגט).

יעקב

גאָט איז גערעכט, אויף אַלץ וואָס ער טהוט,
מיינע זינד פערגיסען די אומשולדיגע בלוט;
רחל האָט מיר שוין היינט אָנגעזאגט די בשורה,
אז חיות צורייסען דיר, דיין לייב האָט קיין קבורה.
וואו וואלגערט זיך, יוסף, דיינע איידעלע ביינער;
איך שריי, איך פרעג, עס ענטפערט מיר קיינער!
מען האָט ניט געלאָזען קיין פלייש, קיין ביין,
די ביינער אויך צוגריזשעט מיט די ציין;
מיין איינציגער נחת! מיין טרייסט, מיין פרייד!
ווי ווערסטו פון מיר פלוצלונג אָפגעשיידט!

(יעקב פאלט אראפּ פון שטול, די קינדער לויפען צו).

יעקב

רחל! רחל! מיין עקרת הבית,
פון דיין קינדס פלייש זעטיגען זיך חיות.
שטעה אויף רחל! פון דיין קבר שטעה אויף!
אפשר ועסטו נאָך געפינען א סימן פון זיין גוף,
אומזיסט האָסטו געקלאָגט, טעג מיט יאָהרען,
אומזיסט האָסטו געהאָפט אויף יוסף׳ס געבאָרען.
פערלוירען דיין מיה, פערפאלען דיין יגיעה,
אַ קורצע צייט האָסטו נאָר געהאָט אַ זכיה,
צו פרעהען זיך מיט איהם, נחת צו געניסען,
חיות אין װאלד האָבען איהם צוריסען;
דרום ביזטו גיך פון דער וועלט אָפּגעפלויגען־?
זאָלסט די צרות ניט זעהען, מיט דיינע כשר׳ע אויגען,
איצט שפּירסטו קיין צער,
ווייסט פון קיין גזר,
פון היינטיגען טאָג
ווייסטו קיין קלאָג,

ביזט זאַט מיט פרייד,
ווייסט פון קיין לייד,
פון די שכינה איהר ליכט
שיינט דיין געזיכט.
קיין טרויער, קיין יאָמער, אין דיין רוהיגע דירה,
מיט די הייליגע מלכים זינגסטו מיט שירה.
ליבערשט וואָלט מען מיך אויך צום קבר געטראָגען,
איידער איך דארף היינט נאָך יוסף'ן קלאָגען.
מיינע זיסע חלומות, זיינען אין ים דערטרונקען,
מיינע זיסע האָפענונגען האָבען אין תהום פערזונקען.
מיך טרוימט, אַז יוסף וועט מיך אויף דער עלטער שפייזען,
אָבער האָפענונגען ווילען נאָר דעם מענשען גרייזען,
דו שפייזט מיך היינט מיט טרעהרען, מיט שוויים,
דו שפייזט די חיות, מיט דיין איידעלע פלייש.

(יעקב פערברעכט די הענט און לאזט אראפ דעם קאפ. עס קומען אריין זיינע שניר און זיין טאכטער דינה, און בנימין א אינגעל פון ניין יאהר. יעקב נעמט איהם פאר'ן האנט).

יעקב

דו זעהסט בנימין! וואו דיין ברודער האַלט!
דאָס האָט מען זיין העמדעל געבראכט פון וואלד,
חיות צורייסען איהם אבר פאר אבר,
וועה איז מיר און אייער מוטער אין קבר.

(דינה און די אלע שניר וויינען זעהר פיעל).

דינה

פאָטער! דו האָסט אונז געלערענט, אַז אויף דער וועלט
זיצט דער מענש אין אַ גאַנץ שוואכען געצעלט,
ווי די עלענדע שאָף אין דעם ים דעם גרויסען,
די וואלען, די שטראָמען, פון די זייטען איהר שטויסען.
און ביז זי שלאָגט זיך צו צו אַ ברעג,
איז זי אין געפאהר די גאנצע וועג,
שטראָמען און ווינטען,
פון פאָרענט, פון הינטען,

עס געהט ניט אוועק
אַ רגע, אַ מינוט,
דורכאוים אין שרעק,
אין סכנות זיין בלוט,
שרעק און פערדרוס
איז אויף יעדער פוס,
צרות און ניט גוט
אין יעדער מינוט,
דאגה און זאָרגען
פון נאַכט ביז מאָרגען,
דעם פעהלט פרנסה, דעם פעהלט קינדער,
דער איז קאַליקע, דער א בלינדער.
דער האָט שונאים אויף זיין לעבען לויערן,
דער אויף קינדער זיינע אויגען טרויערן.
דעם נעהמט מען זיין כבוד, דער געפינט קיין רעכט,
דער איז אומגליקליך, דורך אונטרייע קנעכט;
דעם גיט זיין פרנסה, אין עק וועלט א טרייב,
דער איז אומגליקליך דורך אַן אונטרייע ווייב;
דער זוכט רייכטהום און געפינט — אביונות, —
דער זוכט און געפינט — בזיונות:
דער זוכט ממשלה, און געפינט דעם טויט;
דער האָט פיעל קינדער, און האָט קיין ברויט,
דער זוכט גליק און טרעפט פערקעהרט;
דער שרייט „אמת!“ און ווערט ניט געהערט;
נאָר וואָס בעטרעפט יעדע צרה, יעדער נויט,
קעגען דעם שרעקליכען פינסטערען טויט,
ווי דער ווארים קעגען לייב, די ליכט קעגען פלאַם,
ווי אַ טראָפּען וואסער קעגען דעם גרויסען ים.
דאָ שטאַרבט א פאָטער, אָהן א טאָלק, אָהן א לאַד,
בלייבען ווייב און קינדער אויף אייביג נע ונד.
דאָ שטאַרבט אַ בן יחיד, דער טרייבט פון שטוב,
די מוטער לעגט זיך מיט איהם אין איין גרוב;
דאָ לעגט מען אַ כלה אין פינסטערען קבר אריין,
מאָרגען האָט דאָס געזאָלט איהר חתונה זיין,

דאָ געפינט אַ קעניגס זוהן, אין קבר זיין מנוחה,
וואָס איז שוין בעשטימט געווען צו ירש'ענען די מלוכה;
דאָ זענען דריי קינדער ביי אַ פּאָטער געשטאָרבען,
איצט טראָגט ער דעם לעצטען פאר'ן טויט אַ קרבן;
ווער איז דער איינער, וואָס זאָגט גאָט אַ דעה,
דאָ העלפט קיין שוחד, דאָ גילט קיין מטבעה,
זיין וועלט־ראָד לויפט ווי ער איהם דרעהט,
ער פיהרט זיין וועלט ווי ער פערשטעהט,
דאָס איז טאָקע דיין לעהרע, פאטער געטרייער,
פון אמת געבויט, וויכטיג און טייער.
געדיינק דעם וועלט־פיהרער, ווער עס געבאָט און הייסט,
דיינע אייגענע ווערטער זאָל דיר דיענען צום טרייסט.

יעקב

יע מיין קינד! ווען איז דאָס גערעדט,
אז דער מענש אליין האָט אין דעם קיין חטא,
דער מענש מוז זיך אַליין פון סכנות פערהיטען,
און בעטען גאָטעס שטיצונג זיין הילף אין מיטען,
אָבער דאָ בין איך שולדיג, געהייסען עס איינעם געהן,
אין אַ וועג פון סכנות געשיקט איהם אַליין.
ניין, קינדער, איך וועל איהם אייביג בעדויערען,
ביז צו מיין קבר וועל איך נאָך איהם טרויערען.

(אין דער צייט ווען יעקב רעדט, קומט אריין יצחק מיט א שטעקען אין האנט, דען ער איז בלינד, ווען יעקב רעדט, בעמערקט ער ניט, אז זיין פאטער איז אריין, דערנאך דערזעהט ער איהם, און פאלט ארויף אויף יצחק'ן.)

פּאָטער! אויפ'ן באַרג מוריה, הייסט גאָט דיך צו שעכטען דאָרט,
דאָך האָט מען נאָר מקריב געווען אַ שעפּס, אויף דיין אָרט.
אָבער מיין יונגען שעפּס האָבען טאָקע חיות צוריסען,
צופליקט, צושלעפּט, ניט געלאָזען קיין ביסען;
ניטאָ שוין דער טורעם, אויף צוועלף זיילען געבויט,
אַ ווינד האָט איינגעבראכען מיין יוסף איז טויט!!

(יצחק זעצט זיך נעבען יעקב אויף א שטוהל, וויינט זעהר פיעל. ענט־פערט איהם מיט זאנפטע, לאנגזאמע, ערענסטע ווערטער).

יצחק

מיין לעהרע יעקב ; בעטראכט מיט א זינען,
ווערט דאס דיר פאר א טרייסט דינען ;
גאט האט בעשאפען זיין וועלט וואס זי געהט,
מיט זיין אייגענעם רצון, ניט געצוואונגענערהייט ;
קיינער צווינגט איהם צו בעשאפען א וועלט,
נאר מיט זיין ווילען ווי איהם געפעלט.
אהן דיעזע קליינע וועלט
האט איהם אויך ניט געפעהלט,
גאט האט ניט אין זיך א חסרון,
אז דורך די וועלט איז איהם וואס בעסער געווארען ;
היינט וואס לוינט איהם א וועלט ? קענען מיר פרעגען,
וואס נוצט איהם א מענש ? וואס איז איהם דא געלעגען ?
וואס האט ער פון איהם ? וואס טראגט ער איהם איין ?
ער איז אהן איהם געוועזען, און ווערט אהן איהם זיין ;
קענען מיר דאך דערפון ניט אוועקגעהן,
אז די וועלט איז נאר פון מענשענס טובה אליין,
ווארום די גאנצע נאטור צוליעב איהם עקסעסטירט,
דאס איז אלץ אין זיין האנט און דער מענש רעגירט,
און אויב דער טויט זאל שווין זיין דער סוף,
איז דאך דער לעבען ניט קיין טובה, נאר א שטראף ?
ערקלערט דאך אונז דער אייגענער געפיהל,
אז דער מענש איז בעשאפען צו א גרעסערען ציעל,
צו אן ערהאבענעם צוועק געהען אונזערע טריט,
צו א תכלית א הויכען, וועלכען מיר פערשטעהען נאך ניט.
דען כל זמן מיר זענען מיט דעם קערפער אין איינעם,
קענען מיר ניט פערשטעהן דעם תכלית דעם ריינעם,
מיר ווייסען נאר, אז עס איז דא, אבער ניט ווי, ניט וואס,
דען דער שכל איז געגרענעצט מיט א גבול, מיט א מאס,
דרום זיי ניט מתרעם אויף דעם טויט פון דיין קינד ;
צו א העכערען תכלית געהט ער אצינד,
און פיליכט לעבט ער נאך — דאס קען נאך אויך זיין,
און זיינע חלומות ווערען נאך זעהען פאר'ן שיין,

הכלל דיין צער דריקט מיר, דרום וויין איך מיט,
אָבער גאָטעס פיהרונג פערשטעהען מיר ניט.

יעקב

דער שכל ביים מענשען איז ווי אַ פידעל אין האַנט,
אויב אַ מענש איז ביי איהר, שפּיעלט זי אַ קוראַנט,
מיין טרויער אָבער האָט מיר אַזוי איינגעבויגען,
אַז דער צער האָט דעם שכל אריבערגעוואויגען.
היינט, אַז איך בין אליין ביים פידעל ביים שכל ניטאָ,
טאָ וואָסער קוראַנט און טרייסטונג געפין איך שוין דאָ,
יאָהרען לאַנג וועל איך דיר יוסף בעדויערען,
ביז צו מיין קבר וועל איך נאָך דיר טרויערן.

(יעקב לעגט דעם קאָפּ אויף א זייט, אלע זיחן און שניר לויפען צו מינטערען איהם, יצחק ציטערט פון שרעק און שרייט יעקב! יעקב! מיין קינד! בנימין קושט די האנט פון יעקב און וויינט יעמערליך).

(ענדע דריטע סצענע).

פערטע סצענע.

(דער וועג קיין בית־לחם. פון ווייטען איז צו זעהען איינינע שטיבלעך פון אפרת, א ברייטע לאַנקע מיט הויכע גראז, איינינע קעמלען ליגען אויף די קניה און רוהען, די אראבער ליגען נעבען זיי און שלאָפען. יוסף געהט ארום בארפוס און שרעקליך פערקימערט, הענט און פיס געשמידט אין קייטען. קוקט זיך ארום אזוי ווי ער זוכט וואס, און דער־זעהט א בוים וועלכער אין איהם איז א גרויסער שטיין אריינגעזעצט).

יוסף

מיין מוטערס קבר דאַרף דאָ זיין אין דעם אָרט,
אויב ניט ביי דעם בוים, מיר דוכט, אַז דאָרט.

(יוסף נעהענט זיך צום בוים און לייענט די מצבה).

מצבת

קבורת רחל אשת יעקב.

דאָ ליגט רחל, איבעראל איז בעקאנט איהר נאָמען,
די פרוי פון יעקב, די מוטער פון יוסף און בנימין.
פיעלע יאָהרען פערגיסט זי טרעהרען,
אַז גאָט זאָל איהר מיט אָ קינד באשערען,
און ווען גאָט האָט איהר געבעט געהערט,
האָט זי נאָך איין קינד פון גאָט בעגערט,
און אַז גאָט גיט איהר איהר צווייטען פערלאנגען,
איז זי דאָ אויף דעם וועג צו קינד געגאנגען;
די וועהטאָגען האָבען איהר זעהר געקוועלט,
דאן זעגענט זי זיך מיט איהר וועלט;
איך, יעקב, פערגים טרעהרען טייכען,
אויף איהר וועלכע לאָזט ניט איבער איהר גלייכען,
אויך קיין טרעהר מיר אייביג פעהלט,
ביז איך וועל איהר זעהען אויף די אמת'ע וועלט.

(יוסף שפּאַרט זיך צום שטיין).

יוסף

אונטער דעם שטיין, מוטער! דיינע ביינער ליגען,
וועניג געניסען מיר פון דיר פערגעניגען,
וועניג זעטיגען מיר זיך מיט דיין געשטאַלט,
אין דיינע יונגע יאָהרען ביזטו שוין געוואָרען אַלט.
וועניג האָסטו פון דיין וועלט נחת געהאַט,
מיר האָבען דיין פּנים נאָך ניט אָנגעקוקט זאַט,
מיט דיין בלוט פון הארצען האָסטו מיר געזויגען,
אויף דייגע הענט האָסטו מיר געוואויגען,
און ביי די לעצטע מינוטען פון דיין לעבען,
האָסטו מיין השגחה צום טאַטען איבערגעגעבען,
ער זאָל פון מיר זיין השגחה ניט אַראָפּ נעהמען,
מיר זאָלען דיר אין קבר ניט פערשעמען,
מיין פאָטער האָט מקיים געוועזן דיין צואה,
ער האָט אונז געזעטיגט פון דיין השפעה,

פון זיין זיידען אברהם די רעכטע וועג,
לערענט ער מיט מיר נעכט מיט טעג,
אַלע מידות טובות אין מיר צו פערפלאַנצען,
דעם זיידענס ספר גיט ער מיר איבער אין גאַנצען;
אין אַ זיידענע העמדעל טהוט ער מיר פיהרען,
צום בעוויז, אַז נאָך זיין טויט זאָל איך רעגירען.
רחל׳ס קינדער זענען איהם ליעבער,
דיינע שטייגען דיין שוועסטערס אַריבער;
שטעה אויף טרייע מוטער, גיב אַ קוק אויף דיין קינד!
ער איז שוין אַ קנעכט, און פיהרט קעמלעך אַצינד.
צוקיילט, צובייזלט, יעדערער — אַ פליק, אַ ריס,
אין קייטען געשמידט, הענט און פיס.
מען האָט איהם צוגענומען פון זיין טאַטענס געצעלט,
מען האָט איהם פאַרשאַרפעט, פערהאַנדעלט פאַר געלט.
מוטער טרייע! נעהם מיך צו דיר אין קבר אַריין,
צו וואָס האָסטו געדאַרפט מרעיש עולמות זיין?
צו וואָס האָסטו געדאַרפט וויינען און קלאָגען?
צו וואָס האָסטו קנאה אויף דיין שוועסטער געטראָגען?
אַז גאָט זאָל דיר בענשען מיט אַ זון אויף דער וועלט
אויף אַ קנעכט צו זיין? צו ליידען היץ און קעלט?
צו זאַט זיין מיט שלעק אויף קעמלעך צו טרייבען?
אויף אייביג אין מצרים אַ קנעכט צו פערבלייבען?
געה אַרויף אין הימעל, פאָדער מיין רעכט.
ברידער פערקויפען אַ ברודער פאַר אַ קנעכט!
די אויערן איז זיי פערשטאָפט געוואָרען;
מיינע הייסע טרערען שטילט זיי ניט דעם צאָרן.
דאָס איז גאָט׳ס רצון, ער טהוט עס פערלאַנגען?
מען וואַרפט מיר אין אַ גרוב, פיעל עגדעשען און שלאַנגען?
מיינע ביינער זענען שיער געוואָרען צושאָטען.
ווי אַ טאָפּ אויפ׳ן פייער האָט זייער כעס געזאָטען.
מען רופט מיך שוין ניט בן פורת, נאָר אַנדערע נעמען, —
מען פיהרט מיך פערקויפען, איך וויים ניט צו וועמען;
ווער וועט מיין מילך טרינקען, מיין וואָל שערען,
וואו וועלען מיינע ביינער פערוואַגעלט ווערען?

אויפ'ן שקלאַף־מארק דאָרט וועל איך א צייט ליגען,
ביז זיי וועלען אויף מיר א סוחר קריגען.
איז דען יעקב'ס קינד דערצו בעשאַפען,
צו ליגען נאַקעטערהייד מיט אלע שקלאַפען.
מיט אלע מורינען, נעגער. יעדערער אכצעט,
נעבען זיי אויף א פּאָר שטרוי, ליגט יוסף און קרעכצעט,
די אויגען פערגלאָצט צום הימעל, די מויל קיִיט ערד.
מען וועט איהם טאַפּען זיינע גלידער, ווי אן אָקס, ווי א פערד, —
און דערנאָך וועט מען איהם מקריב זיין אויפ'ן מזבח.
גאָט וויים, צו וואס פאר א גזלן, א רוצח,
אנשטאָט אקסען וועט ער דינען, אנשטאָט פערד וועט ער ליידען.
ווען ניט, וועט מען זיין לייב אויף שטיקערהוויים שניידען.
אין פעלד וועט מען מיט איהם אַקערען, בראָנען,
דאָרט וועט יוסף זיין טאַטען דערמאָנען.
דו האָסט שטענדיג געצעהלט מיינע ווערטער די קלוגע.
איצט בין איך שוין פעררעכענט פאר משוגע.
פיעל איך שוויינ, איז נאָך רק צו קנאַפּ,
פאר יעדער וואָרט, בעקום איך א קלאַפּ.
בארוועס, נאַקעט, פעראַכטעט, פערהאסט,
ביי אכזרים אין די הענט, געשפּאַנט אין לאסט,
אָט די איצטיגע ווײלע בין איך אויך אין שרעק.
באַלד טרייבט מען מיך פון דאַנען אוועק.
פערוואָגעלט, פערוואָרפען, פון מיין היים פערטריבען,
ביי וואס איז היינט מיין פאטער געבליבען.
ווער איז זיין נחמה צו זיינע אלטע יאָהרען,
אז זיין בן פּורת איז איהם פערלאָרען.
ענטפער מיר מוטער! פון הימעל הויך!
בין איך דען שוין א יתום פון טאַטען אויך?
דען ער האָט דאָך קיין כח צו דערהאַלטען די ליידען,
בעווײן איך שוין אפנים איצטער איך ביידען?
וואס טהוסטו מיין פאָטער! וואס טהוסטו אצינד?
צי דו קלאָגסט איצט אויף יוסף'ן, אויף דיין ליעבסטע קינד?
אָדער דו האסט שוין אָפּגעגעבען גאָט דיין נשמה?
און איצטער אין הימעל פאָדערסטו נקמה?

פאר דעם הימעל געריכט טהוסטו איצט שרייען?
מאַנסט אויף דיין קינד'ס בלוט, ווי הבל פון קין?
ניין, טרייע עלטערען! טהו דאָס ניט אצינד;
זיי ווילען אליין בעקענען זייער גרויסע זינד,
מיינע אלע חלומות זענען אין תהום אריין.
זיי האָבען מיר פערזיכערט א הערשער צו זיין:
צו מיר ווילען זיך בוקען די שטערען פון די הימלען.
איך האָב איצט ממשלה — אבער איבער קעמלען;
איך האלט איצט א בייטש, אבער איך בין קיין הער.
דער בייטש איז פאר די קעמלען — פאר מיר נאָך מעהר!...
מוטער! דרום האָסטו דיין שוועסטער געווען מקנא,
ווען גאָט האָט איהר מיט קינדער געווען מהנה; —
ווייל דו האָסט געוואוסט בנבואה דעם אופן,
אז איהרע קינדער ווילען דיין קינד פערקויפען?
ניין, טרייע מוטער! איך האָב שוין קיין קראפט;
איך בלייב דאָ ליגען, ביי דיין קבר פערשלאָפט.
דאָס הארץ ווערט מיר שוואך, דאָס בלוט ווערט אנטשטאַנען,
איינציגער גאָט! נעהם מיך שוין ניט צו פון דאנען.
איך שפיר שוין קיין לעבען, קיין גליד, קיין אבר,—
אָה, ווי זים איז צו שטארבען נעבען דיין קבר,
געשמאַק איז דער טויט, ווען ער קומט אין נויט
נעבען דיר מוטער, בלייב איך טויט...

(יוסף פאלט אין אונמאכט אויפ'ן קבר. טויט. שטיל ווערט אויף דער סצענע, אין איינינע מינוטען ארום וואכט ער זיך זעהר לאנגזאם אויף. עפענט די אויגען, קוקט זיך ארום, האלט זיך אן פאר דעם בוים, ביז ער שטעלט זיך אויף די פים. א שרעקליכער זיפץ מיט א שוידערליכען קרעכץ געהט איהם פון זיין הארץ ארוים. רעדט דיעזע ווערטער מיט א גאנץ שוואכע שטימע).

פירכטערליך איז דיין שטראָף, גאָט פון נקמה!
אָבער נאָך זיסער איז דערנאָך דיין נחמה,
שטראפסט מיט צאָרען, ווילטען ציטערען פאר דיין רוט,
אָבער דערנאָך דיין טרייסט ווי זים, ווי גוט.
דיין רוט, דיין כעס, מוז מען טראגען מיט געדולד,

דען דו האסט חלילה, אין שלעכטעס קיין שולד.
ווען דו ווייזט דיין ליעב פנים, דיין פריינדליכע מינע,
פערגעסט מען שוין נקמה, קנאה און שנאה.
וואויל דעם מענשען, וועלכער צו דיר האָפט;
זאָ אויך דאמאָלס, ווען ער ווערט געשטראָפט.
דאָס גיט איהם קרעפטען, צו דערהאַלטען די לייד,
ווען ער טרינקט זיך אין צרות, איז ער פול מיט פרייד.
איך האָב געהערט א טרייסט, איצטער אין שלאָף,
מיין מוטער שרייט צו מיר: האָף, יוסף! האָף!
„ניט דאָס איז דיין ענדע, ניט דאָס איז דיין סוף;
„פערלייד מיט געדולד זיין רוט, זיין שטראָף,
„דיינע האָפענונגען אלע וועסטו נאָך זעהען קלאָר;
„דיינע טרוימען אלע וועסטו נאָך זעהען אויפ'ן וואָהר.
„כמעט א קעניגליכען צעפטער וועסטו האלטען אין האנט,
„וועסט יאָהרען לאנג הערשען אויף א גאנצע לאנד;
„ביי דיינע ברידער, וועסטו זיין דער גביר,
„דיין אלטער טאטע וועט אויך קומען צו דיר.
„מען פיהרט פאָראויס די קאלב אליין,
„דאן וועט שוין די מוטער ממילא נאָכגעהן.
„גאָטעס פיהרונג איז פון מענשען פערשטעלט,
„געהסט קיין מצרים, אבער צו שפייזען א וועלט.
„שפעטער וועט דיר פרעהען דיין איצטיגער בראך,
„נאָר טראג מיט געדולד זיין לאסט, זיין יאָך".
אָט די טייערע ווערטער האָב איך איצטער געהערט,
ווען איך בין געלעגען אין אונמאכט אויף דער ערד.
ווי דער ריינער בוימעל אויף א קראנקע הארץ,
איז מיר די ווערטער צו מיין פיין און שמארץ.
איינס קענגען דאָס אנדער, האסטו גאָט געגעבען,
ווען ניט דער טויט, ווי שפירט מען דעם לעבען;
ווען ניט דער אָסטראג, ווי שפירט מען חירות;
ווען ניט דער דלות, ווי שפירט מען עשירות;
ווען ניט העסליך, ווי שפירט מען פיין;
ווען ניט פינסטער, ווי שפירט מען די שיין;
ווען ניט שקלאווריי, ווי שפירט מען פריי;

ווען ניט פאלש, ווי שפירט מען טריי;
ווען ניט נאכט, ווי שפירט מען דאָס ליכט;
איינס קעגען די צווייטע, וועגט דאָס געוויכט.
די זאנפטע ווערטער וועלען מיך בעגלייטען
אין אלע געפאהרען, אין אלע נויטען;
דיינע רייד גיט קרעפטען אין אלע גלידער;
איך פערגעהם שוין נקמה, שנאה אויף ברידער;
דיין טרייסט היילט ווי בוימעל, ווי פוטער, —
און פריעד צו דיין נשמה, מיין הייליגע מוטער...

(אונטער דער צייט וואס יוסף האט דא גערעדט, וואכען זיך אויף די אראבער און געפינען יוסף'ן ניט. איינער דערזעהט איהם פון ווייטען. ער לויפט מיט א שטעקען צו יוסף'ן, און טרעפט איהם ביי זיינע לעצטע ווערטער „מיין הייליגע מוטער". ער כאפט יוסף'ןביים קארק און שלאגט איהם אונערבארעמליך. יוסף שרייט, דער אראבער שלעפט איהם צו די קאָמפאניע).

דער אַראַבער

די לייט פון כנען האָבען אונז זעהר בעטראָגען,
אַז דיזער יונג האָט נאָר איין פעהלער געקראגען;
ער האָט דאָך אין קאָפּ אַ גאַנצען שום:
זעהט נאָר ווי דיזער יונג איז דום:
שטעהט ביי א בוים אָנגעשפארט אָן א שטיין, —
און שרייט: מוטער, מוטער מיט גרוים געוויין.

א ל ע

ווארט ברודער, מיר זענען נאָך ניט פטור.
מאָרגען וועט ער נאָך שרייען צו א האָלץ: פאטער.

(אלע לאכען זיך פאנאנדער, דער פּ־־האָנג פאלט).

(ענדע ערשטער אקט).

צווייטער אַקט.

(אין א יאהר ארום).

(דער גארטען פון פוטיפר אין מצרים. א גארטען מיט געפלאנצטע בוימער. יוסף בעגיסט די בייטען מיט וואסער. געהט געקליידעט א שווארצע טוכענע שובע אויף זיין בלאַע העמד. זיין מיץ ארומגעוויקעלט מיט א רויטער שאל. אסנת זיצט ביי א בוים און פלעכט א קרענצעל בלומען. א פריילין אלט בערך א יאהר 15, א קורצע, זיידענע רויטע קלייד פערדעקט איהר לייב, און איהרע צעפּ זיינען קליינע גאלדענע גלעקלעך איינגעפלאכטען. אויף איהרע אויערען הענגען גרויסע רינגען. א שווארצער טול פערדעקט איהר געזיכט. פון די לעדערנע פאדעסוועס ציהען זיך שווארצע בענדלעך, וועלכע וויקלען ארום איהרע פיס ביז די קניה. אויף איהר האלז הייננט א קליינע דריי־קאנטיגע בלעכעל. קענטיג, אז עס ליגט וואס אינעווייניג).

אסנת

נעכטען זענען געסט ביי אונז געוועזן.
איהר געפעלט זיי מיט דעם ערשטען מאָל זעהען.
וואו איהר גיט אייך אַ קעהר, א בויג, —
לאָזען זיי פון אייך ניט אראָפּ די אויג.
זייט מצרים שטעהט, זייט זיי לעבען, —
שווערען זיי, האָט נאָך אַזאַ קנעכט ניט געגעבען;
זעלבסט אונטער פירשטען און גראפען,
האָט נאָך אזא שעהנהייט ניט געטראָפען;
דער פאטער האָט אייך פאר זיי געלויבט,
אז איהר זייט ביי איהם אזוי פיעל בעגלויבט,
אַז די גאנצע ווירטשאפט גיט ער אייך איבער,
פון מיר, זיין קינד, זייט איהר איהם ליעבער;

איהר זייט קלוג, געשיקט, ארבייטזאם און טריי,
דאצו א בעל נאמנות, עהרליך דערביי;
דען וואו טרעפט עס ביי שקלאווען אָדער שקלאווינען,
זיי זאלען זיין עהרליך און טריי דינען,
און צייט גאָט האָט אייך צו אונז געשיקט,
איז אונזער הויז געוואָרען בעגליקט;
די הצלחה געהט אייך מיט איבעראל:
אין פעלד, אין הויז, אין קאפּיטאל.
די געסט האָבען מיר אלע היילינקייט געשוואָרען,
דאָס איהר מוזט ניט זיין א קנעכט פון געבאָרען.
איך וואלט מיך שעצען גליקליך, ווען איהר וואלט מיר זאגען,
וואָסער ווינד עס האָט אייך אהער פערטראָגען.

(יוסף לעגט אוועק דעם קרוג, נעמט א קליינע רידעל צו פערגלייכען די ערד).

יוסף

איך האָב ביז יעצט פערהוילען
מיין געשיכטע צו דערצעהלען.
איך האָב שוין א יאָהר ביי אייך פערבראכט
און מיין געשיכטע פאר קיינעם ניט געדאכט,
ווער מיינע עלטערען זענען, ווער איך אליין
דורך וואסער אורזאך איך קום אהער צו געהן;
דען וואס מאכט עס דעם ווירט אויס,
פון וואס פאר א פאמיליע זיין קנעכט קומט ארויס.
ער איז וועניגער געאכט פון די אראבישע פערד,
ביי זיי האָט דאָך יחוס א ווערטה;
יעדער פערד האָט זיין יחוס-בריעף, זיין פעטשאַט.
וואָס פאר א טאַטען, וואס פאר א מאמען ער האָט געהאט,
און א קנעכט אין מצרים איז אייביג פערשאָלטען;
זיין יחוס האָט קיינמאָל אין מצרים ניט געגאָלטען.
וועה איז צו מיר, וועה איז צו מיינע יאָהרען,
אַז מיין יחוס קומט מיר אויף זכרון.
אַז איך דערמאָן מיך מיין טאַטען, מיין מאמען,
מיין זיידען אויך מיין עלטער-זיידען צוזאמען.

איך רוה ניט ביי טאג איך רוה ניט ביי נאכט,
אַז איך נעהם מיר מיין יחוס אין אכט.
מיין אלטער טאַטע, אז עס קומט מיר אויפ׳ן זינען,
מיין יונגע מאמע, וועלכע מיר האָט געוואונען...

(אסנת נעמט ארוים איהר שנופ־טוך און ווישט די אויגען. יוסף שפּארט זיך אַן אויף א בוים און וויינט יאמערליך).

אסנת

א שאָדען כ׳לעבען אייער שעהנע געזיכט
זאָל ווערען אין טרערען איינגעריכט.

יוסף

א שאָדען כ׳לעבען אויף רחל׳ם טרערען,
פון איהר קינד וואס קען היינט ווערען!
א שאדען כ׳לעבען אויף יעקב׳ם קינד,
וואָס זיינע זיפצען פערטראגט דער ווינד.
מיינע טרעהרען זעהען די בוימער, די בייטען
דער ווינד העלפט מיר, מיט א קרעכץ באגלייטען;
אייערע בלומען, וועלכע איהר פלעכט
אין פייכטען גארטען, איז זיי ניט שלעכט;
עס בליהען די קנאָספּען אין אלע קאָלירען
דעם גאנצען גארטען אויסצוצירען.
רייסט מען זיי אוים, וואס ווערט פון זיי?
וועלקען, דארען ווי טרוקענע שטרוי.
אזוי ליג איך דאָ פערוועלקטערהייד,
זייט איך בין פון דער היים געשייד.

אסנת

איך גלויב דאָס אייך איז ביי אונז גאָר ניט שלעכט,
וואָס אייך מאנגעלט אזוי דער נאָמען קנעכט.

יוסף

מיין גאם לאזט מיר דאָך ניט געהן פארלאָרען,
געוויס איז מיר בעסער ווי פאר א יאָהרען,

בשעת די אראבער האָבען מיר געבראכט.
„דאָ בין איך שוין פערפאלען" — האָב איך ביי זיך געטראכט,—
בשעת מען האָט מיר צום פערקויפען געהאלטען
אויפ'ן שקלאווען-מארק, וועלכער איז פול מיט גוואלטען
ביז צוויי טויזענד שקלאפען זענען מיר אויף דער ערד געלעגען
געשמידט אין קייטען, ארום חיל מיט דעגען;
הוילע, נאַקעטע, ווי מען פערקויפט פערד,
אויף עטליכע שטרוי געוואָלגערט זיך אויף דער ערד;
דאָ ליגט א פרוי געבונדען, פאר וואכען א קינפּעטאָרין,
זי ווייס ניט אפילו וואס מיט איהר קינד איז געוואָרען,
מען האָט איהר גע'גנב'עט פון איהר הויז ביי־נאַכט,
און אהער אין מצרים פאר א שקלאווען געבראכט.
זי קרעכצט און שרייט מיט איהרע כוחות די שוואכע,
נאָר די צוויי ווערטער: גאָט!! ראכע!!
דאָ שרייט א געבונדענע מיידעל צו גאָט פון אויבען
מען זאל חלילה איהר אָרענטליכקייט ניט בערויבען;
אין יענעם ווינקעל מארק איז ווידער צו זעהען
ליגט א גרייז אלטער, געפאנגען אין פלען,
און שרייט מיט קולות, — „אוי, איך בין פארביי;
מען וויל מיך הרג'ענען, ווייל איך טויג ניט צו שקלאווערייא."—
דאָרט פיהרט מען א קינד, נאָך א פירכטערליכע דאמע,
דאָס קינד שרייט מיט קולות: „וואו איז מיין מאמע!!"
און וואס זאגט יוסף? מן הסתם ביזטו גאָט גערעכט,
רחל'ס ציטעריגע קינד, איז אין מצרים א קנעכט;
און וועמען קימערט עס דער גאנצער געשריי!
סוחרים בעקוקען די שקלאַווען, ווי פערד בעקוקט מען זיי,
פון פאָרענט, פון הינטען,
פון אויבען, פון אונטען,
די פלייצע, דעם גוף,
פון אונטען ביז ארויף;
דער טאַפּט איהם די זייטען,
דער בעטראכט איהם פון ווייטען,
דער קנייטשט איהם די פיס, דער קוועטשט איהם דעם קאָרק,
דער פּרואווט איהם, און הייסט איהם לויפען אויפ'ן מארק,

נאָר מיט גאָטעס הילפע, ווער איך פון זיי לויז,
און אייער פאָטער ברייננגט מיך צו זיך אין הויז,
און דאָ וואס פון טאָג, ווער איך ליעבער,
ביז די גאנצעווירטשאפט גיט ער מיר איבער;
פערשאפט זיך מיט אלעס, איך בין זיין האנט;
אין קייזערליכען הויף בין איך שוין אויך בעקאנט;
נאָר עס מעג מיר זיין, ווער ווייסט ווי גוט,
ביינק איך נאָך מיין טאַטען, עס שטילט ניט מיין בלוט.

(עס קומט אריין אין גארטען זליכה, פוטיפרס פרוי. נאך איהר — עלוקה, האלט אין האנט א זון־שירעם איבער דעם קאפּ פון זליכה. זי שטעלט זיך קעגען יוסף'ן).

זליכה

וואָס טהוט איהר איצט, יוסף?

יוסף

איך מאך צורעכט דעם בייט.

זליכה

לעגט אנידער די רידעל, אַ ווייל שטעהט!

זליכה

(צו אסנת).

אסנת! געה מיין קינד די גיטארע ברייננגען, —
יוסף וועט אונז עטוואס שפילען און זינגען!

(אסנת נעמט מיט עלוקה'ן, זיי געהען אוועק ברייננגען די גיטארע).

זליכה

אַך, ווי שעהן זייט איהר, יוסף, ווי אדעל, ווי רייך,
ווי ליעב זייט איהר, ווער איז צו אייך גלייך;
זעה איך פון אייך א פריינדליכען בליק,
לעב איך שוין אָפּ, איך בין שוין ביים גליק;
ווערט איהר פון מיר ווייט אויף צוויי מינוט גרויס,
בלייב איך ווי שטיין, איך האלט עס ניט אויס.

וואס זייט איהר איצט, פערואנגסט, פעראומערט?
וועלכע זארגען האבען אייך פערקומערט? —

יוסף

האט איהר מיר דען ווען
פרעהליכער געזעהען?
אין מיין געזיכט, ווען איינער קוקט אריין,
מען זעהט יוסף שמייכעלט, לאכט —
איז נאר ווי פון א בליץ די שיין
אין א פינסטערע דונער-נאכט.
נאר איך שטעל מיר פאר, אין מיין זארגען
די שעהנסטע בילדער אין פריידען-שאל,
ווי דער שלעפעדיגער, אין פריהמארגען,
הארכט די שטים פון נאכטיגאל

(עס הערט זיך א שטים רופט זליכה'ן. זליכה געהט גיך ארויס פון גארטען).

יוסף

(אליין).

מיר דוכט איהר חנפ'ענען, איהר ליעבען מיך, איהר לאבען,
וועט דאך פון מיר אן ענדע מאכען.

(ער הויבט אויף די אויגען צום הימעל).

דיינע ווערקע גאט ווי וואונדער, ווי גרויס?
פון דעם בין מיט זיין גיפט ניסטו האניג ארויס;
דעם זיסען עפעל, פון דעם בלאט וועלכע איז ביטער,
און אזא טייער קינד, פון א שלעכטע מוטער
פון די פערפלוכטע זליכה, פול מיט פאלשקייט, מיט זינד,
פון איהר וואקסט אויס אסנת, דאס ליעבע קינד.
וואס דו האסט געוואלט גאט! האסטו שוין געמאכט פון מיר,
די צוויי זאכען פערלאנג איך כאטש פון דיר:
זיי מיך מציל פון זליכה'ן, די בייזע שלאנג,
און גיב מיר איהר קינד פאר א פרוי, דאס איז מיין פערלאנג.
איך וואלט איהר געלערענט דיין הייליגען גלויבען,
און ביידע צוזאמען וואלטען מיר דיר אייביג לויבען.

(אסנת קומט אריין מיט די גיטארע אין האנט. דערלאנגט יוסף'ן).

אסנת

שפילט עטוואס, יוסף!

(יוסף זיפצט זיך אפ זעהר).

אסנת

וואס מאנגעלט אייך אזוי דער נאָמען קנעכט,
איך גלויב דאָס אייך איז ביי אונז גאָר ניט אזוי שלעכט.

(יוסף נעמט די גיטארע אין האנט. שפילט און זינגט).

1.

ניט מיינט דאָס איך בין אויסען זינען,
ניט מיינט דאָס איך וויים ניט וואס איך וויל;
ווען מיר זאל דער גרעסטער גליק געפינען,
קען דאָך מיין הארץ ניט בלייבען שטיל.

2.

דער צווייג וואָס איז פון בוים געריסען, —
וואסער גליק קען איהם שוין קומען; —
ער קען שוין קיין פריידע ניט געניסען,
אזוי אויך ווען ער ליגט צווישען בלומען.

3.

דער שניי וואס פאלט אראָפּ פון אויבען,
צוריק קען ער זיך ניט אומקעהרען,
מען זאל זיין פּראכט און קלאָרהייט לויבען,
דאָך צושמעלצט ער זיך אין טרערען.

4.

דער לייב דער שטארקסטער פון די טירען,
אין די לאנד וואו ער איז ניט געבאָרען,
זיין מוט קען דאָרט ניט עקסעסטירען,
זיין קראפט און מאכט האָט ער פערלאָרען.

5.

דער נאכטיגאל, וועלכער טהוט פעררייזען,
זיין שיקזאל האָט איהם געהייסען געהן;

זיין געזאנג קען ער דאָרט ניט ווייזען,
זיין ליעד איז נאָר זיין זיפץ אליין.

6.

גערימען בין איך געוואָרען פון מיין בוים,
פון מיין הימעל געפאלען ווי דער שניי;
דער לייב ליגט אין א פרעמדען רוים,
דער נאַכטיגאל ווייט פון נעסט, אוי ווער!

אסנת

געניג שוין, יוסף'ן טרערען צוגיסען!
דאָס הארץ ווערט מיר אויסגעריסען.
ווער קען עס אויסהאַלטען, ווער קען עס פערטראָגען.
אייערע הייסע טרערען וויינען און קלאָגען,
דאָס ריהרט דאָך אויף אין פעלד א שטיין,
בפרט אזא יונגע מיידעל ווי איך אליין.
איך בעשווער אייך יוסף, מיט אלער היילינקייט,
צו דערצעהלען מיר דעם שיקזאל פון אייער צייט
וואָסער שטורעם עס האָט אייך אהער פערטראָגען,
ווער אייערע עלטערען זענען, זאלט איהר מיר זאגען.

(יוסף בעגיסט זיינע אויגען. בעדיינקט זיך א קליין ווײלע).

יוסף

איך וועל אייך מיין געשיכטע דערצעהלען מיט שרעקען,
נאָר איהר זאלט עס פאר קיינעם ניט ענטדעקען.

(עלוקה קומט אריין אין גאָרטען. געהט צו יוסף'ן).

עלוקה

די ווירטין רופט אייך.

(צו אסנת).

און דו קום אויך גלייך.

(זיי געהען אלע ארוים).

(ענדע פיערטע סצענע).

זעקסטע סצענע.

דער קאבינעט פון זליכה׳ן.

(אויף דער וואנט היינגט א גאלדענער טאץ א גרויסער, א זאפע, דערביי א טישעל. ביי איין זייט צימער שטעהט די געטין עשתורת פון שטיין געהאקט, אויף א מארמאר שטיינערנעם פונדאמענט. זעהט אוים ווי א פרוי מיט פיעל בריסט אויף איהר הארצען. פון שטערען געהען איהר הערנער ארוים, אין איין האנט האלט זי א קרוג, אין דער צווייטער האנט א קלינג־בלעך מיט א שטעקעל צום קלינגען. אנטקעגען דעם גאלדענעם טאץ שפיגעלט זיך זליכה, א פרוי אלט בערך א יאהר דרייסיג. אין א בלאה זיי־דענע קלייד, זי נעמט פון טישעל א פלעשעל רויזען־וואסער און װאשט ארום איהר געזיכט. רויכערט אוים א קליין שטיקעל אלאען־האלץ. קוקט זיך ווידער איין אין גאלדענעם טאץ. פער־ריכט דעם טואלעט. שמייכעלט זיך מיט א פאנטאזיע).

זליכה

כ׳לעבען, זליכה איז נאך שעהן, נאך גאר א יונגע פריילין.
ווער הייסט עס זליכה׳ן, איהרע יאהרען צעהלען!
דאס געזיכט איז שעהן, קרעפטיג אומעטום,
די באקען — רויט, די ליפען ווי א בלום;
די טאליע, דער פאשאן, ווי מעסיג, ווי גלייך.
דער וואוקס ווי א בוים, אך — ווי רייך!
דער פנים קלאר, די אויגען גלאנצען;
און צו ווען געהערט זי אין גאנצען?
מיט וועמען איז זי געגויט צו לעבען?
וועמען מוז זי איהר ליעבע געבען?
מיט אן אלטען מאן, אהן פלייש, אהן ביינער,
אויפ׳ן קאפ קיין האר, — אין מויל קיין צייהנער;
די הויט היינגט, קנייטשען אויפ׳ן שטערען;
די ליפען — נעצט, די אויגען־טרערען.
דא גיט ער א הוסט, ברעכט ער מויערען;

דאָ גיט ער א גענעץ, פערטויבט ער די אויערען.
עטוואס צו הייס, איז איהם שוין א חסרון,
עטוואס א ווינד, ווערט ער פערפראָרען,
און אזעלכען ווילט זיך מיר פאר א פרוי,
אזוי א יוגענד ווי איך, איז דאָס גוט אזוי?
און ער איז דער הערשער, ער איז דער הער;
ער היט מיינע טריט, וואו איך גיב זיך א קעהר.
שלעכט, א פערקעהרט וועלט!
כ'לעבען גאָר אָהן שכל געשטעלט, —
אויבען די פיס, אונטען דער קאָפּ;
די ערד ארויף, דער הימעל — אראָפּ,
די העסליכע מענער,
די דארע שפענער,
מיט די פערוואקסענע בערד,
ווי דער עק פון א פערד,
שאלטען, וואלטען
דעם בייטש צו האלטען;
און די פרויען די שעהנע,
די ערליכע, די ריינע,
די צארטע, די איידעלע,
פון נאַטור די שעהנסטע זארטען,
ווי דער שעהנער סעדעלע,
ווי די בלומען אין גארטען, —
זאָלען זיי זיין געצוואונגען
צו די העסליכע יונגען.
זיי מעגען נעהמען וויפיעל פרויען זיי געפעלט, —
אונז איז דער פערגעניגען פערשטעלט,
אליין צו געהן האָבען זיי מורא צו טרויען,
אין הארעם פערשפארט מען די עלענדע פרויען;
מיט טול מוז מען געהן דאָס געזיכט פערשטעלט;
מען טאָר נאָך ניט אָנקוקען די ליכטיגע וועלט.
זעלבסט ביים קעניג אין הויף איז אויך ניט בעסער
פערשפארען די פרויען אונטער טויזענד שלעסער.
די אלע דינער וואס ווערט צו זיי געבראכט,

האָט מען זיי פריהער פאר אונמאנזבילען געמאכט ;
עס איז זיי פערוועררט מיט א פרעמדען א וואָרט צו ריידען,
ווען ניט איז זי גרייט צו געברענטע לײדען.
אָח ! איהר מיידלעך פון מצרים, אייער שיקזאל ווי ביטער !
בעקומט איהר נאָר א מאן, האָט איהר שוין א היטער ;
אייערע פאָטערס צאָהלט מען צו, אייך קויפט מען אָפּ ;
מען פערקויפט אייך ווי שקלאווינען, מען צאָהלט פון קאָפּ ;
איהר האָט אפילו קיין דעה ניט צו זעהען פאָראויס דעם חתן,
נאָר דאמאָלס, ווען איהר זייט שוין אין הארעם פערשלאָסען ;
ווי חיות אין די גראטעס בעהאַנדעלט מען זיי,
אָט א פערשאָלטענע געשלעכט, אז אָך און אז ווה !

(זי נעמט א ווייס-פלאָקסענעם ליילעך און דעקט אריבער די געטין).

זליכה

עס פאסט ניט גאט זאל הערען די רייד,
ליבערשט פערדעק איך איהם מיט א קלייד.

(זי געהט ארום איבער'ן שטוב מיט פאנטאזיעו).

אָבער ניין, און דוקא ניין,
זי איז ניט געשוואָרען צו איהם אליין.
כ'לעבען די הערען פערגרייזען,
זיי מעגען איהר פערשפארען אין אייזען,
הענד און פיס שמיעדען אין קייטען,
דעם גייסט אבער קען מען ניט נויטען ;
וואָס זי ווערט פערלאנגען,
ווערט זי שוין דערלאנגען ;
זי ווערט שוין קריגען
איהרע פערגעניגען ;
איהרע הערדען,
וועלכע זי איז גערען,
איהר מעגט אייך אין שטייגעל
פערשפארען די פייגעל, —
ליעבט איהר,
גלעט איהר,
גיט איהר זיסע זאכען ;

זינגט איהר,
פייפט איהר, — —
זי וועט אייך אויסלאכען;
נאָר א ווײַלע די טירעלע אָפען
אהאַ די פייגעלע איז שוין אנטלאָפען.

(פון איהר פאנטאזיע לויפט זי אליין צו צום טיר. פלוצלונג קומט אַן פוטיפר, א מאן בערך א יאהר 60, אין א לאנגען בלאָען מאנטעל מיט א ברייטען גרינעם גארטעל, וואס אין איהם שטעקט א גרויסער קינש־זאל. אויפ'ן קאָפּ א גרינער טורבאן. ער וויל פרעגען זליכה'ן וואו זי לויפט, נאָר ער הוסט זיך שטארק פערנאנדער: אוהו, אוהו, אוהו! ווי עס לאָזט איהם עטוואס אָפּ, פרעגט ער זליכה'ן מיט האסט).

פוטיפר

וואו לויפסטו?

(זליכה ווערט ערשווינט פון איהר פאנטאזיע. זי בלייבט שטעהן א קליינע ווײַלע שטיל, זוכט ווערטער צו ענטפערען איהם).

זליכה

איך בין... גאָר ניט... ע־ע... ניט געזונט....
גלאט אזוי.. איך ווייס?... עפּעס... דער קאָפּ־רונד...
איך האָב קיין אפּעטיט... קיין קראפט, קיין מאכט,
ע...פּעס גאָר ניט געזונט, ניט פאר דיר געדאכט...

פוטיפר

געה דיר צום נילוס, דאָרט איז פריי דער וועטער,
נעם מיט עלוקה'ן... אוהו... קום אַ ווײַלע שפּעטער.
היינט ווארפט מען פיער מענשען, פיער קראקאדילען;
קענסט אויך געהן זעהען... אוהו, אויב דו וועסט וועלען.

(פוטיפר הוסט שטארק: אוהו, אוהו, אוהו!).

זליכה

(שטילערהייד).

מען האָט מיר שוין געווארפען פאר א קראקאדיל;
ער זעטיגט זיך געגוג מיט מיין פלייש און פעל.

(פוטיפר טוט זיך אן פאראדנע קליידער. זליכה קוקט אויף איהם מיט האס).

פוטיפר

קום אונטער שפעטער, וועסט קוקען פון ווייטען,
איך מוז יעצט צום פאראד רייטען.

(ער געהט ארויס פון טיר).

זליכה

(אלס פוטיפר איז ארויס פון שטוב).
ניין, דו העסליכער טיפאן, איך בין ניט דיין!
דו הערשט אויף מיין קערפער — דאס הארץ איז מיין.
מיין לייב איז פערקויפט, אבער ניט מיין געפיהל,
מיין גייסט איז מיינער, איך ליעב וועמען איך וויל!
דער טויט מיט דעם לעבען שטעהט דא מיר פאר.
פוטיפר מיט יוסף׳ן, ניט א גלייכע פאר?!
א דינערען ביי דיר, יוסף, און צו זעהען דיין שיין,
איידער ביי דעם פוטיפר, א ווירטין צו זיין.
ווער עס זאגט דו ביזט א קנעכט, דער איז א נאר.
הא, הא, הא, יוסף א קנעכט — און פוטיפר א האר!
ניין, דער וואס איז שעהן, דער איז דער הער.
און כאראקטער דערצו, וואס דארף מען מעהר!
אה! דו שעהנער יוסף! דו ענגעל פון גאט!
ביזט געפעהרליך, ווער נאר א ליעבעס געפיהל האט.
ניט פי־בסת, אסור, ניין, ניין!
די געטין פון שעהנהייט ביזטו יוסף אליין!

(זי נעמט אראפ א הארף, זעצט זיך אויף׳ן זאפע. קלינגט אן מיט דעם גלעקעל, עזובה לויפט אריין).

עזובה

וואס ווינשט איהר מאדאם?

זליכה

רוף מיך פון גארטען יוסף׳ן אהער.

(עזובה לויפט ארויס, זליכה שפילט און זינגט).

זליכה׳ס ליעד



1.

אך, מיין הארץ, מיין הארץ ציהט צו דיר.
דער פייער פון יוסף, ברענט אַן א שיער;
דיין טאַליע, דיין מינע, דיין גאנצער פאסאַן,
פערגיפטעט דאַס הארץ, וועלכע דיר קאַן.

2.

דיין ליעבליכע אויג, דיין בליק וואַס איז טריי,
ברענט אין מיין הארצען, איך בין גאַר פארביי;
דיין שטעל מיט׳ן פיס, דיין קעהר, דיין ריהר,
די געטין פון שעהנהייט, איך ליעב זעהר דיר.

3.

גאָט! גיב יעדערען נאָך זיין פערלאנג,
דעם רייכטהום, צירונג, דעם א שעהנעם גאנג;
מיר גיב א קליין שטיבעל אויף דעם גראָז דעם גרינען,
נאָר איך מיט מיין וואונש זאלען וואוינען דערינען.

4.

איך וואלט מיר גאנץ פלייסיג, ארבייטען מיין פעלד,
זייען, שניידען, אלעם הער, אלעם העלד;
נאָר דיזע טרייסט, איז מיר שוין קיין זאך ניט שווער,
דאָס איך בין די פרוי, און יוסף מיין הער.

5.

נאָר צווישען אונזביידען געהט א שרעקליכער טייך,
די שטראָמען, די כוואַליעם פליסען זיך גלייך;
דו צונעמסט מיך פון וויטען, איך קען צו דיר ניט קומען,
איך וואָלט גערן אריבער, איך קען אָבער ניט שווימען.

6.

אַח, דו וואסער! טריקען דיך איין,
וואָלט איך צו איהם אריבער, דאָרטען צו זיין.
דערנאָך זאל דער שטראָם, נאָך שטארקער דיר טראָגען,
דאן וואלט דאָרט קיינער, מיין וואונש ניט צושלאָגען.

7.

ווי איך טהו נאָר א דרעמעל, קומסטו מיר גלייך פאָר:
דאָ שטעהסטו, דאָ לויפסטו, איך זעה דיר ניט קלאָר:
אנטלויף ניט זיסער טרוים, האלט, א ווײלע, האלט!
לאָז מיר זיך זעטיגען מיט יוסף׳ס געשטאלט.

8.

אויף וועמען איך קוק, — דיר האלט איך אין זינען;
דאָ אויף דער ערד קען איך דיין גלייכען ניט געפינען;
מעהר ניט אין הימעל, אין די זון ביזטו אויך,
איך קען אבער ניט גרייכען, עס איז זעהר הויך.

(עס קומט אריין יוסף. זליכה לענט אוועק דעם הארף אויפ׳ן טישעל).

יוסף

וואָס ווינשט איהר מאדאם?

זליכה

וואס איך ווינש, וואס איך פערלאנג פון דיר!
דיין געזיכט צו זעהען, און גענוג פאר מיר.

(יוסף לאזט אראפ די אויגען צו דער ערד).

זליכה

אַ וועלט מיט שקר, ניטאָ היינט קיין רעכט,
פוטיפר א האר, און יוסף א קנעכט!
איך וואלט צוואנציג פוטיפרס פון הארצען פערריאגען,
נאָר דו זאלסט מיר דעם ווארט „יא“ זאגען.

(יוסף ענטפערט איהר ניט אויף דעם. נאר ער בעטראכט דעם גאט עשתורת ווי ער איז פערדעקט).

יוסף

וואָס איז דען די געטער אָפגעגאנגען,
אַז איהר האָט זיי מיט א ליילאך פערהאנגען?

זליכה

ווייל דאָס שטעהט פאר זיי ניט אָן,
זיי זאלען זעהען, וואס מיר וועלען דאָ טאָן.

יוסף

אָט אזעלכע געטער איז גוט, פאר מצרים קען עס טויגען.
מען וויל טהאָן וואס ניט רעכט, פערשטעלט מען זיי די אויגען;
וואָס זאל איך אבער מיט מיין גאָט טהאָן,
וואָס ביי איהם געהט אזעלכע קונצען ניט אָן.
קיין פערבאָרגענהייט איז פון מיין גאָט פערשטעלט;
זיין הייליגע אויג קוקט אויף דער גאנצער וועלט;
ער זעהט גאנץ ריכטיג,
סיי פינסטער, סיי ליכטיג, —
די אויג שפירט, די אויג זעהט
יעדע זינד, יעדען חטא.
דרום געוגוג שוין, מאדאם, פון דעם צו ריידען,
וועט זיכער גלייכער זיין פאר אונז ביידען;
ווי קען איך אלס דינער זאָ אומטריי זיין,
מיין הער גיט מיר איבער אלעס אין האנט אריין;
זיין גאנצע ווירטשאפט האָט ער מיר געטרויט,
ער וויים פון קיין זאך, אויסער זיין ברויט;
זאָל איך חלילה זיין אונטריי אזוי,
דאָס איך זאל נאָך פערלאנגען זיין פרוי?
ווארפט אוועק, מאדאם, דעם דומען געדאנק,
אייער אומזיסטע מיה טהוט מיר גאָר באנג.

זליכה

(מיט צאָרן).

און ווען איך וועל דיר לאזען אין קייטען שמידען,
וועסטו דאמאָלס בעסער זיין צופריעדען?

יוסף

(יוסף קעהרט זיך אום צום טיר צום אוועקגעהן).

יוסף

דער גאָט וואס האָט מציל געווען פון פייער מיין זיידען,
דער וועט מיך מציל זיין פון אלע ליידען.

(יוסף עפענט די טיר, געהט ארויס. זליכה רופט איהם: יוסף! יוסף!).

(ענדע זעקסטע סצענע)

ז י ב ע ט ע ס צ ע נ ע.

פוטיפר'ס שפאציר־גאָרטען אקאָרשט באגינען.

(א גארטען געפלאנצט אלערליי בוימער. אין מיטען א גראָבען פון וואסער, וועלכע אלע בוימער טרינקען פון איהם. פון די זייטען שטעהען אלע געטער פון מצרים. דער גאָט בעל צפון ווי א שלאנג. אמון ווי א באראן מיט הערנער. זונען געהאקט פון שטיינער, ביל־דער פון פייגלעך, בילדער פון חיות, וועלכע די אלע גילטען פאר געטער. פתום, חנס, סוא, יפי־בסת און עשתרות אין מיטען. יוסף שטעהט ביים סאזשעלקע. זיין גיטארע אין האנט).

יוסף

איהר שטערען אין הימעל! איידער איהר פערגעהט,
איידער די זון איהר ליכט פערשפרייט, —
בעט איך אייך שטערען! נאָך א ווײלע שטעהט,
ענטדעקט מיר איצט דעם סוד שטילערהייט.
איהר האָט דאָך מיר צוגעזאגט צו מיר זיך צו קניען;
אָה! א יאָהר וויל שוין באלד אין זיין עוויגקייט פליהען;
און איך בין נאָך א שקלאוו, אן אייביגער קנעכט?
אפנים די טרוימען וויזען ניט עכט,
און פיליכט דינט מיר די הויז פאר א לייטער,

צו לייטערען מיר ריין, צו זיין ריין אויף ווייטער?
און כדי איך זאל מעהר זיין געבויגען, געקנייטשט,
האָט גאָט אויף מיר די זליכה'ן אָנגערייצט?
אָה! פון דער גאַנצער וועלט די קייטען,
וועלען מיך אויך דאצו ניט נייטען, —
זי איז פאלש דעם מאן, וועל איך טהאָן איהר ווילען?
ניין, אומזאָנסט נעבאך, וואָס זי וויל זיך מיט די רייד קיהלען.
אסנת! אסנת! ווי ווייט ביזטו דאָס פון דיין מוטער.
איהר הארץ איז א גיפטיגער שלאנג, דיינס איז ווייך ווי פוטער.
ווי גוט ביזטו, דיין געזיכט — ווי רייך,
צו מיין מוטער רחל ביזטו, אסנת, גלייך.
דרום ליעב איך דיר נאָך מעהר,
אָבער איך טאָר ניט, א קנעכט בין איך — ניט קיין הער...
איהר שטערען! אז איך האָב אייך יאָ אין טרוים געקוקט,
און אייערע עלף האָבען זיך צו מיר געבוקט,
וואָלט איך אייך מוחל זיין ממשלה אויף מיין גאַנצען לעבען,
נאָר איהר זאלט מיר קענען אסנת'ן געבען.
אבער איהר ווייזט מיר וואס אנדערש אצינד,
איהר ווייזט מיר מיין טאַטען ווי ער וויינט נאָך זיין קינד.
איהר טומעלט די געדאַנקען, איהר קעהרט מיר מיין מח,
איהר ווייזט מיר מיין טאַטען, א שוואכען אָהן כח.
וויינט און שרייט מיט בלוטיגע טרעהרען:
„מיין קינד, מיין קינד" ער וויל גאר ניט אויפהערען.
ער זוכט רק יוסף'ן, און קען איהם ניט געפינען,
און מיר ליגט גאָר נאַרישקייט אין זינען.

(יוסף זעצט זיך אנידער ביי דער סאזשעלקע און זינגט מיט טרערען).

יוסף'ס ליעד



1.
דינה, דו שוועסטער געטרייע,
טרייסט דעם טאַטען פון זיין לייד.
זיי דעם טרוקענעם בוים מחייה,
מיט דיינע פייכטע זיסע רייד.

2.
פון כנען און פון איהר געטומעל,
פון מיינע פריינד, פון אלע גוטע מענשען,
ווייט פון זיי, ווי פון הויכען הימעל,
ווי פון די שטערען, וואס דאָרט גלענצען.

3.
מיין לבנה לייכט דאָרט מיט איהרע שטערען,
מיין זון שיינט דאָרט אין איהר פראכט.
און איינזאם דאָ פערגים איך טרערען,
איינזאם קלאָג איך, טאָג און נאכט.

4.
ווייט בין איך פון אלע ראטהען,
ווייט פון לאנד די קינדער עבר;
ווייט בין איך פון אלטען טאַטען;
ווייט פון מיין מוטערס קבר.

5.
שקלאווען - דינסט גיט מען מיך צו ארבען,
קלאָגט, ווער יוסף׳ן קאָן פון פריער,
וואו זענען אין פעלד די אלע גארבען,
וועלכע שטעהען אויף פאר מיר? — —

6.
וואו זענען אין הימעל די עלף שטערען,
וועלכע אלע צו מיר זיך בויגען?...

פאָטער, איך זעה איצט דיינע טרערען
פליסען דיר ווי טייכען פון די אויגען.

7.

און פיליכט האָט איהר מיר ניט אין זינען,
פיליכט האָט איהר מיר גאַנץ פערגעסען,
נאָר איך לאז אייביג טרערען רינען,
דעם דורשט נאָך אייך, קען איך ניט לעשען.

8.

קיין פערדרוס האָב איך אויף אייך דעריבער, —
איך בעט גאָט, איהר זאָלט מיר ניט געדיינקען.
פערקעהרט, מיר איז דאָס נאָך ליעבער,
פארוואס זאָל אייך דאָס הארץ נאָך קריינקען.

(יוסף ווישט אָפּ זיין געזיכט פון טרערען, שטעהט אויף און געהט אוועק. זליכה קומט אַן פון דער צווייטער זייט, זוכט יוסף'ן און געפינט איהם ניט).

זליכה

ער האָט מיר געזעהען געהן, איז ער אוועק
ווי ער מיידט דאָס מיר אויס! א שרעק, א שרעק!
א יאָהר נאָכאַנאַנד, אז איך מאטער זיך אזוי,
איך — עלענדע, אונגליקליכע פרוי!
איך האָב איהם געמאכט גרעסער פון אלע מיינע שקלאפען
אויף מיין גאנצע ווירטשאפט גיב איך איהם צו שאפען,
און וואס מעהר, איך ליעב איהם, איז ער רק געשייטער,
וואָס מעהר איך יאָג איהם, אנטלויפט ער רק ווייטער.
פיעל מאל האָב איך מיר צום נארען געמאכט,
ווען זעהט עם א שקלאף ווי די ווירטין צו איהם לאכט?
ער איז ווי אייזען, זיין הארץ ווי א שטיין, —
אָה! ער שטעכט מיר ווי מיט שפיזען, מיט זיין וואָרט „ניין“.
א יונגער מענש פון אכצעהן יאָהר
זאָל ניט שפירען קיין ליעבע, נאָך ניט אויף א האָר.
וואַרט, ווארט, דו פערפלוכטער קנעכט,

וועל איך זוכען נקמה, איז מיט דיר זעהר שלעכט.
ווען איך וועל בייטען ליעבע אויף ראכע,
וועסטו ניט אויסהאלטען מיט דיינע קרעפטען די שוואכע;
ווען איך זאל מיט דיר גלייך אונגליק זיין,
מוזטו דורך מיר, אין טורמע אריין.

(זליכה געהט אוועק מיט צארן. אסנת געהט אריין אין גארטען פערבייי די געטער. קוקט זיך אום אויב קיינער הערט ניט וואס זי וויל דא ריידען).

אסנת

אָה, איהר געטער! וואס זייט איהר פון מיר ווייט?
איהר זעהט ניט איך האָב אין הארצען א שטרייט?
אין מיר ברענט א פייער, איך קען עס ניט לעשען,
דאָס וועט מיך פערברענען, אין גאנצען אויפעסען.
איך ליעב אזעלכען, וואס קען מיך ניט ליעבען,
דען ער איז אין בוך פון די שקלאפען פערשריבען.
ווי דער נעץ פאנגט פיש פון ניל,
אזוי פאנגט זיין געזיכט הערצער מיט געפיהל.
אבער א וואנט פערשטעלט — דאָס איז מיר שלעכט:
איך בין פוטיפר׳ס טאָכטער, און ער איז א קנעכט.
וואָלט איך זיין א שקלאווין, געקויפט ווי ער פאר געלט,
וואָלט איך דאָס גענומען, וואָס איך וואָלט געוועלט.
אָבער זאל איך איהם יעצט לויבען, איז א זינד און א שאנד,
קעגען מיין פאטערס פאמיליע, קעגען דעם געזעץ פון לאנד.
איך בעט אייך געטער! זעהט עס איבערצושרויפען,
צו וועמען דען זאָל איך צו הילפע לויפען?
און וואס בעדייטעט דער טרוים פון היינטיגע נאכט?
צי ווייל איך האָב עס בייטאג געבראכט,
אָדער פילייכט ווייזט מען מיר פון הימעל פון אויבען,
און איך קען אין זיי האפען זיכער צו גלויבען...

(אסנת בלייבט שטיל, דען זי הערט טריט פון א מענשען. יוסף קומט אן, ער געפינט איהר זעהר אונמוטהיג).

יוסף

וואָס שטעהט איהר פריילין אזוי פערקלערט, פערטראכט.

אסנת

מיך טרוימט א טרוים היינטיגע נאכט,
מיט פיעל פרויען צוזאמען, דוכט מיר איך שטעה
אין א גרויסען זוואַרינעץ, פון חיות אלערליי,
לעמפערטען, בערען, היינעס, לייבען,
עלעפאנטען גרויסע, מיט'ן ריסעל אויפגעהויבען;
וועלף, טיגערס, קראקאדילען, שלאנגען,
די מיילער געשלאָסען מיט אייזערנע צוואנגען;
אין באזונדערע קאסטענס מיט אייזערנע גראטען,
וואָס זיי ליגען פערשפארט, דאָס וואלט ניט שאטען.
נאָר דאָס איינע האָט מיך פערדראָסען, אוי ווינד!
וואָס מען האָט דעם לייב געשטעלט צוזאמען מיט די הינד,
פלוצלונג זעצט דער לייב די גראטע אויס,
און אויפ'ן פרייען פלאץ שפרינגט ער אַרויס.
אלע דאמען זענען פערציטערט געוואָרן, —
א שפאס, א לייב לויפט פריי מיט צאָרען.
די דאמען אלע צולויפען אין אלע עקען,
און דער לייב געהט צו צו מיר, נעמט מיך לעקען און שמעקען;
קושט מיר די פיס, און האָט מיר אויף זיך געהויבען,
און אנטלאָפען מיט מיר אין שטייג פון די לייבען...

יוסף

אסנת! מיט אייער טרוים האָט איהר מיר געמאכט,
אַז עס דוכט מיר, איך טרוים דאָס איצט, ווי ביי נאכט.
און איך שטעל מיך איצט פאָר, ווי די געשיכטע איז געשעהען,
און ווינש מיר, הלואי וואלט איך אליין דער לייב געוועזן.
און יעצט פרעג איך די בעדייטונג ביי אייך,
און איהר ווידער קענט עס מיר ניט פותר זיין גלייך?...

(אסנת לאָזט די אויגען ארונטער).

אסנת

איך פערשטעה, אז איהר זייט פון אדעל געבאָרען,
און יעצט זייט איהר א דינער געוואָרען;

נאָר איך בעט אייך, יוסף, דערצעהלט, ניט זאַמט,
ווער איהר זייט, פון וואנען איהר שטאַמט.
(יוסף בעדיינקט זיך א קליינע ווײלע).

יוסף

פון אברהם העברי, האָט איהר געוויס געהערט,
וואָס האָט זיין אמונה פאר אלעמען ערקלערט?

אסנת

אָה, אין יעדער שטאָדט, אין יעדען לאַנד,
איז דער נאָמען אברהם העברי בעקאנט.
עס איז שוין ביינאהע הונדערט יאָהר, אז ער איז טויט;
דאָך דערמאָהנען איהם מענשען ענציקטערהייט.
נאָר וואס געהערט ער אָן, מיט אייך?
בין איך עס גערען צו וויסען גלייך.

יוסף

די געהיימניסע זאג איך אייך אויס,
אַז פון אברהם'ס פאמיליע קום איך ארויס.
מיין פאטער איז אן אייניקעל פון אברהם'ען אליין,
און איז געגנוג רייך, דאָס קענט איהר פערשטעהן.
נאָר אן אונגליקליכע סבה האָט מיר געטראָפען,
אַז גאָט זאל מיר מיט שקלאווען-דינסט שטראפען.
יעצט, אסנת! פערשטעהט אליין,
ווער דער לייב קען זיין...

אסנת

אח מיין גאָט! איך וועל עס ניט אויסהאלטען,
זייט איהר דען א זוהן פון יעקב דעם אלטען?
פיליייכט זייט איהר דאָס, זאלט איהר מיר זאגען
פון די, וואס האָבען די שטאָדט שכם דערשלאָגען?

יוסף

איך ניט, נאָר צוויי ברידער מיינע,
זיי האָבען אבער אין דעם א ריכטיגע טענה.

אסנת

איך ווייס, ווייל שכם האָט זייער שוועסטער מיט גוואלד פערנומען
אח, מיין גאָט! איז יעקב׳ס א זוהן צו אונז פערשוואומען?!
און אזוי פיעל איז ביי איך די שוועסטער טייער,
אז איהר ווילט פאר איהר כאָטש געהן אין פייער.
איז זי כאָטש געגוג שעהן, זאלט איהר מיר זאגען?
איז כדאי געווען פאר איהר מיט א שטאָט זיך צו שלאָגען?

יוסף

ווילט איהר זעהען ריכטיג, איהר געזיכט איז שעהן?
קוקט אייך אליין אין אייער גאָלד-שפיגעל איין.
אייער געזיכט, אייערע אויגען, אייערע האָר, אייערע שטערען,
ווי אין איין פורעם וואלט איהרביידע געגאָסען ווערען.

אסנת

ווי קען עס טרעפען אזוי איין עהנליכקייט,
ווען איך בין פון איהר פרעמד און ווייט?

יוסף

דאָס איז אלעס ביי גאָט אין האַנט,
פיליכט קענט איהר נאָך ביידע ווערען בעקאַנט.

אסנת

ווען איהר זייט שוין יע, פון אברהם׳ס משפחה,
טהוט כאָטש מיר די איינע הנחה,
ערקלערט מיר ריכטיג אברהם׳ס אמונה,
וואָס פיעלע שרייען, זי איז געבויט מיט תבונה.

יוסף

איך וואָלט עס גערן טהאָן אייער פערלאַנגען,
היינט איז דאָך אבער דער נילום אויפגעגאנגען,
דארפט איהר דאָך צום פּאַראַד געהן,
דען גאַנץ שטאָט וועט דאָרט זיין, גרויס און קליין.

אסנת

דער פאטער וועט מיר רופען, ער וועט אהער קומען,
אַט לאָמיר זיך זעצען נעבען די בלומען.

(זיי זעצען זיך ביידע אנידער נעבען די געפלאנצטע בלומען).

יוסף

אויב איהר זייט איהר באמת גערען,
זייט איהר עס ווערט, איך זאל אייך ערקלערען.
אברהם׳ס אמונה איז מיט דעם געהויבען,
וואָס ער צייגט די דומהייט פון מיטהעלאָגישען גלויבען.
און מיט דער צייט וועט שטייגען דער גלויבען, די אומה,
אַז די געצען־דינסט וועט שוין גאָר ניט האָבען קיין תקומה.
אַט היינט דאַרף אייער טייך נילום אויפגעהן,
דאָס איז פון דער נאַטור נאָך מיין זיידענס מיין,
ווייל אין די ווארעמע לענדער, אין דעם היגען זייט,
האָבען די רעגענס, די ווינטען, זייער בעשטימטע צייט.
דערצו האָט ער קוואלען, ארויף שטראָם,
וואָס אין דעם מאָנאַט עפענט זיך זייער תהום,
און אז די רעגענס, די ווינטען, די שטראָמען איהם רייצען,
מוז ער ניט ווילענדיג די פעלדער פערפלייצען.
דאן קומט עס אויס, פון אייער טובה וועגען,
ווייל ביי אייך אין מצרים געהט ווייניג רעגען.
טרינקט דער טייך ניל די פעלדער אָן,
וואָס אָבער האָבען אייערע כהנים געטהאָן?
זיי זענען דאָך די רעדעל־פיהרער אין יעדער שטאָדט,
קרוינען זיי דעם טייך מיט דעם נאָמען גאָט,
און פערשטעלען נאָך מעהר דעם פעבעל די שיין,
און הייסען פאר׳ן טייך א קרבן מקריב זיין.
ניט א קרבן פון שאָף, ניט פון רינדער,
נאָר א יונגע מיידעל, פון אייערע בעסטע קינדער.
געווים האָבען זיי איהר צו א זינד אָנגערעדט,
און דאָס עהרליך קינד האָט ניט געוואָלט דעם חטא.
און פיליכט קוקען זיי שוין מיט כעס אויף אייך,
אַט זייט איהר שוין גרייט פאר א קרבן צום טייך.

אסנת

זאנדלען זיי דאָך מיט מענשען, פונקט ווי מיט שטרוי?
סטייטש, אלע יאָהר טהוען זיי דאָך אזוי!
אָה, מצרים! ווער עס פיהרט דיר פאר'ן נאָז,
בהמות זייט איהר דאָך! איהר דארפט עסען גראז!

יוסף

אין אינדיען איז א יום-טוב, האָב איך געהערט זאָגען,
וואָס דאמאָלס פאָהרען די כהנים מיט א דריי-גאָרענדיגען וואָגען
איבער אלע גאסען, מיט גרוים עהרע,
מיט צוועלף אייזערנע רעדער שווערע;
די כהנים שטעהען אויבען און שרייען:
ווער וויל גאָט דעם לעבען אנטלייען?
ווער ס'וויל זיין צו גאָט א הייליגער קרבן,
ווערט שוין זיין טויט ניט גערופען געשטאָרבען,
דען ער געהט ארויף אין הימעל לעבעדיגערהייט,
און אלע פערגעניגען איז פאר איהם דאָרטען גרייט;
דאַן לעגען זיך טויזענדער ביי די רעדער אנידער,
ביז עס ווערט צוריבען אויף מעהל זייערע גלידער,
און דעם גאנצען אייגענס, וואס דער קרבן האָט
פעלדער אין לאנד, און הייזער אין שטאָט,
נעמען צו די כהנים, די זעלביגע שעה,
און זיין הימעלשען פערגעניגען געניסען זיי דאָ.
דאָס זענען זייערע כהנים, דאָס איז זייער פּלאַן,
און וואס זענען אייערע, ניט דורך אבמאַן?
מיט די געהיימניסע פון נאַטור, מאכען זיי קונצען,
בכן פאלגען זיי די געטער, וואס זיי האָבען געוואונשען,
אָדער מיט מאנישע קונצען פערבלענדען זיי די אויגען,
און דער פעביל שרייט: אָט, אָט, אָט איז געפלויגען!
האָבען א שריפט מיט דעם נאָמען: היראָגליפען,
כדי מען זאל ניט פערשטעהן זייער סוד דעם טיפען,
און נאָר פון דער נאַטור מאכען זיי אלע קונצען
מיט דער נאַטור. פערשטיינערען זיי טויטע מענשען,

וואָס עס בלייבט גאנץ אויף טויזענדע יאָהרען,
ווער עס קומט אָן אין די סעקטע ווערט ער באשוואָרען,
אז ער טאָר זייערע סודות, אייביג ניט ענטדעקען,
און מאכט שוין באלד אויף קונצען מיט זיין צוויבער־שטעקען.

קלוג זענען זיי, דאָס איז געווים;
אָבער בעטריגער פון קאָפּ ביז די פים.
האָבען טאקע אין פיעל חכמות א שטארקע ידיעה,
און לעגען טאקע אויף דעם געגוג יגיעה.
אָבער א מעלקענדע קוה האָבען זיי דאָך דערפאר:
לעבען גליקליך, אָהן דאגה, אָהן צער,...
אָט די אלע געטער, וואס איהר זעהט דאָ שטעהען,
איז עס נאָר אויסגעטראכט פון זיי אליין,
וואָס מעהר א גאָט — איז רק מעהר הכנסה;
נו, פרעג איך: וואס פעלט עס אזוי א פרנסה?

אבער מיין זיידע אברהם האָט דאָס ניט געהערט,
ער האָט אייביג געוויזען, אז די קונצען האָט קיין ווערט,
ער האָט די געטער צובראכען מיט די הענט,
דערפון האָבען פיעל מענשען דערקענט,
אז דאָס זענען קיין געטער, נאָר האָלץ און שטיין,
דען זיי קענען ניט העלפען, אפילו זיך אליין.
דאן האָט מיין זיידע פאר אלע פארגעשטעלט,
אַז נאָר איין גאָט איז דאָ אויף דער וועלט,
און ער פערזאָגט די נאַטור, זי זאל זיין אזוי;
ניט עשתורות, ניט אמון, ניט בעל צפון, ניט סוּא,
ניט חנס, ניט פי־בסת, ניט סעראפּים, ניט און
נאָר קראפט אין דער נאַטור — פערזאגט גאָט אליין,
דאָס זאל וואקסען, דאָס זאל בליהען,
דאָס זאל שטויסען, דאָס זאל ציהען,
דאָס זאָל זויגען, דאם זאָל עסען,
דאָס זאל ברענען, דאָס זאל לעשען,
דאָס זאל קיהלען, דאָס זאל היצען,
דאָס זאל דונערען, דאָס זאל בליצען,

דאָס זאָל גליווערען, דאָס זאָל גיסען,
דאָס זאָל שטראָמען, דאָס זאָל פליסען,
דאָס זאָל שפּראָצען, דאָס זאָל ריהרען,
דאָס זאָל וואָרעמען, דאָס זאָל פריהרען,
דאָס זאָל פליהען, דאָס זאָל שוועבען,
דאָס זאָל שטאַרבען, דאָס זאָל לעבען,
יעדער שטערען האַלט די וואָג,
מיט זיין געבאָט, מיט זיין פערזאָג;
יעדער בעשעפער היט דעם אָרגאַן
מיט דעם בעשעפערס דעה, מיט זיין פּלאַן;
און די גאַנצע בעשאַפונג, וואָס די אויג נאָר זעהט,
איז דורכאויס גאָטעס מוזיק, קאָמפּלעט.
דער שפּיעלט פידעל, דער שפּיעלט פלייט,
דער שפּיעלט באַס, דער טראָמפּייט;
דער שפּיעלט איילט, דער פּאַזאַן,
דער שפּיעלט קלאַרנעט, דער טראָמבאַן,
דער וואָלטאָרנע, דער אָרגאַן;
דער קלאַפּט אין פּויק, דער פּאַרטעפּיאַן;
דעם דעריזשאָר־שטעקעל האַלט גאָט אין האַנט,
און די נאַטור שפּיעלט איהם אַ טייערען קוראַנט;
און דער מענש מיט שכל לערנט די נאָטען
ווי יעדער שפּיעלט, ווי גאָט האָט געבאָטען.
און אַזוי האָט מיין זיידע געקענט אויפווייזען,
פיעל אייערע כהנים ווילען דעם פּעבעל פערגרייזען,
זייערע קונצען, מיט די כיטרעשע כונות, —
זייערע זון קירכען, און מענשען פאַר קרבנות,
זייערע בלוט פערגיסען, מיט זייערע בעטריגען,
זייערע אכזריות מיט די פערבאָרגענע פערגעניגען.
די פאַלשקייט, די כיטראַסט, וואָס ביי זיי עקזיסטירט,
און ווי ווייט זיי האָבען די וועלט פערפיהרט,
ביז ער האָט הונדערטער געעפענט די אויגען,
צו זיין ריינעם גלויבען הונדערטער צוגעצויגען;
ביז גאָט האָט איהם געהייסען אויף דער וועלט רייזען,
דעם הייליגען גלויבען אַלעמען צואווייזען;

פון לאנד צו לאנד, פון נאַציאָן צו נאַציאָן,
און אלעמען געלערענט זיין רעליגיאָן.

אסנת

אך! ווי איך בין יעצט גליקליך און רייך,
די וויכטיגע ווערטער צו הערען פון אייך.
איהר האָט מיך יעצט בעצויבערט מיט אייערע רייד.
איך וועל שוין האלטען די וואג, צו וויסען אן אונטערשייד;
יא, יא, איהר זייט פון די קעניגע, פון די לייבען,
ער שטאָלצירט מיט זיין גבורה, איהר מיט אייער גלויבען,
איך שווער אייך, יוסף! ביי אייערע עלטערען די פרומע, —
דאָס איך וועל ניט הייראטען פון אן אנדער אומה,
ביז גאָט מיט זיין רחמנות, וועט מיר בעגליקען,
און וועט מיר איינעם פון אברהם׳ס קינדער שיקען...

(פוטיפר קומט אן, אנגעצויגען אין די פאראדנע קליידער, ער געגנעהענט צו אסנת).

פוטיפר

נו, דער ניל איז דאָך שוין היינט גרעסער געוואָרען;
עס געהען צום פאראד דער קעניג און אלע מיניסטאָרען;
אלע חרטומים (ער הוסט: אוהו אוהו) אלע מאַנאַכען, —
עס וועט דאָרטען זיין פערגעניגענדע זאכען.
טהו זיך אָן, מיין קינד! וועסט אויך געהן,
גאנץ שטאָדט וועט דאָרט זיין, גרוים און קליין.
וועסט זעהען ווי מען וועט ווארפען אין טייך די מיידעל.

אסנת

(מיט שרעק).
ניין, פאטער! דאָס צו זעהען, בין איך צו איידעל!

פוטיפר

פירכטע ניט קינד, מיר וועלען געהען צוזאמען,
אלע דינער, און איך און דו מיט די מאַמען.
נאָר דו ביזט דאָך, מיין טאָכטער, נאָך גאָר ניט אָנגעצויגען,
איך אייל מיך צום פאראד, איך וואָלט גערען געפלויגען,

און דו וועסט דאָך ניט געהען, אָהן דיינעם א בעקאנטען,
אָט, שיק איך דיר גלייך, דיין גובערנאַנטין.

(צו יוסף'ן).

און איהר יוסף? פערבלייבט צו הויז!

(צו אסנת'ן).

גלייך שיק איך דיר, די גובערנאַנטין ארויס.

(פוטיפר לויפט אוועק, יוסף איילט זיך אויך צום אוועקגעהן. אסנת האלט איהם אויף).

אסנת

אָה! וועלכער מענש קען עס דערבייזיין:
זעהען ווי מען ווארפט א מענשען אין טייך אריין.

(יוסף פרעהט זיך, ווי עס געפעלט איהם, אז זיינע ווערטער האבען שטארק געווירקט אויף אסנת' צארטע הארץ. ער בעדיינקט זיך א קליינע ווילע און פרעגט איהר:)

יוסף

מיינע געהיימנישען האָב איך אייך ענטדעקט אלץ,
זאָגט איהר מיר, פריילין! ענטקעגען.
וואָס פאר א בלעכעל היינגט עס שטענדיג ביי אייך אויפ'ן האלז?—
איך האָב שוין לאנג געוואָלט ביי אייך פרעגען.

אסנת

פון קינדווייז אָן, טראג איך דאָס,
מן הסתם בעדייטעט דיזעס אויף וואס
נאָר פון מיינע עלטערען האָב איך א פערזאג,
אז איך טאָר עס ניט עפענען, ביז מיין לעצטען טאָג.

(עס הערט זיך שפילען טראָמפייטען. יוסף און אסנת געהען צו זעהען. פון וויטען איז צו זעהען די מיליטער מיט דעם גאנצען פאראד, נאָכ־הער די כהנים, מען פיהרט דאס מיידעל אין מיטען, ארום איהר מיליטער מוזיק. אסנת און יוסף ברעכען די הענט. אייניגע מורינען לויפען אריין אין גארטען צו טראגען אסנת'ן צום פאראד).

(ענדע זיבעטע סצענע)

אכטע סצענע.

זליכה'ס קאבינעט.

(עלוקה האלט א בארשט און קעהרט די דילען, עזובה קלאפט אויס דעם טעפיד).

עזובה

אפילו קיין יום טוב איז פאר אונז ניטאָ.
גאנץ מצרים איז היינטביים נילוס דאָ.
אזאַ הייליגער יום טוב ווי היינט — א שפאס!
ער קערט דאָך נאראָד, פול די גאס,
און מיר זענען ווי דער אייזעל — רק טהו און טהו,
סיי וואך, סיי יום טוב, גיט ער קיין רוה.

עלוקה

דער ווירט האָט דאָך אונז געהייסען צום פאראד געהן,
נאָר דאָס וואקסט אלץ פון דעם עברי אליין,
זייט דער ווירט האָט איהם אין הויז געבראכט,
איז מען געשפאנט אין סאָכע, טאָג ווי נאכט,
און ער איז שוין דער גאנצער ווירט אין הויז.
שלעכט, א וויימע האפענונג צו ווערען פון איהם לויז.

(זליכה קומט אריין, האלט די האנט ביים שטערן).

זליכה

וואס געהט איהר ניט צו פאראד? וואס זאמט איהר אייך?
מען האָט דאָך שוין דאָס מיידעל אוועקגעפיהרט צום טייך.
איך וואלט אויך געגאנגען, נאָר איך קען היינט ניט געהן.
דער קאָפ טהוט מיר וועה, איך בלייב דאָ אליין.
איך וועל טרינקען א גלעזעל קאפע,
און וועל מיך דאָ צושפארען אויף דער זאפע.

(עלוקה און עזובה לויפען ארויס).

זליכה

(אליין).

איצט איז די צייט, איצט איז די גליקליכע שעה!
אלע זענען אוועק, קיינער איז ניטאָ.
אָה! אויף די פליגעל פון ווינד, וואלט איך געפלויגען,
נאָר דיר איין מאָל צו זעהען מיט די אויגען.
דו, יוסף! קענסט לעשען מיין פייער, וואס ברענט
מיין לעבען, מיין טויט, איז ביי דיר אין די הענט.

(זי כאפט זיך אויף פון זאפע, רויכערט זיך אוים מיט אלאַע האלץ. קלינגט אַן מיט'ן גלעקעל. יוסף לויפט אריין).

יוסף

וואָס ווינשט איהר מאדאם?

זליכה

זיץ, יוסף, היינטיגע נאכט קען איך ניט שלאָפען.
טויזענדער געדאנקען זענען מיר איבערגעלאָפען.
די וועלט מיט איהר פיהרונג, ווי איך האָב בעקלערט,
זעה איך איין, עס איז אלץ פונקט פערקעהרט.
וואו דער מענש שטרעבט זיך נאָך א ציעל,
לאָזט זיך אוים פערקעהרט ווי ער וויל.
דער שלעכטער טיפאָן ער טהוט עס אויף,
ער קעהרט אום דאָס גליק מיט די פיס ארויף.
ער הערט קיין רייכע, ער שעצט קיין קענער,
פעראכטעט פרויען, פערהאסט מענער,
דער קלוגער האָט קיין ברויט, אויך קיין גוטע פריינד,
דער נאָר האָט גוטע ברידער, זיין געזיכט שיינט.
דער אָרענטליכער מאן איז אייביג געדריקט,
דער דיב, דער רוצח, איז אייביג בעגליקט.
די שעהנע פרוי איז צו אן אלטען מאן געצוואונגען,
דער שעהנער קנעכט איז צום העסליכען הער פערדונגען;
ער ליעבט נאָר דעם דיב, דעם נאָר, דעם רייכען,
מיר אבער, קענען דאָך די זאך פערגלייכען,

ווען מיר זאלעןביידע א פארטיע שליסען,
דאן וועלען די שעהנע, די פריידע געניסען.

(זליכה נעמט זיין האנט צום מויל).

דיין שעהנעם געזיכט, וועלכע לייכט א פראכט,
האָט ביי מיר טיעף אין הערצען א נעסט געמאכט.
ענטפער מיר, יוסף, דאָס ווארט „יא" דעם זיסען,
דען מיין הארץ ווערט מיר אויף שטיקער צוריסען.

(יוסף קעהרט אָפּ זיין געזיכט, שטעהט אויף און וויל געהן).

יוסף

אייער אייגענע פאַנטאַזיע מאַכט אייך קראַנק,
נאָר אייער מיה איז אומזאָנסט, נאָך מיין געדאנק.

(זליכה ווערט צאָרנדיג, כאפט איהם ביים מאנטעל פעסט).

זליכה

איצט יוסף! איצט איז געקומען די צייט,
קלייבט אייך אוים, צי פריעד, צי שטרייט, —
גענוג שוין מיט אייך פּאָליטיק צו שפּיעלען, —
קורצע ווערטער, איהר טהוט מיין ווילען?!

(יוסף רייסט זיך צו אנטלויפען, זליכה האלט איהם פעסט ביי מאנטעל).

יעצט העלפט קיין תירוצים באין אופן —
דו וועסט שוין איצט פון מיר ניט אנטלויפען.

(יוסף ציהט ארוים מיט אינפּעט די הענט פון די ארבעל, לויפט ארוים דורכ'ן טיר, זליכה בלייבט שטעהן, מיט זיין קלייד אין האנט, פאר־קלעמט און דערשראָקען).

ניין, אונגליקליך מאך איך איהם היינטיגען טאָג!
אין קייטען שמיד איך איהם, פוילען אין אסטראָג,
דען די זעלבע קייטען קען איך געניסען,
ווען פוטיפר זאל זיך די ווארהייט דערוויסען.

(עלוקה און עזובה לויפען אריין פרעהליך, ניט וויסענדיג וואס דא האט פאסירט).

עלוקה מיט עזובה

אוי ווערה. — וואָס היינט האָט זיך ביים נילוס געטהאָן!
מען האָט דעם קעניג געטראָגען אויפ'ן טראָהן.
דאָס מיידעל ווארפט ער אריין מיט זיין האנט אליין,
אלע בעאמטע זענען געווען גרוים און קליין,
מוזיק האָבען געשפיעלט, די פריסטער — געזונגען,
מיט פויקען געקלאפט, מיט גלאָקען געקלונגען,
און די חרטומים, מיט די כהנים...

(פלוצלונג ווערען זיי ערשטוינט פון א פירכטערליכען געשריי, וואס זליכה האט פון הארצען אויסגעשריען).

זליכה

אוי! — שלעכט! — איך בלייב — ניט גוט —
אחרטום! — גיכער! — לאָזען בלוט —

די דינערען

ליעבסטע מאדאם! וואס איז אייך געשעהן?
ווערה! וואס איז דאָ געווען?

זליכה

אין אונמאכט בלייב איך, שלעכט איז מיר! שלעכט!
דער פערפלוכטער עברי, דער פאלשער קנעכט.

עלוקה

איך האָב באלד פערשטאַנען, אז דאָ האָט וואס געטראָפען,
קוקענדיג ווי יוסף איז פון שטוב ארוים געלאָפען.

זליכה

אָט ליגט נאָך זיין מאנטעל, אָט ליגט נאָך זיין קלייד.
אוי! — איך וואלט אייך דערצעהלען אלע זיינע רייד —
אז ער איז שוין אין גאנצען דער ווירט, אוי איך בלייב!
ווילט זיך איהם שוין זליכה'ן פאר א ווייב!

(די דינערען קוקען זיךביידע אן מיט פארוואונדערונג און מיט א פערשטעלטען געלעכטער)

זליכה

איך בין אזוי איינזאם אויפ'ן זאפע געלעגען,
איך זעה דער עברי שטעהט מיר אנטקעגען;
נעמט זיך וויצלען, אזוי מונטער, פריש, —
עס האָט מיך גענומען טרייסלען העגד און פיס,
טהוט נאָך אוים די קלייד, די פערשייטע אויגען,
און וויל זיך געבען מיר אויפ'ן זאפע לעגען.

עזובה

עס געהט איהם וואס אָפּ? וואס פעהלט איהם מעהר?
אַט וויל ער שוין זיין אין גאנצען דער הער.

זליכה

איך האָב גענומען שרייען, ראטעוועט מיר!
אָט איז ער פון פחד, אנטלאָפען דורכ'ן טיר.
אָבער צי וועט עס מיין מאן גאָר וועלען גלויבען,
דער יונג איז דאָך ביי איהם אזוי געהויבען!
בעט איך אייך קינדער, פאלגט נאָר מיך,
וועט איהר פון איהם פטור ווערען אויף גיך.
אַז דער ווירט וועט קומען, זאלט איהר זאגען,
דאָס איהר האָט פיעל מאל געוואלט פאר איהם קלאָגען,
וואס יוסף האָט אייך אויך דערצו אָנגערעדט,
מיט גוטען, מיט בייזען, מיט כעס, מיט געשפעט;
און אויף איצט זאלט איהר זיין עדות צוויי,
אַז איהר האָט זעלבסט געהערט מיין געשריי.
אוי! מיין קאָפּ! איך דערהאלט ניט — שלעכט!
מיט אלע קרעפטען האָב איך מיר קעגען איהם געפעכט.

(עס קומט אַז פוטיפר, געהט צו צום זאפע, דינערינס טרעטען אָפּ).

זליכה

דאָס הארץ איז מיר שוואך, אוי! — איך בלייב!
געה, זעה וואס טהוט זיך שוין מיט דיין ווייב.

פוטיפר

(מיט האסט).

וואס איז שוין דאָ געוועזן? זאג שוין, זאג!
א ווײַלע זיך פערזאמט, איז שוין א נייער קלאָג.

זליכה

דער עברי, דעם קנעכט, מאַכסטו דאָך פאר א בעל־הבית,
גיב איהם שוין דיין ווייב אויך, ער פערלאנגט דאָך דאָס.

(פוטיפר בלייבט שטעהן פערוואונדערט און ערשטוינט).

זליכה

(מיט געוויין).

קיין אנדער קנעכט קען מען אין מצרים ניט בעקומען,
אַז ער האָט דעם עברי אין הויז גענומען?!
ער געהט נאָך צום נילוס זעהען די קראָקאָדילען,
פרעגט: וואס קען איהם דער שטוביגער קראקאדיל פעהלען?

פוטיפר

ווער איז דער קראָקאָדיל? מעגסט דאָך זאגען,
גלייך ווערט ער ביי מיר טויט געשלאָגען.

זליכה

איך האָב דאָך דיר געזאָגט, ווער און וואס,
אַ טאז מען מאַכט א שקלאף פאר א בעל־הבית.

פוטיפר

(צו די דינסטען).

גיכער פיהרט איהם אריין,
גלייך וועט זיין ענדע זיין!

(די דינערינס לויפען ארויס, גלייך פיהרען זיי אריין יוסף'ן: אסנת קומט נאָכהער פערבראָכען די הענט, פון איהר געזיכט פליסען טייכען טרערען)

פוטיפר

(צו יוסף'ן).

אזוי עברי? אזוי פיהרט מען א וועלט?
וואס האָט דיר פארט ביי מיר געפעלט?

האָט געהאַט עסען, האסט געהאט געלט,
האָסט ניט געוואוסט פון הונגער, פון קעלט,
נאָר אזוי — האָט זיך דיר פערוועלט?!
דו האסט זיך גאר ניט פארגעשטעלט,
אַז דו ביסט א שקלאַף, געקויפט פאר געלט?
געהסטו צו מיין פרוי, אין איהר געצעלט! —

יוסף

גאָט פון הימעל!! נאָר דו ווייסט ריכטיג!

פּוטיפר

קענסט נאָך זיין אזוי נידערטרעכטיג!!

עלוקה, עזובה

הערר מיניסטער, מיר האָבען ביז יעצט פארהוילען
אונזערע צרות פאר אייך צו דערצעהלען.
ער האָט פיעל מאל געוואָלט אונזער אָרענטליכקייט בערויבען,
פאר וואס זאלט איהר איצט די ווירטין ניט גלויבען?

פּוטיפר

רופט מיר חרנפר'ן אהער!
און חיל מיט געוועהר!

(עלוקה און עזובה לויפען ארויס פרעהליך. אסנת פאלט דעם פאטער צו די פיס).

אסנת

שטראָף ניט, פאטער! איידער דו די וואהרהייט ווייסט!
אויף אונשולדיגע בלוט, געפינט מען נאָכהער קיין טרייסט!
זעץ איהם אין תפיסה, ביז עס וועט זיך די וואהרהייט דערגעהן,
דערנאָך מעגסטו איהם טהאָן וואס דו ווילסט אליין.
אָבער חלילה פאטער, איהם שוין צו הענגען!
אָה, יעקב! מען וויל דיין קינד אומברייגנען!!!

(אסנת פאלט איז אונמאכט. פּוטיפר כאפט איהר מינטערען).

פּוטיפר

(מיט געשריי).
וועה איז מיר! מיין קינד איז פארביי!!!

(יוסף לויפט צו, מינטערט איהר אפ, אסנת עפענט די אויגען).

אסנת

וואס ראטעוועט איהר מיר? דער טויט איז מיר גוט!
איידער צו זעהען אונשולדיגעם בלוט!

זליכה

צו אסנת).

פאר דעם פערפלוכטען עברי, וואס נעמסטו זיך אָן?
ווער דען? דיין מוטער האָט עס געטהאָן?
רעכענסטו דיין מאמען, חלילה אין אזוי גראד?
טאָ וואס ביזטו, אז דיין מוטער איז אין חשד?

אסנת

איך רייד דאָך קיין וואָרט, איך פערלאנג נאָר געדולד,
פיליכט האָט יוסף אין דעם גאָר קיין שולד.
ער האָט יעצט קיין לשון, פערלאָרען זיין שפראך,
נאָכהער וועט מען וויסען אויף ריכטיג די זאך.

(עס קומט אריין חרנפר, נאָך איהם פּאָליציאנטען מיט הוילע דעגענס.
איינער פון זיי האלט אייזערנע קייטען).

פּוטיפר

(מיט כעס צו חרנפר, ווייזענדיג אויף יוסף'ן).

דעם פערפלוכטען עברי נעהמט צו פון מיין שטוב,
שמידט איהם אין קייטען און ווארפט איהם אין גרוב!

(די פּאָליציאנטען לויפען צו, ווארפען אנידער יוסף'ן אויף דער ערד,
שמידען איהם הענט און פיס, אסנת לויפט צו צום פאטער).

אסנת

איך בעשווער דיך פאטער! מיט וואס דיר איז ליעב,
אז דו זאלסט יוסף'ן ניט ווארפען אין גרוב,
ער וועט ניט אויסהאלטען דעם ערשטען טאָג.
אָה! זיינע קייטען אפשר צעהן פוד וואָג,
ליבערשט זעץ איהם אריין אין אסטראָג.
אָה, יעקב! ווי גרויס איז דיין קלאָג!!

(די גובערנאַנטין לויפט אויף די געשרייען פון אסנת. זי פאַלט פוטיפר'ן צו די פיס).

די גובערנאַנטין

מיין ליעבער הער! איהר מוזט מיר פערצייהען,
ווי לאָזט איהר עס אייער קינד אזוי יעמערליך שרייען?
אָה! דאָס קינד האָט זיך איהר שוואכע הארץ צוריהרט,
הייסט, ער זאל זיין אין אסטראָג ארעסטירט.
פון שווערע קייטען, פון אייזערנע שרויפען,
קען מען אויך פון אסטראג ניט אנטלויפען.

זליכה

(מיט אַלע קרעפטען).

הייגען זאל מען איהם!! אוי! — איך בלייב —
אבער ער פאלגט די טאכטער — ניט דאָס ווייב.

אסנת

(צו זליכה).

ליעבסטע מוטער! לעש אָפּ דיין צאָרען!
ערוועק דיין רחמנות אויף זיינע יונגע יאָהרען.

פוטיפר

(צו חרנפר).

איך טהו עס נאָר צוליעב די גובערנאַנטין,
זעצט איהם וואו דעם קעניגס ארעסטאַנטען.

(די פּאַליציאַנטען נעמען יוסף'ן. אסנת בעגלייט איהם מיט טרעהרען. פערבראכען די הענט. די גובערנאַנטין ווישט די אויגען. עלוקה און עזובה פּאַטשען מיט די הענט. יוסף שרייט אויס: אָה גאָט!!! מען פיהרט איהם ארויס. דער פאַרהאַנג פאַלט).

(ענדע אכטע סצענע).

דריטער אקט.

די תפיסה הויז

(איז צעהן יאהר ארום).

פון פריה־מארגען.

(תחרע, עזמות, נאך אייניגע תפוסים געשמידט אין קייטען).

תחרע

די געדאנקען טומלען מיר דעם היינטיגען פריה־מארגען,
איך הער ניט אויף צו דאגה׳ן, צו זארגען.

עזמות

איך בין עפעס אויך פערקלערט, פערטראכט,
דען מיך טרוימט וואס היינטיגע נאכט.

תחרע

אט דאס האט מיך היינט געשלאגען מיין מוטה:
מיך טרוימט אויך, אבער צי שלעכט צי גוט, —
דאס קען איך ניט וויסען, נאר דאס הארץ שרעקט
אבער הין־צי־הער, זאל שוין זיין געעקט.

(איינער פון די תפוסים).

שיקט נאך אחרטום, וועט ער אייך פותר זיין.

תחרע

אהער לאזט מען, קיין חרטום ניט אריין.

(דער תפוס).

אט פערגעסט אייך אן טרוים, און זייט פרעהליך.

עזמות

אויסער דעם איז גוט, צו זיין פערהאסט פון מלך?
אַ יאָהר אָפּצוזיצען, ווי מיר קוועלען זיך דאָ,
אפילו קיין פרייע לופט איז פאר אונז ניטאָ.
ניט אונז שיינט די זון, ניט אונז פרעהט דער פריהלינג,
אונזער לעבען איז ניט ווערטה א שילינג.

(דער תפוס).

דער וואָס איז נאָך פון פּעבעל געבאָרען,
וואָס ווערט ער אָן, וואס האָט ער פערלאָרען?
עסען האָט ער, חרנפר האָט קארען,
קאלט איז איהם ניט, ער ווערט ניט פערפראָרען;
צו צרות איז ער פון דער יוגענד געשוואָרען,
דאָך איז איהם שווער צו ליידען דעם צאָרען;
מיר, וועלכע זענען געוועזן גענעראלען,
זאָלען מיר אזוי זיין אויף אייביג פערפאלען;
אין קייטען געשמידט, פערשפּארט אין גרוב,
דאָס איז אונזער בעט און דאָס איז אונזער שטוב!
אָה, חנם! אָמון! פּי־בסת! און!
צו אונזערע צרות זאגט אמאָל „שוין“!

(אסנת קומט אריין, קוקט זיך אום).

אסנת

יוסף איז ניטאָ? וואו קען ער עס זיין?

(א תפוס).

גלייך, גלייך, קומט ער אריין.

תחרע

עס גיט וואס נייעס? וואס הערט זיך אין שטאָט?
אח פערוואָגעלט איז מען פון לייט און פון גאָט.

אסנת

מען פּוצט די גאסען, פרעהליך אומעטום,
דעם קעניגס געבורטסטאָג איז אין דריי טעג ארום.

עזמות

דעם טאג איז ער פרייוויליג אם בעסטען,
געוויס וועט זיין נייע מאניפעסטען.

(יוסף קומט אריין. אסנת נעמט אונגעדולדיג יוסף'ן אַן א זייט).

אסנת

ליעבער יוסף, מיין פעטער, מיין פריינד, —
א טרויעריגע נאכריכט ברייננ איך היינט, —
זליכה איז געשטאָרבען, וואס האָט מיך ערצויגען...

יוסף

אייער מוטער? וואס האָט אייך געבוירען? ערצויגען?

אסנת

זי איז ניט מיין מוטער, איהר הערט א סעקרעט?
זי האָט אלעס ענטדעקט אויף איהר טויט בעט.
די אַראַבער האָבען מיר צו איהר געבראכט,
און זליכה האָט מיר פאר א פינדלינג בעטראכט.
דריי יאָהר בין איך דאן געווען אלט,
זיי האָבען מיר געפונען אין וואלד.
זליכה'ן איז געפעלען מיין געזיכט, מיינע אויגען,
און האָט מיר געקויפט און ביי זיך ערצויגען.
אויף מיין האלז היינגט דאן דער זעלביגער צעטעל,
פוטיפר עפענט, לייענט דאָס בלעטעל.
אך, ווי ערשוינט איז ער געוואָרען
צו זעהען פון וואסער פאמיליע איך בין געבאָרען.

יוסף

(ערשטוינט).

וואָס הייסט? איהר זייט ניט זליכה'ס קינד?
און איהר ווייסט אייער שטאם? אָה! זאגט שוין געשווינד.

אסנת

(מיט געוויין).

איך בין פון כנען, מיט אייך פון איין מדינה —
מיין מוטער איז — אייער שוועסטער דינה.

יוסף

אָה גאָט!!

אסנת

און דעם צעטעל האָט דער זיידע געשריבען
בשעת ער האָט מיר פון הויז פערטריבען.
„ווער עס הייראַטעט אסנת׳ן אצינד,
דער האָט פאר א ווייב יעקב׳ס קינד".

יוסף

אָה, הימעל!!

אסנת

(פאלענדיג אין די אָרעמס פון יוסף).
איהר זייט מיין אָנקעל, א ברודער פון מיין מוטער!
אָה, ליעבער יוסף! מיין פריינד מיין גוטער!

יוסף

מיר זענען שוין ביידע פון כנען פערטריבען,
אין דער פרעמד פערוואָרפען, עלענד געבליבען.

(עס ווערט זיי ביידען איבעל, די תפוסים אלע לויפען צו, חרנפר לויפט אריין).

חרנפר

וואָס איז אייך, יוסף? מיין פריינד! מיין טרייער.

יוסף

(קומענדיג צו זיך).
גאָר ניט — גאָר ניט — שוין עטוואס פרייער.

חרנפר

(צו יוסף׳ן).
וואָס קימערט אייך אזוי, זליכה׳ס טויט?
דורך איהר זייט איך דאָך געשמידטערהייט.
איך וויים אז זי האָט זיך געוועזן מתודה,
אויף דעם וואָס מיר ווייסען עס בודאי,

אז אין אייער שטראף האָט איהר קיין חטא,
זי האָט אלעס דערצעהלט אויף איהר טויטען בעט.

אסנת

מיר ווייסען דאָך, אז פוטיפר וויים עס פון לאנג,
אייער זיצען תפוס, טהוט איהם באנג;
זיין געוויסען דריקט איהם, דאָס הארץ טהוט איהם פרעסען;
דרום שיקט ער דאָך אייך פון זיין הויז עסען.
נאָר ער איז געצוואונגען דאָס צו פערדעקען,
דען פאר איהר פאמיליע טהוט ער זיך שרעקען.
לאָזט ער אייך לויז, אין דעם משפט ענטדעקען,
וועט מען דאָך דערמיט איהר נאָמען פערפלעקען,
דרום האלט ער די שטריק פוןביידע עקען.

חרנפר

ליידעט יוסף! גאָטעס שטעקען, —
פיליכט וועט זיך א הילף ערוועקען,
און גאט וועט אייך זיין האנט אויסשטרעקען.

(יוסף קוקט זיך ארום, אזוי ווי ער וויל דאס ריידען א סוד).

יוסף

(צו חרנפר).
איך האָב געוואָלט מיט אסנת'ן וואס ריידען,
פיליכט קענט איהר די תפוסים פון מיר שיידען?

חרנפר

(צו די תפוסים אלע).
געהט אייך, קינדער אויפ'ן הויף ארויס.

(תחרע און עזמות און אלע תפוסים געהען ארויס, און חרנפר אויך).

יוסף

נאָר מיך וואונדערט אויף מיין פאטער אצינד,
ווי לאָזט ער ארויס פון דריי יאָהר א קינד?
אין גאָטעס וועלט, עלענד, אליין? — —

אסנת
דעם זיידענס כונה קען איך ניט פערשטעהען.
יוסף
(פערטראכט).
יא! יא! זיין כונה איז ניט צו פערשטעהן,
ווי שיקט ער מיר צו מיינע ברידער אליין.
וואָס ער וויים ווי שטארק עס איז זייער שנאה,
זיי וואלטען מיר געשטאָכען דורך זייער קנאה,
און דער פאָטער וויסט דעם סוד פון דעם,
און שיקט מיר דאָך צו זיי קיין שכם?
אסנת
איהר האָט דאָך דערצעהלט וואס מיט אייך פאָסירט,
אַז די שנאה פון די ברידער האָט אייך איבערגעפיהרט.
יוסף
ביי אונז איז די זיטע פון אייביגע יאָהרען,
אַז דער בכור וואס איז צום ערשטען געבאָרען,
בעזיצט אין דער פאמיליע א מאָנאַרכישען שטאַנד.
ער ריכטעט, ער שטראפירט ווי א קעניג אין לאנד;
און דער פאָטער טהוט איהם אָן א קלייד פאר'ן לעבען,
צום בעווייז, אז די הערשאפט איז דעם בכור אוועקגעגעבען;
און ווייל מיין פאָטער האָט אָן ראובנ'ען דערקענט
אַז ער איז צו איילענד, ער פלאמט, ער ברענט, —
דרום גיט ער מיר די הערשאפט, די בכורה,
רחל'ס א קינד, רחל'ס א בכור, די ערשטע געבאָרענע פרי,
א זיידענע העמדעל צום סימן גיט ער מיר איבער.
בכן, אז איך שטייג מיינע ברידער אריבער,
און נאָך זיין טויט בלייב איך דער פיהרער,
דער ריכטער ביי די ברידער, דער גאנצער רעגיערער.
ווי וואויל מיינע ברידער האָט דאָס זעהר געברענט,
נאָר וואס האָבען זיי דען מאכען געקענט?
איך וואר אונטער'ן שוץ פון מיין פאטער'ס הענט,
איך האָב פון מיין הערשאפט שטענדיג געטראכט,

ביז דאָס פלעגט מיך טרוימען ביי נאכט.
איך האָב דאָך אייך דערצעהלט ווי עס איז דערגאנגען
ביי דעם טרוים פון די גארבען, זיי וואלטען מיך געהאנגען;
נאָר מיין צווייטען טרוים, בשעת זיי הערען
מיט די זון, מיט די לבנה, מיט די עלף שטערען,
דאָ איז שוין דער פאטער גערירהרט געוואָרען דערפון,
דען דאָס מיין איך דאָ איהם, אין משל פון די זון,
אָט דאָ האָב איך שוין זיין עהרע באריהרט,
דען כל זמן ער לעבט, ריכט ער און רעגיערט.
צום ביישפיל, ווען איינער זאָל צום קעניג קומען
און זאגען: מיך טרוימט, איך האָב דיין קרוין צוגענומען.
געוויס איז פאר יענעם שוין וועניג די תפיסה,
דען יענער איז געוויס חייב מיתה.
דער פאטער האָט גלייך אויף מיר מיט כעס געשריען:
— ווילסט שוין, זוהן, בעצייטענס אזוי הויך פליהען?
דיר איז נאָך וועניג אויף די ברידער צו וואלטען,
ווילסט נאָך הערשען אויף דיין טאַטען דעם אלטען?
די ווילע וואָס ער לעבט, איז דיר שווער אויסצוהאַלטען.
איך האָב פערשטאַנען די נארישקייט, דעם אויגענבליק.
אבער מען קען שוין דעם ווארט ניט כאפען צוריק.
און אין א מאָנאט ארום שיקט ער מיך קיין שכם,
שיינט מיר, אז דער פאטער האָט געהאט א מיין אין דעם,
דען מיר איז א וואונדער א גרויסער, —
מיין פאטער איז דאָך א טרייער, א הייסער,
איבערהויפט מיר ליעבט ער ווי זיין לעבען,
אז ער האָט מיר די בכורה איבערגעגעבען.
טאָ ווי שיקט ער מיר צו מיינע ברידער?
אָה! נאָך יעצט ציטערט מיר מיינע גלידער!
סטייטש, פיעל מאל האָט ער בעמערקט,
אז זייער שנאה איז געשטערקט;
זייער קנאה ווי פייער ברענט,
און גיט מיר איבער צו זיי אין די הענט?
נייז, ער שיקט מיר נאָר, דרום קיין שכם,
ווייל איך האָב מיך פערזינדיגט קעגען איהם,

דרום שיקט ער מיר וואו זיי ווידען די שאַף,
אז איך זאל פון זיי בעקומען מיין שטראַף.

אסנת

ווארום האָט איהר ביז יעצט אזוינס ניט געקלערט?

יוסף

ווייל איך האָב פון אייער געשיכטע געהערט,
אז ער לאזט אייך ארוים פון דריי יאָהר א קינד,
איז עס מיר אויפ'ן זינען ארויף אצינד.
נאָר... שא! מען געהט...

(די אלע תפוסים קומען אריין).

אסנת

זעהט יוסף, וואס איז מיט די צוויי גענעראלען,
וואס זיי זענען אזוי אונמוטיג ביי זיך געפאלען?

יוסף

איך וועל צוגעהן צו זיי, מאכען זיי מוטיג,
מען מוז טרייסטען דעם צווייטען, ווען עס איז ניט גוט.

(צו תתרע און עזמות).

וואָס זיצט איהר זא אונמעכטיג? מיינע הערען!
פיליכט איז מעגליך, איהר זאלט מיר ערקלערען.

עזמות

(מיט כעס).

ווי ערוואגסטו דיך, יונג! צו פרעגען?
טויט שלאג איך איהם, ווען איך האָב דאָ מיין דעגען

יוסף

פערצייהעט מיר, מיינע הערען,
איך וויל עס אייך מיט גוואלד ניט בעשווערען;
געווים בין איך א דינער, דאָס זייט איהר גערעכט,
איך פרעג נאָר, ווארום זעהט איהר אוים שלעכט?
אמאָל איז ריינע וואסער אין א נידעריגען ברונען,
אמאָל קען מען א טרייסט ביי א דינער אויך געפינען.

אסנת

אך, גאָט פון הימעל! ווי קענסטו זיין אזוי קאלט?
קוק אראָפּ אהער, וואו יעקב׳ס קינד האלט!!

תחרע

(צו יוסף׳ן).

האָסט פיליינכט די קענטניסע צו צייטען,
צי פערשטעהן טרוימען, וואָס זיי בעדייטען?

יוסף

גאָט קען אויך א דינער א שכל ערוועקען,
וואָס קיין חרטום וועט דאָס ניט ענטדעקען.

תחרע

היינט פאר טאג טרוימט מיך א טרוים,
אז איך שטעה ביי א וויינשטאָק בוים;
דריי צווייגען געהען פון בוים ארוים;
פאר מיר אין די אויגען וואקסען קנאָספּען אוים;
גלייך הויבען אָן ווינאָגראַדען צו בליהען,
און ווערען שוין צייטיג, גאָר אָהן בעמיהען.
דעם קעניגס בעכער האלט איך גאנץ פריי,
איך גיב א קוק — דער קעניג שטעהט דערביי.
איך קוועטש אוים די וויינטרויבען אין בעכער אריין,
און דערלאנג דעם קעניג א בעכער ווייז.
די זעלבע מינוט האָב איך מיר אויפגעוואכט,
איך בין שטארק פון דעם טרוים פערטראכט.
דרום בין איך אומרוהיג די גאנצע צייט,
דען איך קען ניט וויסען וואס דער טרוים בעדייט.

יוסף

(נאָך אייניגע מינוטען פּויזע).

מיט דער הילף פון גאָט, בעקום איך א וועג:
די דריי צווייגען — זענען דריי טעג;
צייט דריי טעג קומט איהר אויפ׳ן פאָריגען שטאַנד,
און דערלאנגט דעם בעכער דעם קעניג אין האנט.

נאָר איך וואָלט אייך בעטען פיעל וועניג,
מיך צו דערמאָנען פאר דעם קעניג,
און מיך פון דער תפיסה מאכען לויז,
דער קעניג קען מיר פון פוטיפר׳ם הויז;
פוטיפר זעלבסט וועט זאגען אצינד,
אז איך בין אונשולדיג, איך האָב קיין זינד.
(די אלע תפוסים געהען נעהענטער צו).

אסנת

איך בין זעלבסט פוטיפר׳ם קינד,
ווייס איך געווים, אז ער האָט קיין זינד.
זיין אונגליק האָט איהם נאָך מצרים געפיהרט,
שוין צעהן יאָהר, אז ער זיצט ארעסטירט.
ער האָט שוין פיעל געליטען אין זיינע יאָהרען,
דיינקט ניט, אז ער איז א קנעכט פון געבאָרען,
מען האָט איהם געשטוילט פון עברים לאנד.
אָה! די עלענדע שיף געהט צו שטראנד!
(זי וויינט. די תפוסים אלע בעדויערען איהם).

תחרע

וועט דיין בעשיידונג ארויסשיינען העל,
און איך קום צוריק אויף מיין פאָריגע שטעל,
דערמאָן איך דיר ביים קעניג אין הויז,
און גלייך ווערסטו פון געפענגעניש לויז.

עזמות

ווען דו ביזט אזוי קלוג, דיינע געדאנקען אזוי הויך,
קענסטו פילייכט בעשיידען מיין טרוים אויך?

אסנת

(מיט א שמייכעל).
ער קען דאָ א גאנצער חרטום ווערען!

יוסף

וואס האָט אייך געטרוימט?

עזמות

מיך טרוימט זיך אויך א גאַנץ געשעפט אָפּ.
דריי קערב מיט געבעקס האלט איך אויך מיין קאָפּ,
פון אויבען אויף די קערב פאלען אַן פייגעלעך.

(יוסף שווייגט).

עזמות

וואס שווייגסטו?

תחרע

רייד!

יוסף

זאָגט מיר צו אויף אייער הן,
אַז מיר וועט דערפון קיין בייז געשעהן.

(אַלע).

זאָג! זאָג! די בעדייטונג קלאָר,
דיך וועט ניט קרימען א האָר.

יוסף

די דריי קערב, איז דריי טעג,
נאָכ'ן ערקלערען צייט דריי טעג...

עזמות

זאָג!

יוסף

צייט דריי טעג וועט איהר...

עזמות

זאָג! זאָג!!

יוסף

וועט איהר געהאנגען ווערען —
און די געבעק איז א בעוויז,
אַז איהר וועט זיין פאר פייגלעך א שפייז.

עזמות

(מיט צארען).

וואלט איך איצט געהאט מיין שווערד,
וואלט איך זיין קאפ געשטירצט צו דער ערד!

יוסף

(צו אלעמען).

אויף דריי טעג, איך אייך, לאזט מיר אפ,
אויב פאלש וועט זיין, גיב איך מיין קאפ.

(אלע לויפען צו איהם שלאגען, אסנת שרייט פירכטערליך. חרנפר לויפ
אריין).

חרנפר

וואס איז דא?

(אלע).

יא, יא, דריי טעג מוז מען איהם צייט געבען,
וועט זיי ניט וואהר, פערשפיעלט ער זיין לעבען.

אסנת

(צו יוסף'ן).

וועה איז מיר! צו וואס האט איהר דאס געדארפט,
אז יעדער אויף אייך זיין דעגען שארפט?

(חרנפר נעמט יוסף'ן ביים האנט, געהט מיט איהם ארויס, אסנת געהט
איהם נאך מיט שרעק).

חרנפר

קוממ ליעבער פריינד, זייט נעבען מיר,
די דריי טעג זייט אין מיין קווארטיר.

(דער פארהאנג פאלט).

(ענדע ניינטע סצענע).

פערטער אַקט.

צעהנטע סצענע.

איז צוויי יאָהר ארום.

דער קעניגליכער זאַל.

(דער קעניג אויפ'ן שטוהל. די קעניגין ביים זייט. פיעל גענעראַ־לען שטעהען ארום. די וואך ביים טיר).

פרעה

תחרע! האָט דער עברי גלייך די בעדייטונג געטראָפען?

תחרע

גלייך דריי טעג זענען קוים פערלאָפען,
קום איך אויף מיין שטעל דעם קעניג בעדינען,
און ער האָט זיין אָרט אויפ'ן גאלגאן געפונען.

פרעה

פון דעם אַלטען עברי האָב איך אויך געהערט.
אז ער איז געוועזן פיעל אויפגעקלערט.

הדרום

(אַז אַלטער גענעראַל).

מען האָט דערצעהלט וואס מיט איהם האָט פאסירט,
וואָס ער האָט מיט פרעה דעם ערשטען געפיהרט;
אויך מיט אבימלך, דער קעניג פון גרר,
אויך מיט נמרוד, מיט זיין גאנצען דור,—
זיין שטרייט מיט כדרלעומר, תדעל, אריוך, אמרפל,
ווי ער בעזיגט זיי, מאכט זיי נידעריג, שפל;
צוליעב זיינעם א פלימעניק מיט דעם נאָמען לויט,
שטרייט ער מיט זיי און האקט ווי אין קרויט.

און קיין גרויסע מיליטער וואר ביי איהם דאן,
נאָר דריי הונדערט מיט אכצעהן מאן.

פרעה

שטאמט דער עברי פון דעם אברמ'ען ארויס,
דאן מאך איך איהם געשטיגען און גרויס.

(עס עפענט זיך די טיר, מען פיהרט אריין יוסף'ן. יוסף בוקט זיך צו דער ערד).

יוסף

גאָט פון אברהם! וועלכער „אמת" איז דיין זיגעל,
באשיץ דעם קעניג, אונטער דיינע פליגעל.

פרעה

דער אלטער אברם, וואס וואר אמאָל היר,
איז ער עטוואס פערוואנדעט מיט דיר?

יוסף

מיין פאטערס אן עלטער פאטער.

פרעה

(צו די גענעראלען).

שוין לאנג, אז אברם איז היר געוועז?

הדרום

צוויי הונדערט זעקס יאָהר, אז דאָס איז געשעהען.

פרעה

יונגער עברי! דיינע עלטערען ווארען אלע קלוגע לייט;
פיליכט וועט איהר טרעפען, וואס מיין טרוים באדייט.

יוסף

אויסער מיר, דעם מענשענס פערשטאַנד איז גאנץ ווייניג,
גאָט קען אנטווארטען די פריעד פון קעניג.

פרעה

היינט פאר טאג, איך שלאָף מיר שטיל,
טרוימט מיר: אז איך שטעה ביי דעם טייך ניל.

איך זעה פון טייך געהען זיבען קיה ארויס,
פעט און געזונד, דיק און גרויס,
און זענען אויס'ן לאַנקע פערבליבען,
באלד זענען ארויס פון טייך נאָך זיבען
דאַרע, קווארע, די ערגסטע אויף דער וועלט,
און האָבען זיך אויך דאָרט אנידער געשטעלט;
נאָר די דאַרע האָבען באלד די פעטע איינגעשלונגען,
און בלייבען דאַר ווי פריהער, אָהן געדערים, אָהן לונגען.
איך האָב מיך אויפגעוואכט דעם אויגענבליק,
ניט פיעל דויערט, — און איך שלאָף איין צוריק.
עס שטעלט זיך מיר פאר, אַז זיבען דיקע זאנגען
זענען אלע פון איין ראָהר ארויסגעגאנגען,
און באלד שפראצען זיבען מאָגערע זאנגען ארויס, —
פראַסט הוילע הייטלעך, וואס דער ווינט שלאָגט זיי אויס
און שלינגען איין די פעטע זאנגען,
דעם בעדייטונג דערפון וואלט איך פערלאנגען,
די חרטומים זענען שוין דאָ ביי מיר געוועזן,
נאָר קיין ריכטיגע בעדייטונג האָב איך פון זיי געזעהען.
איך הייס זיי ארויסשמייסען דורכ'ן טיר,
איך האָב באלד געשיקט נאָך דיר.

יוסף

קעניגליכע מאַיעסטעט!ביידע טרוימען זענען נאָר איינע,
דרום טרעפען זיי ניט די בעדייטונג די ריינע;
וואָס גאָט מאכט, ווייזט ער דעם קעניג אויף פריהער,
דען דער טרוים איז ביי גאָט אלס קוריער.
ער ווייזט דעם קעניג, דען זיי זענען אין שטאַנד
פון הונגער נויט צו בעשיצען דאָס לאנד.
די קיה, די זאנגען, ביידע דיק און פעט,
בעדייט אויף זיבען יאָהר זעט;
דרום איז דער טרוים געוועזן ביים טייך,
דען ער בעפייכטעט די ערד, זעטיגט אָרעם און רייך.
די מאָגערע קיה, די זאנגען די דארע,
אויף זיבען יאָהר הונגער בעדייטעט עס, קעניג פרעה!

זיבען יאָהר קומען אָן, אזוי האָט גאָט געבאָטען.
די פיה וועלען פעט זיין, די זאנגען געראָטען.
נאָך דעם קומט גלייך זיבען יאָהר הונגער,
די פיה וואס דאַרער, די זאנגען וואס גרינגער,
אַז עס וועט ניט קענטיג זיין אין לאנד צו זעהען,
אַז אמאָל איז א זעט געווען.
דרום זענען דאָפּעלביידע טרוימען,
צום בעוויז, אַז גאָט טהוט עס גלייך בעשטימען.
יעצט מוז דער קעניג זוכען א מענש מיט פערשטאַנד,
אַז ער זאל תבואה קלייבען פון דעם גאנצען לאנד;
מאגאזינען מוז איבעראל געסטראָיעט ווערען,
פון דעם דאָס פאלק פון הונגער צו ערנעהרען.
מיט אלערליי מיטלען די געטריידע צו היטען,
זאָנסט ווערט מצרים אין הונגער פערשניטען.

פרעה

וואָס זאגט איהר, מיינע הערען, אויף דעם יונגען מאן?
איז דען אין מצרים זיין גלייכען פאראן?

תּחפּנס.

(די קעניגין).

זיינע ווערטער ווי פּערעל, געוואויגען מיט וואג,
ווי די זון שיינט אין מיטען העלען טאָג.
איך דיינק ווער עס ברייגנט מיר דעם בריעף אריין,
דער מוז זעלבסט צוריק דער שליח זיין —

(צו יוסף'ן).

ווען גאָט פון הימעל גיט דיר דאָס צו פערשטעהען,
האָב איך קיין אנדער פערוואלטער נאָר דיר אליין,
גאנץ מצרים גיב איך איבער צו דיר,
פון יעצט אָן ביזטו דער צווייטער פון מיר, —
אויסער מיין שטול, ביזטו דער איינער,
איבער דיר זאל ניט בעהערשען קיינער.

(פרעה נעמט אראפּ פון זיין האנט דעם רינג).

פרעה

(צום דינער).

די גאָלדענע קייט טראָג אריין!

(דער דינער לויפט און טראָגט אריין די קייט).

פרעה

קום נעהענטער אברמס זוהן! אָט האָסטו דעם רינג,
פון היינט אָן, ביזטו דער הערשער אויף אלסדינג.
און די גאָלדענע קייט אויף דעם האַלז טראָג,
דאָס יעדער מוז פאָלגען דיין פערזאָג.
אויף מצרים א הערשער, וועל איך דיר זעצען.
איהר, מיינע הערען! מוזט איהם עהרען און שעצען.

(די הערען אַלע נייגען זיך צו יוסף'ן. יוסף הויבט אויף די הענט צום הימעל).

יוסף

גאָט פון אברהם! ווי גרויס דו ביזט,
הייבסט אויף אָרעמע, עלענדע פון מיסט,
און שטייגסט זיי אויף ביז הימעל גרויס.
אויף די עלענדע אסנת קוק מיט חן;
די צוויי קערפערס זאָלען צוזאמען געהן.
זאָל זי אויך געניסען פון מיין גליק אצינד,
דען זי איז דאָך אויך, אברמס א קינד.

(די קעניגין אַלס זי האָט איינגעהאָרכט זיין געבעט צו גאָט).

תחפנס.

(די קעניגין).

ווער איז די אסנת? איהר האָט א פרוי?

יוסף

איך האָב קיין פרוי, נאָר אסנת וואר מיין פריינד דער בעסטער,
זי איז א טאָכטער פון מיין שוועסטער.
פוטיפר האָט איהר ערצויגען ביז אצינד,
אסנת רעכענט זיך פאר פוטיפר'ס א קינד.

נאָר ווען זליכה ליגט אויף איהר טויטען בעט,
האָט זי אסנת'ן ענטדעקט דעם סעקרעט,
דאָס זי איז יעקב'ס אן אייניקעל, פון כנען געבאָרען,
און זי איז אלס פינדליג ערצויגען געוואָרען
אין פוטיפרס הויז, ווען איך בין אָנגעקומען,
האָט אונז גאָטעס האנט ביידען צוזאמען גענומען;
איהר רוף איהר פריינדין, און ווייס ניט ווי אזוי,
און זי בעפייכטעט מיין הארץ ווי פון הימעל דער טוי.
אָה, גאָט! די פערוועלקטע בלום, זאלסטו ערפרישען,
זאָל זי מיט מיר גלייך דיין הילפע געניסען.

תחפנס.

(די קעניגין).

בריינגט אהער אסנת און פוטיפר'ן אין מיין קאראט.

(צו די דינער).

זעהט יוסף! איך ערפיל אייער געבעט צו גאָט.

(די דינער לויפען ארויס).

פרעה

(צו די דינער).

פיהרט דעם יונגען הערען אריין דאָ אין חדר,
ציהט איהם אָן וויצע-קעניגשע קליידער.

(די דינער פיהרען יוסף'ן מיט עהרע ארויס).

(די קעניגין).

אין אסנת מיט יוסף'ן, אין די צוויי אברמס קינדער,
זעהט מען איינס פון די גרויסע גאָטעס וואונדער.

פרעה

ווי זייערע הערצער איז געבונדען געוועזן,
ניט וויסענדיג אליין פאר וואס, פאר ווען.

(די קעניגין).

דאָ אין זאל, וועל איך די פארטייר שליסען,
זאָלען אברמ'ס צוויי אייניקלעך נחת געניסען.

(די מוזיק קומען אריין, פאנגען אן צו שפיעלען, אין צעהן מינוט ארום קומט אריין פוטיפר, פיהרט אסנת'ן פאר'ן האנט).

פרעה

(צו פוטיפר).

(פוטיפר קניט זיך פאר'ן קעניג, די דינער פיהרען יוסף'ן אריין, גע־קליידעט זעהר רייך, פוטיפר ווערט ערשטוינט).

תחפנס.

(די קעניגין צו אסנת).

פערלאנגסט צו הייראטען פאר דיעזען הערען?
ער איז א וויצע קעניג, מוז איך דיר ערקלערען!

(אסנת פאלט די קעניגין צו די פיס).

אסנת

קעניגליכע מאיעסטעטין! זאלען די קערפערס זיין געקניפט,
וואס זייערע זעלען זענען שוין פון לאנג געליעבט!!!

(דער קעניג זעלבסט געהט פון זיין שטוהל אראפ. נעמט אסנת'ן פאר איין האנט, יוסף'ן פאר דער צווייטער, בינדט זיי צוזאמען).

פרעה

גאט זאל דעם בונד אויף אייביג בינדען,
זעליגקייט און גנאדע זאלט איהר ביי איהם פינדען.

תחפנס.

אייער לעבען זאל זיין זיס און בערוהט,
ליעבט זיך עוויג ווי די יעצטיגע מינוט.

אסנת

אָה, גאָט!! אין דעם אויגענבליק
זעה איך מיין טרוים פון צוועלף יאָהר צוריק.
דער לייב האָט מיר אויף זיך געהויבען,
און אריין מיט מיר אין שטייג פון די לייבען!

פרעה

(צו פוטיפר׳ן).

קיין שעכט-מייסטער ביזטו מעהר שוין,
נאָר אַן אויבער-פּריסטער ביי די קירכע און!

(צו יוסף׳ן).

ווייל אלע געהיימניסע איז פאר אייך אָפען,
דרום זאל מען אייך „צפנת פענח“ רופען.

(די זינגער).

1.

פרעה דיך מצרים לאנד,
יוסף פיהרט דיך פאר׳ן האנט.
אברהם׳ס קינדער ווערען אייניג, —
דער פערבינדער איז דער קעניג.

(דער קאָר מיט די מוזיק).

זינגט און לויבט, דעם גרויסען גאָט,
וואָס זיינע וואונדער בעוויזען האָט.

2.

(די זינגער).

די חרטומים מוזען גרייזען,
נאָר יוסף מוז די וואַרהייט ווייזען,
דאַן וואר יוסף דער גרויסער-מיניסטער,
און פוטיפר דער אויבער-פּריסטער.

(דער קאָר מיט די מוזיק).

זינגט און לויבט דעם גרויסען גאָט,
וואָס זיינע וואונדער בעוויזען האָט,

2.

(די זינגער).

קוק אברהם, דו הייליגע זעלע!
בענש די קינדער פון דיין קוועלע,

גיב זיי נחת פאר דעם צער,
לעבט אין פריעדען יונגע פאר.

(אלע).
לעבט אין פריעדען, יונגע פאר, הורא!!!!

(ענדע צעהנטע סצענע).

פינפטער אַקט.

(אין ניין יאהר ארום).

יוסף׳ס פּריאם זאַל (עמפּפאנגס־צימער).

(יוסף. אסנת. מנשה. אַלט אכט יאהר, אפרים אַלט זעקס יאהר).

אסנת

ווי איז דאָס פּארט צוגעגאנגען?

יוסף

איך האָב דאָך דיר שוין לאנג ערקלערט,
אַז צייט דער הונגער איז געשטערקט
— און אין כנען איז נאָך צעהן מאָל מעהר —
האָב איך גלייך געוואוכט, זיי מוזען קומען אהער;
דרום האָב איך געלאָזט אויסרופען,
אַז ווער עס וויל אין מצרים תבואה קויפען,
מוז קומען אליין, ניט שיקען קיין קנעכט.
אויף צוויי אייזלען איינער האָט אויך קיין רעכט,
און מיט תבואה טאָר קיינער קיין האנדעל טרייבען,
און איטליכער מוז ביים טויער זיין נאָמען פערשרייבען.
מיט אמאָל, אייערנעכטען ביי־נאכט —
האָט מען מיר דעם רייסטער געבראכט,
די נעמען פון מיינע ברידער האָב איך דאָרט בעטראכט, —
גלייך פערזאָג איך אלע שפּייכלערען זאל ווערען פערמאכט,
אויסער איינעם זאל מען לאָזען אָפען;
דריי טעג אבער איז שוין פערלאָפען,
און זעגען צום שפּייכלער נאָך ניט געקומען;
דער רייסטער ווייזט פּארט זייערע נעמען,

דרום שיק איך היינט אין דער פאָליציי,
מען זאל לויפען אין די גאסען, אויפזוכען זיי.

אסנת.

נו, ווי דיינקסטו יוסף מיין לעבען!
ווילסט זיך צו זיי צו ערקענען געבען?

יוסף

ניין, פריהער וויל איך דערגעהען מיט געדולד,
ווער עס האָט אין מיין פערקויפען א שולד,
צו מיין פאטער זעלבסט, ווייל איך האָב זיין עהרע באריהרט
דורך מיינע טרוימען וואס איך האָב אויף איהם רעגירט;
בכן שיקט ער מיך צו זיי, איך זאל ווערען שטראפירט;
דען זיין האַנט האָט נאָך נימאָלס קיין מענשען איבערגעפיהרט,
אָדער די ברידער אליין וואס פלעגען שטענדיג אויף מיר לויערען,
האבען מיר זעלבסט פערקויפט, און דער פאטער מוז טרויערען.
יעצט, אז זיי קומען זעלבסט צו מיר אין האנט,
וועל איך איהם זעהען צו דערגעהן מיט פערשטאַנד,
און וועל מיט זיי אָנציהען, זייטיגע אינטערעסען,
כדי איך זאל קענען דעם אמת אויספרעסען,
דאן וועל איך שוין זעהען צו דערגעהען,
צי זיי האָבען מיר פערקויפט, צי דער פאטער אליין.
און דרום האָב איך ביז יעצט צום פאטער ניט געשריבען,
דען איך בין פון איהם זעלבסט מיט האס פערטריבען.

(צו מנשה׳ן).

קום אהער מנשה! מיין יונגעס קינד,
די שטעלע פון אן אדוואקאט וועסטו בעטרעטען אצינד.
איך וועל מיך מאכען, דאָס איך פערשטעה קיין העברעאיש,
וועסטו מיר אין עגיפטיש איבערזעצען זייערע דעות.

(עס הערט זיך טריט פון מענשען מיט געוועהר).

יוסף

(צו אסנת).

אסנת לעבען! דיין צארטעס געפיהל פערטראגט קיין שמארץ,

געה דיר אריין אין זאל, — איך מוז מיר מאכען הארץ.

(אסנת בלייבט דאך שטעהן, עס קומען אריין די צעהן זיהן פון יעקב פערוואכט ארום, די פאליציאנטען מיט צוויי בעאמטע בלייבען שטעהן פון דער זייט, די ברידער נייגען זיך אלע צו דער ערד).

יוסף

(אין דער שטיל).

דעם טרוים פון די גארבען, זעה איך דא פארגעשטעלט.

אסנת

אבער דער עלפטער — בנימין פעהלט.

יוסף

(הויך).

נאך וואס קומט איהר? פון וואנען זייט איהר געבארען?

(מנשה זעצט איבער אין העברעאיש).

די ברידער

מיר קומען פון כנען, אהער קויפען קארען.

יוסף

אז איהר קומט אין מצרים קארען קויפען,
וואס לוינט אייך אין די הינטער־גאסען צו לויפען? —
שוין דריטען טאג, אז איהר זייט דא,
איך פרעג אין מאגאזין, זייט איהר ניטא.
און יעצט קומט איהר אויך ניט אליין אהער,
איך מוז נאך אייך שיקען חיל מיט געוועהר.
אן אייער געזיכט איז לייכט צו דערקאנען,
אז איהר ברויכט קיין קארען, איהר זייט נאר שפיאנען;
אבער אייער ראטה גילט אייך ניט,
איהר האט אייך געבעך אומזאנסט בעמיהט.

יהודה

הערר וויצע קעניג! איהר אירט אייך אין זעהען,
אייניקלאך פון אברהם העברי זענען נימאלס קיין שפיאנען געוועזען.

מיר זענען אַלע פון איין פאָטער געבאָרען,
וואָלטען מיר זיין שפּיאָנען, טאָ ווי לאָזט ער אונז פאָהרען.
אויף דעם איין קינד וואס פעהלט איהם, קלאָגט ער אָהן רחמנות.
וועט ער נאָך שטעלען צעהן קינדער אין סכנות?

יוסף

(צו עבדון).
ווייז פון די טויערען די צעטלעך;
לייען דאָ איבער די בלעטלעך.

(עבדון האלט א בלאט א גרויסע פון א בוים, וועלכע עס נענט זיך פאפירוס. דאס גילט אין יענע צייטען צום שרייבען).

עבדון

(לייענט).
ראובן דורך דעם טויער
שמעון דורך דעם צווייטען,
לוי דורך דעם דריטען,
יהודה דורך דעם פערטען.

יוסף

גענוג! ווען אין מצרים די טויערען
וואָלט זיין צוואנציג טויערען,
נו, פרעג איך אייך אָן,
ווי וואלט איהר דאמאָלס געטהאָן?
צעהן ברידער געהען קויפען קאָרען,
פּלוצלונג זענען זיי צושפּרייט געוואָרען;
אַלע דורך פערשידענע טויערען,
און דריי טעג טהוט נאָך דויערען.
ביז איך מוז זיי שיקען זוכען,
איז דאָס דען ניט אויף שפּיאָנערייי א צייכען?!

יהודה

הער וויצע קעניג! מיר האָבען קיין מלוכה צו פיהרען,
וואָס לוינט אונז צו קומען אין מצרים צו שפּיאָנירען?
מיר זענען צוועלף ברידער, איינער איז צו הויז געבליבען,

איינער איז ניטאָ — וואָס דער פאטער פלעגט איהם ליעבען.
מיר האָבען געוויידעט די שאָף, שוין היינט צוויי און צוואנציג יאָהר;
דער פאָטער שיקט איהם, — אונז ווערען געוואָהר,
איז ער אויף דעם וועג פערפאלען געווארען,
נאָר אראבער זענען דאָרטען פערביי געפאָהרען;
פיהרען געווירץ קיין מצרים צו קומען,
קלערען מיר, פיליכט האָבען זיי איהם פערנומען.
דרום זענען מיר אריין אין בעזונדערע טויערען,
מיר זאלען דאָרטען אונזער ברודער לויערען;
מיר האָבען איהם אויך אין די גאַסען געזוכט,
פיליכט געפינען מיר איהם, האָט זיך אונז געדוכט.

יוסף

(צו די הערען).

איך פרעג אייך, מיינע הערען! גענעראלען!
ווי ווערט עס פאַרט א ברודער פערפאלען?

(צו די ברידער).

וואס איז גראד מצרים, צו אלע פורעניות מוכן,
וואס גראד אהער קומט איהר איהם זוכען?

(צו די וואד).

פיהרט זיי דאָ אריין אין צווייטען צימער.

(די פאָליציאנטען פיהרען די ברידער ארויס. יוסף ווינקט צו די אדיר־טאנטען זיי זאלען אויך ארויסגעהן).

אסנת

מיך וואונדערט זעהר אויף דיר מיט דיין שטרייט;
דערזעהסט דיינע ברידער קומען פון ווייט,
און האָסט זיי ניט געזעהען זאָ א לאנגע צייט,
פלוצלונג האָסטו דיין רחמנות פערשפּארט.
מאכסט זיי בלבולים, רעדסט אזוי הארט?
איך האָב זיך ניט געקענט פון טרערען איינהאלטען,
ווען זיי האָבען דערמאָנט, דיין טאַטען דעם אלטען;
אָה, יוסף! דיין כאראקטער ווי זיס, ווי גוט!
אָבער ווי פירכטערליך! ביי דיין שטרייגען מוטה,

אַה! דיין הערשאפט ווי גוט דו קענסט,
דו ביזט ווי א פלאם, דו ווארעמסט און ברענסט —
איך וויים ניט, ווי קען מען זא פיעל טרעהרען צווינגען;
דאָס הארץ איז מיר שיער ארויסגעשפרונגען.
אַה, וואס פאר א העלדען, וואס פאר א פארשוינען!
אך! ווען זיי וואלטען אין מצרים וואוינען!
ווי גליקליך וואלט איך געווען,
מיין מוטער מיט די אויגען צו זעהן.

(אסנת און יוסף וויינען ביטערליך).

יוסף

זיי רוהיג אסנת! וויש אָפּ דיינע טרערען,
מען מוז די זאך אויף ריכטיג ערקלערען.
איך לאז זיי נאָך פיהרען אין תפיסה מיט די וואך,
כדי צו מאכען זיי שטרענגער די זאך.
דאָך וועל איך נאָר פערהאלטען שמעון'ען אליין,
אלעמען וועל איך הייסען אהיים געהן;
איך וועל נאָך הייסען בנימינ'ען טראנספּאָרטירען, —
פון איהם וועל איך די ריינע ווארהייט אויספיהרען;
דען ביים פערקויפען, ווער ער ניט דערביי, —
וועט ער זיך ניט פירכטען צו זאגען דעם אמת פריי.
איהם וועל איך ענטדעקען, דאָס איך בין יוסף אליין,
ער וועט מיר זאגען, צי דער פאטער וויים, צי ניין.
דען פון די ברידער איז קיין סברה ניט צו ענטדעקען,
ווער וויל עס זיין אייגענעם נאָמען פערפלעקען?
בכן וועל איך הייסען בריינגען מיין ברודער בנימין,
אוי, מיין הארץ צוגעהט מיר, ווען איך דערמאָן זיין נאָמען,
מיין ברודער פון איין מוטער, מיין לייב, מיין אבר,
געהענדיג קיין מצרים, בעזוך איך נאָך די מאמעס קבר,
די ווערטער, וואס איך האָב פון איהר קבר געהערט,
ווען איך בין געלעגען אין אונמאכט אויף דער ערד,
קומען מיר יעצט פאר די אויגען פאָר,
און איהר הבטחה זעה איך איצט קלאָר.
מען פיהרט — זאגט זי — די קאלב אליין,

וועט שוין די מוטער ממילא נאָכגעהן.
אָה, הייליגער פאטער! דיין שיין, דיין ליכט!
ווי דערלעב איך צו זעהען דיין געזיכט!
אבער אָהנע צייט איז קיין צייט —
א הערשער מוז פיהרען מיט געדולדיגקייט,
אָהנע געדולד מוז דער חכם אויך גרייזען,
נאָר די געדולד מוז די ווארהייט ווייזען.

אסנת

וועסט נעהמען ביי זיי פאר די תבואה געצאָהלט?

יוסף

חלילה, איידער זיי פאָהרען אוועק,
היים איך די געלט לעגען אין זייערע זעק.

(צו מנשה'ן).

רוף זיי אריין.

(די ברידער קומען אריין).

(צו די ברידער).

איך האָב מיך בעראטהען מיט מיינע מיניסטאָרען,
דאָס איינער זאל פון אייך צו הויז פאָהרען,
און אייער אינגסטען ברודער בריינגט אהער
צו פרובירען, וואס מיט אייך איז דער מעהר;
דערווייל עברים מוזט איהר זיצען פערוואכט,
ביז אייער ברודער וועט ווערען געבראכט;
אויב ביישטעהן ביי די פראָבע, וועט ער ניט קאָנען,
שווער איך ביים קעניג, דאָס איהר זייט שפּיאָנען.

(די פאָליציאנטען פיהרען זיי פון שטוב ארויס. אסנת ברעכט די הענט.
יוסף פארשטעלט דאָס געזיכט און וויינט. דער פארהאנג פאלט).

(ענדע עלפטע סצענע).

זעקסטער אקט.

איז פיער מאַנאַטען ארום.

דער פּריאם זאַל.

(עס עפענט זיך די טיר, עס קומען אריין אַלע ברידער פון יוסף.
בנימין אויך אונטער זיי. קוקען זיך ארום. אז קיינער איז ניטא).

יהודה

עס איז ניט אומזאָנסט
וואָס ער לאָזט אונז צו זיך אהיים פיהרען,
מיר האָבען שוין געטהאָן, וואס ער האָט געלוסט;
בנימינ׳ען אויך געבראַכט צו טראַנספּאָרטירען.
איידער דער פאטער האָט מיר איהם געטרויט,
איז אונז אָנגעקומען שווער, גלייך מיט׳ן טויט.
דעם הייסען קומען אין הויז איז א גרויסע ראיה,
אַז ער זוכט שוין אויף אונז בלבולים נייע;
געוויס פאר די געלט, וועלכע מיר געפינען אין די פעק,
וואָס ער הייסט עס מיט פלייס צוריקלעגען אין די זעק.
הכלל, ברידער, מיר האַלטען שלעכט!
מיר בלייבען אין מצרים אויף אייביג קנעכט.

ראובן

אז יוסף איז דורך אונז אין מצרים א קנעכט,
איז דאָס אפנים ביי אייך רעכט?
און ווי עס קומט צו אונז, איז שוין ניט גוט.
יוסף איז פון אייזען, מיר פון פלייש און בלוט,
ליבערשט וואָלט איך דאמאָלס פיהלען זיינע שמאַרצען,
ווי איהם איז געבעך געוועזן אויפ׳ן הארצען.
ניין, ברידער! איהר זאָלט נאָר ניט דאגה׳ן,

יוסף׳ס בלוט וועט געווים ניט שווייגען.
זעה, ברודער, ווי דו רעדסט ווי א קינד,
צי פאר אונזער קערפער זארגען מיר אצינד?
מיר האָבען דאָך צו הויז א פּאָטער מיט א געזינד;
זיי נעבעך בלייבען ווי מעקענע אויפ׳ן ווינד,
ווען מען זאָל אונז איצט קיין תבואה ניט געבען,
אין א חודש ארום, פון וואנען וועלען מיר לעבען?
שלעכט ברידער... שא... מען געהט...

(סלוא קומט אריין).

סלוא

וואָס געהט איהר ניט אין זאל, וואס שטעהט איהר פון פאָרענט?
וואָס זייט איהר אזוי פערקרימט, פערצוארענט?

יהודה

איך בעט אייך, ליעבער הער!
וואָס איז מיט אונז דער מעהר?
דעם ערשטען מאל ווי מיר האָבען די קאָרען גענומען,
און מיר זענען אונטערוועגענס אין א קרעטשעם געקומען,
מיר כאַפּען זיך צו אונזערע זעק,
די געלט מיטן׳ וואג ליגט אין די פעק.
יעצט ברייננגען מיר די געלטעןביידע,
פאר יענע און פאר פרישע געטריידע.
מיר ווייסען זיכער ניט, וואס קען דאָס זיין,
ווער לעגט אונז די געלט אין די פעק אריין?

סלוא

פירכטעט ניט פריינד! פון גאָט איז עס געוועז
עס וועט אייך חלילה, קיין בייז געשעהען.
גאָט גיט זיינע קנעכט, וועלכע איהם דיענען,
זיי זאלען געלט ביי זיך אין די פעק געפינען;
אייער ברודער איז שוין אויך לויז,
גלייך קומט ער אהער אין הויז,
איהר זייט היינט געלאדען ביי מיין הערען צום טיש,
זאָרגט ניט, לוסטיג זייט, מונטער און פריש.

אַט האָט איהר וואַסער וואַשט ארום די פים.
אייערע אייזלען שטעהען אונטען? אוי, א רחמנות אויף זיי.
איך היים זיי שוין דערלאנגען היי.

(סלוא געהט ארוים).

יהודה

וואָס זאגט איהר אויפ'ן אדיוטאנט? ווי פריינדליך, ווי פיין,
הלואי דער וויצע קעניג זאל ניט ערגער זיין.

יששכר

זאָל שוין גאָט געבען, פאר אונזער צער,
מיר זאלען שוין האָבען נחת דערפאר.

(שמעון קומט אריין).

(אלע).

גאָט העלף דיר! וואס מאכסטו ברודער?
געלויבט איז גאָט, אז מען זעהט זיך ווידער.

שמעון

אז אלע תפוסים, וואלט געווען ווי מיר,
וואלטען זיי מיט פליים גנב'ענען, צו זיצען אין מיין קווארטיר.

זבולן

(צו די ברידער).

זיין געזיכט, ברידער! זעהט,
קיין בייז אויג, ווי דיק, ווי פעט.

שמעון

איהר קלערט בודאי אויף דאָס געוויסע,
אַז איך האָב תעניתים געפאסט אין תפיסה?
וואָלט איהר נאָר זעהן, וואָס פאר א קעסט
מען האָט מיר געטראגען עסען פון דאָס בעסט,
וואלט איהר זיך פארזאמט נאָך א פּאָר וואכען,
וואָלט איך שוין פון טיר ניט ארויסגעקראכען.

(ענדע צוועלפטע סצענע).

דרייצענטע סצענע.

דער גאסט זאל פון יוסף.

(דריי טישען געגרייט צום עסען, איינינע אדיוטאנטען געהען ארום איבער'ן זאל, ריידען צווישען זיך. איינינע חרטומים זיצען אויף שטוהלען. יוסף געהט אריין, זיין קנעכט נאך איהם).

יוסף

(צו עבדון).

רוף אריין די עברים!

(עבדון געהט ארויס, די ברידער קומען אריין, נייגען זיך צו דער ערד. יהודה טראגט אין האנט א קארב מיט אלערליי פרוכט פון כנען, אין די צווייטע האנד א בריעף).

יוסף

וואס מאכט איהר עברים? אייער פאטער וואס מאכט?
האט איהר אייער אינגערען ברודער געבראכט?

(בנימין געהט צו, נויגט זיך צו יוסף'ן).

יוסף

אט דאס איז אייער ברודער לעבען?

(צו בנימין).

גאט זאל דיר גנאדע געבען!

(יהודה דערלאנגט יוסף'ן די קארב מיט דעם בריעף).

יהודה

אונזער אלטער פאטער שיקט עס דעם הער וויצע קעניג אליין,
נעמט עס אן מיט חן, ווי אויך זי איז קליין.

(יוסף נעמט עס צו מיט דעם בריף, די קארב גיט ער דעם קנעכט. ער עפענט דעם בריעף און לייענט „פון מיר יעקב בן יצחק בן אברהם העברי"... יוסף דערקענט דעם פאטערס האנט, ער קען זיך ניט איינהאלטען פון געוויין).

יוסף

גאנץ רעכט, זעהר שעהן!

(מאכט א בעוועגונג)

גלייך קום איך אַריין!

(ער געהט אוועק אין זיין קאבינעט, די דינער גרייטען צום טיש, אין איינינע מינוטען ארום קומט יוסף אריין).

יוסף

נו, ווארום זעצט איהר אייך ניט ביים טיש?

(די אַלע אדיוטאַנטען און די חרטומים זעצען זיך אויף א באזונדער טיש. אויף איין טיש זעצט זיך אסנת, יוסף, מנשה, אפרים).

יוסף

ווארום זעצט איהר אייך ניט? עברים!

(יוסף געהט צו, און זעצט די ברידער אויף דעם דריטען טיש, יעדערען נאך זיין עלטער. די ברידער וואונדערען זיך זעהר. יוסף זעצט זיך נעבען אסנת. זיי עסען, נאך דעם עסען ווערט דערלאנגט וויין. מען גיסט אן אין בעכער. דער דינער דערלאנגט די עברים א טאץ מיט עלף בעכער וויין).

יוסף

טרינקט, עברים!

יששכר

שוין צוויי און צוואנציג יאָהר ווען די געשיכטע זיין,
אז מיר היטען זיך צו טרינקען וויין;

יוסף

געוויס צוליעב אייער פערלאָרענעם ברודער;
זאָרגט ניט, גאָט וועט אייך איהם ווייזען ווידער.

ראובן

גאָט ווייס, ווען דאָס וועט אמאָל זיין;
דערווייל געהט נעבאך דער פאטער איין.

יוסף

ווען גאָט וויל, איז היינט אָדער מאָרגען,
טרינקט עברים! געננוג שוין זאָרגען!

(זיי טרינקען אַלע, עס ווערט דערלאַנגט נאָך עלף בעכער וויין, אַלע טרינקען פֿאַר געזונט. יוסף האַלט דעם בעכער אין האַנט.)

יוסף

נו, פֿאַר געזונט אייער אַלטען פֿאַטער!

(די ברידער מיט די בעכער אין די הענט).

(די ברידער).

פֿאַר געזונד דעם קעניג פֿון מצרים!
פֿאַר געזונד דעם הער וויצע קעניג!
פֿאַר געזונד די קעניגליכע מאַדאַם!
פֿאַר געזונד זייערע קעניגליכע קינדער!

(אסנת מיט'ן בעכער אין האַנט).

אסנת

איהר האָט צו הויז, שוועסטער אויך?

(די ברידער).

איינע נאָר.

אסנת

נו, פֿאַר געזונד אייער שוועסטער!

(אַלע טרינקען).

יוסף

(צו די חרטומים און אַדיוטאַנטען).
פֿון אברהם דעם עברי, האָט איהר דאָך געהערט פֿון ווייט,
זיינע אייניקלעך, זענען דיעזע לייט.

בקבקר

אָה, מען דערמאָנט איהם אומעטום ענטציקטערהייט.
שוין לאַנג, ליעבסטע פֿריינד! אַז אברהם איז טויט?

(די ברידער).
שוין הונדערט מיט פופצעהן יאָהר.

(דער אחרטום)
איך וואלט עס וועלען פערשטעהן אויף קלאָר,
זיין סיסטעם מיט'ן גלויבען צו ווערען געוואָהר.

יששכר

יעדער זאך אויף דער וועלט אז מיר קוקען צו,
שטימט עס צוזאמען א גאנצע הארמאָניע;
ווען פון די אלע וואָלט איינע געפעהלט,
וואָלט איין מינוט ניט איינשטעהן די וועלט.
די זון שטימט מיט וואסער, ווינד און ערד,
און אזוי יעדע זאך פונקט פערקעהרט,
דאָס אליין איז גענוג א בעוויין, א סימן, —
וויבאלד די אלע מוזען צוזאמען שטימען,
אז איין גאָט די וועלט פיהרט און רעגירט,
ווען ניט וואלט דאָס אלעס צוזאמען ניט געהארמאָנירט —
ער גיט דעם קראפט, אין יעדער זאך בעזונדער,
זיי זאלען ערפילען גאָטעס וואונדער,
און ווי ער האָט זיי פון אָנפאנג געשטעלט,
היטען זיי דעם גאנג, נאָך איינס ניט געפעלט.
די זון הייסט ער לייכטען, זי לייכט;
דעם רעגען פייכטען — ער פייכט;
דעם בוים הייסט ער בליהען, — ער בליהט;
דעם פויגעל הייסט ער פליהען, — ער פליהט;
דעם ווינד הייסט ער וועהען, — ער וועהט;
דעם טייך הייסט ער געהען, — ער געהט; —
דרום שרייט מיין זיידע אויף די פערשטאָפּטע מוחות,
וואָס פערגעטערען די שלוחים, דיענען צו די כוחות,
די קראַפט, די נאַטירליכקייט, וואָס יעדער זאַך האָט,
דערצו דיענען זיי, דאָס רופען זיי „גאָט“.
און פערשטעהען ניט, אז דאָס זענען נאָר קנעכט,
אָהן גאָט קענען זיי ניט טהאָן ניט גוט, ניט שלעכט,
און די מענשען פערקוקען זיך אויף די בעשעפּע ווי שעהן,

און פערגעסען דערוויל אָהן בעשעפער אליין;
מען זעהט ניט אין הימעל אזוי פיעל שטערען ביי נאכט,
וויפיעל געטער זיי האָבען שוין אויסגעטראכט,
און האָבען קיין געדאנק צו פערשטעהן מיט א זין,
אַז אלע רעדלעך דרעהט איין מאַשין,
פון איין קראַפט מוזען אלע רעדלעך געהן,
און די איין סבה, דאָס איז גאָט אליין.
ער פערלאַנגט קיין מענשען פאַר קרבנות,
נאָר איינער אויפ'ן צווייטען זאָל האָבען רחמנות;
אָט דאָס האָט אברם מיט זיין שכל געזעהען,
דערנאָך איז איהם זיין גאָט צו הילף געוועזען;
אַלע געהיימניסע האָט ער איהם ענטדעקט,
אלע פערבאָרגענהייט האָט ער איהם אנטפלעקט,
און מיר זענען פון איהם דער פערטער דור,
וואָס מיר לערנען זיין גלויבען קלאָר.

יוסף

(צו די חרטומים).

וואס זאגט איהר אייער מיינונג אויף דעם איבעראל?

(די חרטומים).

דער גלויבען איז געשעפט פון א פילאָזאָפישען קוואל.

יששכר

איין ספר איז פון מיין זיידען געבליבען,
וועלכער איז מיט גרוים פערשטאַנד געשריבען,
פון אלע געהיימניסע, פון דעם גלויבען,
פון די אלע בעשעפע, פון אונטען ביז אויבען,
איבערהויפט געפינט מען דאָרט צו לעזען,
דאָס גאָט איז ניט קיין קערפערליכער וועזען;
ער האָט ניט קיין גוף, וואס איהם דערהאלט,
קיין אָדערען, קיין גלידער, אויך קיין געשטאלט.
קיין ברייט, קיין הויך, קיין מאָס, קיין אָרט,
און איז פול אומעטום, דאָ און דאָרט.

עס איז ניטאָ קיין אָרט אין דעם גאנצען רוים,
אין ווינד, אין פייער, אין ערד, אין בוים;
וואָס דאָרט טהוט זיך גאָט ניט געפינען,
אָבער עס זעהען קיין אויגען, נאָר דער זינען.
די זעלבע לעהרע האָט דער זיידע פאר'ן לעבען,
זיין זוהן, אונזער זיידען איבערגעגעבען.

יוסף

יא, יא, געוויס איז די ווערטער זעהר ריכטיג,
זעהר ערהאבען, אמת! ריכטיג!

(יוסף און אלע שטעהען אויף פון טיש. אלע געהען ארויס אין דעם צווייטען זאל, נאר יוסף און אסנת בלייבען).

אסנת

ווייז נאָר דעם בריף פון מיין זיידען.

יוסף

(אלס ער דערלאנגט דעם בריעף).
אָה! זיין ביטער הארץ טהוט ער זיך דאָרט אויסריידען.

אסנת

(לייענט).
„צום אלער דורכלויכסטיגסטען פירשט און הערשער
אויף דאָס לאנד מצרים „צפנת פענח"
גאָט! בעגליק איהם אין אלע זיינע וועגען, אמן."
ווי ערשטוינט בין איך געוואָרען צו הערען פון מיינע קינדער,
דאָס דער הער בעשולדיגט זיי מיט דעם נאָמען זינדער.
עס וואונדערט מיר זעהר, איך האָב געהערט,
אַז דער וויצע קעניג איז פיעל אויפגעקלערט;
זאָל דער הער אָן זיי ניט דערקענען,
אַז זיי זענען ניט קיין שפיאָנען?
און דאן לאזט איהר איינעם אין תפיסה פיהרען,
און הייסט מיין איינגסטען זוהן צו אייך טראנספּאָרטירען,
וועלכע זיין מוטער האָט מיר נאָר צווי געבאָרען,

איינער פון זייביידען איז פערלאָרען געוואָרען;
וואָס איך וועל אייביג אויף איהם טרויערען,
ביז צו מיין קבר וועלען די טרערען דויערען.
נאָר זיין ברודער איז מיר פערבליבען,
מיט איהם האָב איך נאָך מיין צער פערטריבען;
ביטער, שווער, איז צו שיידען זיך מיט'ן לעבען,
נאָך שווערער איז מיר דעם קינד אוועק צו געבען;
איך בעט דעם הער וויצע קעניג, מיט רחמנות זיך צו בעגעהן,
חלילה, אז ניט, בין איך געצווינגען צו קומען אליין,
און וועל מיינע הייסע טרערען גיסען פאר זיין שטול,
דען דאָס הארץ איז מיר מיט שמערצען פול.
און אויב עס וועט ניט העלפען מיינע טרערען, מיין ריידען,
האָב איך נאָך א מיטעל בירושה פון מיין זיידען.
איך בעט צו גאָט! מיט טרערען, מיט ברומען,
מוז מיר גלייך זיין הילף פון הימעל קומען.
הונדערט דרייסיג יאָהר איז מיר יעצט געוואָרען;
צרות האָב איך געהאט מעהר פון מיינע יאָהרען;
און אז איך רוף צו גאָט, ווען איך בין געדריקט,
האָט ער מיר אייביג זיין הילף געשיקט.
נעמט ניט איבעל, פיליכט בעריהר איך זייער גרויסע עהרע,
דאָן דאָס רעדט מיין הארץ די שווערע,
מיין קאָפּ איז פערדרעהט, מיין הארץ פערביטערט;
מיין קערפּער געבויגען, מיינע אברים ציטערט,
גאָט! בעהיט דעם הערן פון אזעלכע אונגליקען,
אין אלע וועגען, זאָל דער הער באגליקען,
און גאָט זאָל איהם מיט זיין פאמיליע געבען
געזונט און גליק און לאנגעס לעבען.
פון מיר יעקב בן יצחק בן אברהם העברי."

(אסנת פאלט אין די אָרעמס פון יוסף).

(ענדע דרייצעהנטע סצענע).

פ ע ר צ ע ה נ ט ע ס צ ע נ ע.

יוסף׳ס לוסט־גארטען.
(דער גארטען צוטיילט זיך אויף העלפט. אין מיטען שטעהט א וואנד).
(יוסף, בנימין, עבדון).

יוסף

דערצעהלט מיר, וואס האָט מיט אייער פאטער פאסירט,
וויסענד, וואס איך האָב מיט זיינע קינדער דיספוטירט?

בנימין

מיין פאטער וואר עס טאקע א גרויס וואונדער:
עס פאָהרען דאָך נאָך געטריידע, פון אלע לענדער,
דאָך בעריהרט ער קיינעם, אויסער זיי אליין,
וואָס זייער ארענטליכקייט, קען יעדער פערשטעהן,
הויפטזעכליך וואונדערט איהם דעם הערן׳ס פערלאנגען,
דאָס זיי שאַפען מיר אהער צו בריינגען.

יוסף

באלד! באלד! וועט איהר עס זעהן פאר׳ן שיין,
מיין כונה, וואס איך האָב דעריין,
מיינע פריהעריגע רייד, וויל איך איצט זיין מקיים.
(ער באדיינקט זיך)
איהר זאלט וויסען, אז אייער ברודער איז אין מצרים,
דער קעניג האָט איהם פאר א דינער גענומען,
און ער בעט עס מיר צו שרויפען, איהר זאלט אהער קומען.

בנימין

אָה, גנעדיגער פירשט! פיליייכט קען עס געשעהען,
דאָס איך זאָל מיך מיט איהם קענען זעהען,
דרום איך זאָל שטילען דעם פאטערס טרויערען,
דען דער פאטער הערט ניט אויף איהם צו בעדויערען.

יוסף

ניין, אין מצרים איז שוין פון אייביג אזוי דער רעכט,
אז פאר זיין פאמיליע ווערט ניט געוויזען קיין קנעכט.
ריידען, קענט איהר מיט איהם, נאר דורך א וואנד,
אויב איהר ווילט, שטעהט דא, איך פיהר איהם צו פאר'ן האנט.

(יוסף געהט אוועק פון יענער זייט וואנד, וועלכע אויף דער סצענע זעהט מען ביידע. בנימין פון איין זייט, יוסף פון דער צווייטער).

יוסף

וואס מאכסטו, בנימין? אוי גאט דו גרויסער!
וואס מאכט דער פאטער, דער טרייער דער הייסער?
וואס מאכט אונזער זיידע? איז ער נאר געזונט?
איז ער נאך ביז יעצט, עד היום בלינד?

בנימין

(מיט געוויין).

וואס זשע מאכסטו? יוסף מיין ברודער!
דערצעהל מיר דעם גאנצען געשלידער!
ווי אזוי ביזטו קיין מצרים געקומען?
מיט וואסער אורזאך ביזטו אהער פערשוואומען?
אה! אונזער פאטערס געשריי ברעכט דאך מויערען!
ער הערט ניט אויף אויף דיר צו טרויערען,
אה, גאט!! כאטש וואלט געווען אין וואנט א שפאלט!
איך זאל כאטש קענען זעהן, דיין ליכטיגע געשטאלט!
אה! צו ריידען מיט דיר, האב איך זיך אויך ניט געריכט,
פיליכט איז אויך מעגליך צו זעהן דיין געזיכט?

(בנימין לויפט ארום וואנד, צו געפינען דארט א שפאלט).

יוסף

בעט נאר דעם פירשט, ער קען אלעם בעווייזען,
ער קען אונז ביידען פערזענליך ווייזען.

בנימין

אה גאט!! שיק ארויס א שטורעם פון דיין מעכטיגע האנט,
אה! עס זאל איינברעכען די אונגליקליכע וואנד!!

(יוסף געהט צוריק ארויס, גענעהנט צו בנימין, בנימין פאלט יוסף'ן צו די פיס).

בנימין

גנעדיגער פירשט!! איך פאל פאר אייך אנידער,
ערבארעמט אייך! אויף אונז צוויי ברידער!
לאזט זיך אונז זעהן די געשטאלטען,
דען מיינע קרעפטען וועלען עס ניט דערהאלטען.

יוסף

איך וועל עס אייך טאן.

בנימין

אה! איך דאנק אייך מיין הער!

יוסף

(צו עבדון).
געה, ברייננ זיין ברודער אהער!

(יוסף געהט מיט עבדון ביז הינטער'ן וואנד, קעהרען זיך אום צוריק. עבדון פיהרט יוסף'ן).

עבדון

אט איז אייער ברודער!

יוסף

איך בין דיין ברודער יוסף!!!

(יוסף פאלט ארויף אויף זיין האלז, קושט און וויינט זעהר פיעל.)

יוסף

(צו עבדון).
יעצט געה צו הויז!

(צו בנימין).
וואס מאכסטו בנימין? מיין ברודער, מיין גוטער!
ברידער זענען מיר! ברידער פון איין מוטער!
זעץ זיך דא בנימין! ביי דעם בוים דעם גרויסען,
ער מעג אונזערע סודות הערען און וויסען.

(זיי זעצען זיךביידע אנידער).

נאָר איידער מיר ריידען, זאָג מיר פאַרהער,
דו ווייסט דאָך, אַז מיינע ברידער פערקויפען מיר אהער?
זאָלסטו מיר זאָגען ריכטיג, די וואַרהייט מיט געדולד,
צי דער פאַטער האָט אויך אין מיין מכירה א שולד?

בנימין

(ערשטוינט).

מיינע ברידער האָבען דיר פערקויפט פאַר א קנעכט!?
אָה, גאָט!! דאָס איז אַזוי רעכט!!?
מיין פאָטער ווייס דאָך נאָך ניט ביז אצינד,
אַז זיי פערקויפען יוסף׳ן זיין קינד!

יוסף

זאָג מיר מיט וואָס זענען זיי דאַמאָלס צו מיין פאַטער געקומען?
וואו האָבען זיי דאַמאָלס א תירוץ גענומען?

בנימין

וועה!! די העמדעל וואָס דער פאָטער גיט דיר איבער,
צום בעוויז, אַז דו שטייגסט מיינע ברידער אריבער, —
בריינגען זיי איהר צופליקט, אין בלוט איינגעריכט.
זענען אריין צום פאָטער, מיט א פערוויינטען געזיכט
און זאָגען: „מיר האָבען נאָר געפונען די העמדעל אליין.
דערקען פאַטער! דאָס איז יוסף׳ס, צי ניין??"
און דער פאַטער שרייט: „דאָס איז מיין קינדס, געוואַלד!!
חיות רעות האָבען איהם, צוריסען אין וואַלד!"

יוסף

(מיט טרערען).

אוי, מיין פאַטער האָבען נעבאך געזאָגט זיין הארץ, זיינע נירען,
שלעכטע מענשען זענען נאָך ערגער פון בייזע טיערען...

בנימין

ער שרייט: „וואו געפינט איהר עם?? אוי, ווינד!!
וואו ביזטו יוסף, יוסף מיין קינד!?"
די ברידער ענטפערען: „אַז אין וואַלד אָן א זייט
דערזעהען מיר א רויטע זאַך, פון דער ווייט,

מיר געהען צו נאָהענט, מיר בעטראַכטען דאָס גוט.
די העמדעל ליגט צוריסען, ארום איז פול מיט בלוט.
מיר זוכען דאָרט ווייטער א גליד, צי א ביין,
אָבער מיר געפינען נאָר א שלאַד פון בלוט אליין. —
דעם פאַטערס אויגען, ווי טייכען פליסען,
ער האָט אויף זיך די קליידער צוריסען.
ער האָט דעם הימעל געשפּאָלטען מיט זיין געשריי;
עס האָט הערצער צובראָכען, זיין אוי! זיין וועה!
און לאָזט זיך ניט טרייסטען, ביז דעם היינטיגען טאָג;
די הויז איז רק פול מיט יאָמער, מיט קלאָג,
שוין צוויי און צוואַנציג יאָהר, אז דאָס איז געשעהען,
און זיין שרייען איז ווי עס וואלט איצטער געווען.
אָה! זיי האָבען דיר פערקויפט?? אָה, זייער צאָרען!!
און דו ביזט באַלד א ווייצע קעניג געוואָרען?

יוסף

אוי, ניין! גענוג שטראָמען זענען אויף מיר געשוואומען,
איידער איך בין צו דער דרגא געקומען.
איך בין שוין א קנעכט אויך געווען אונטערדעסען,
איך בין שוין צוועלף יאָהר אין תפיסה געזעסען;
אָבער וואו מיין שיקזאַל האָט מיך פערוויהט,
האָט גאָטעס אויג מיך איבעראַל בעגלייט.
איך האָב שוין אויף זיך געהאַט א בייזע טיער,
וועלכע מיט ליעבע דערשלאָגט זי מיר,
דערקענען אבער נאָך איינע וואָס פיהלט מיין שמאַרץ,
און האָט בעפייכטעט מיין טרוקענע האַרץ,
וועלכע אין איהר טרוים שרייט זי: „אוי ווינד!
וואָס שטעלט מען דעם לייב צווישען די הינד“.
צום ענדע זענען מיר געוואָר געוואָרען,
אז זי זעלבסט איז פון לייבען געבאָרען,
מיט אונז פון איין פאַמיליע, פון איין מדינה,
זי איז א טאָכטער פון אונזער שוועסטער דינה.
דער קעניג זעלבסט מאַכט דעם בונד,
און זי איז מיין פרוי ביז אצונד.

(אסנת קומט אריין אין גארטען און פיהרט אפרים'ען פאר'ן האנט
זי זעצט זיך נעבען זיי).

בנימין

אַה, יוסף! ערפרעהסט מיין זעלע! ערפרישט מיין גוף!
ווי בוימעל אויף וואסער שווימט די ווארהייט ארויף!
און דאָס איז אונזער שוועסטערס קינד!?
אַה, פּאַטער! אהער! האָב נחת אַצינד!!

יוסף

נאָר זאג מיר בנימין, מיין טייערער ברודער,
געדיינק איך פרעג שוין דעם צווייטען מאל ווידער,
וואס מאכט אונזער זיידע? האָט ער אפשר זיין שיין?

בנימין

(מיט טרערען).

ער איז שוין, וואו מיר וועלען אמאָל זיין —

יוסף

(מיט געוויין).

אַח! וועה איז מיר! מיין טייערער זיידע!!
איהר זייט דאָס געגאנגען פרעהליך צו דער עקידה?
איהר הייליגע נשמה! איהר זייט עס געשטארבען!
איהר! פון בארג מוריה דער הייליגער קרבן!!
יא, הייליגער זיידע! איהר האָט שוין אייער שיין,
ליכטיג איז אייך אונטער גאטעס פליגעל צו זיין!

בנימין

דער זעלביגער זיידע פלעגט קומען אלע טאג,
טרייסטען דעם פאטער פון זיין גרויסען קלאָג.
דען גלייך ווי דער פאטער האָט בעקומען צו וויסען,
אז חיות רעות האָבען יוסף'ן צוריסען, —
האָט ער אָנגעטהאָן א זאק, צוריסען זיינע קליידער,
פלעגט זיצען און טרויערען ביי זיך אין חדר.
אָט דאָרטען, וואו ער פלעגט לערנען מיט אייך, —
די הענט פערבראכען, טרערען ווי א טייך.

דאָס געזיכט פערטרויערט, דער קאָפּ אויף א זייט,
און פלעגט שרייען און טענה׳ן רק אלע צייט:
„גאָט איז גערעכט אויף אלץ וואס ער טהוט!
מיינע זינד פארגיסען די אונשולדיגע בלוט!
אוי, איך האָב דעם שולד, נאָר איך אליין!
איך האָב איהם געהייסען אין סכנות געהן.
אבער ניט דאָס אונשולדיגע קינד!
ווי וואַסער פון קוואַל ביזטו ריין פון זינד".
און עד היום, און אזוי לאָז איך איהם אצינד,
ער געהט נאָר און שרייט: "יוסף מיין קינד".
אנ׳אנדערם מאָל כאַפּט ער זיך אויף פון שלאָף
און שרייט: „רחל! רחל! וואו איז דיין יונגע שאָף??
צוליעב דיר האָב איך געדיענט, מיין עקרת הבית!
שטעה אויף און זעה, — דיין קינד עסען חיות!
אָה! זיבעצעהן יאָהר האָב איך נחת געהאט,
מיט חכמות, מיט מדות, מאך איך איהם זאַט,
וואָס איך האָב געלערענט פון שם ועבר,
איצט האָט זיין לייב ניט געפונען קיין קבר,
זיין פלייש עסען ראבען, קראָהעס,
זיינע ביינער גריזשען חיות רעות".
אַמאָל כאַפּט ער די העמדעל מיט בלוט פערשפריצט,
זיינע אויגען פערקעהרט, די ציינער פערקריצט;
די גראָע האָר צוואָרפען, דער ליכטיגער פּנים בלאס,
און ציטערט מיט שרעק, אז דאָס לייב ווערט איהם נאַס.
קושט איהר די העמדעל, שרייט רק וואָס העכער,
„אָט דאָס איז געבליבען פון רחל׳ען א זכר"...

(בנימינ׳ען פערקוועטשט דאַס הארץ. ער קען ניט ריידען. אסנת שפּארט זיך אן אן יוסף׳ן און וויינט יאָמערליך. יוסף האַלט די אויגען צום הימעל. דאַס הארץ איז איהם פערשטיינט. בנימין אָטעמט עט־וואָס אָפּ, רעדט ווייטער).

און בלייבט באַלד אין אונמאַכט, לאָזט אראָפּ דעם קאָפּ,
מיר לויפען באלד צו, מיר מינטערען אָפּ.
אָט אזוי איז אוועק צוויי און צוואנציג יאָהרען,
אַז פון די פרעהליכע הויז איז א בית עולם געוואָרען.

יוסף

דאָס איינע איז מיר אבער א גרויסע פּליאה,
וואו איז זיין חכמה? וואו איז זיין נבואה?
זיין רוח הקודש, וואס אויף איהם איז געווען,
ווי האָט ער אלעס בנבואה ניט געזעהן?

בנימין

ווען ער פלעגט זיין ביי זיין פרעהליכע תנועה,
פלעגט ער ווערען בעגייסטערט מיט הייליגע נבואה, —
דען דער פרעהליכער קערפּער איז צו דער זעלע א ישועה,
אָבער צייט דער אונגליק האָט איהם געטראָפען,
אַז דער קערפּער איז טרויעריג, איז די זעלע פערשלאָפען.

יוסף

און קיינער דערצעהלט ניט דעם פאטער בשום אופן?
פון דער גאנצער מכירה? פון דעם פערקויפען?
געווארפען אין גרוב, אזוי לאנג געשרויפט,
ביז מען האָט מיר צו ישמעאלים פערקויפט.

בנימין

(מיט שרעק).

אין א גרוב געווארפען?! אזוי איז מיט דיר ברודער געגאנגען?!

יוסף

אָה! א גרוב! פיעל עגדישען, שלאַנגען!

בנימין

און ווי איז מיט דיר אין מצרים דערגאנגען?

יוסף

דאָס וועסטו וויסען, דערווייל איז מיין פערלאנגען, —
דיר צו וויסען געבען מיין געדאנק, מיין קלער,
ביז איך וועל ברייננען מיין פאטער אהער.

בנימין

אבער ווי זאגסטו ניט אָן, צום פאטער אליין.

(די זון געהט שוין אונטער, דונקעל ווערט אויפ׳ן סצענע. יוסף קוקט צום הימעל).

יוסף

די זון הויבט שוין אָן אונטערצוגעהן,
וועל איך דיר קורץ געבען צו פערשטעהן.
וואָס וועל איך צום פאטער שיקען זאגען,
אַז איך ווייס ניט דורך וועמען איך ווער געשלאָגען,
דען ווען איך האָב דערצעהלט דעם טרוים פון די זון,
איז דער פאטער געריהרט געוואָרען דערפון;
זיין כעס האָט געברענט, זיין פייער פלעגט גליהען,
דען דאס ווייזט, אז ער וועט זיך צו מיר קניען;
ווארום ווער איז די זון, ווען ניט דער פאטער אליין,
דרום הייסט ער מיר צו די ברידער געהן,
דאָס זיי זאלען אויף מיר נקמה נעמען זאט,
דען זיי האָבען דאָך פון לאנג אויף מיר א כעס געהאט;
אזוי האָב איך זיך איינגערעדט, אזוי האָב איך געקלערט,
טאָ וואָס וועל איך שרייבען? זיין כעס זאל זיין געמערט?
דאמיט וועל איך איהם נאָר קריינקען, ניט געבען נחת,
דען דאָס זעהט אוים ווי איך טהו איהם להכעים,
ער וויל מיך שטראָפען, פאר מיינע זינד,
און איך וועל קומען מיט להכעים אצינד,
בכן, דו פאטער מיין נאָמען פערלירסט,
דיר אויף להכעים אָט בין איך א פירשט"
בכן, איז ביי מיר דער הסכם געבליבען,
ניט איהם מצער זיין, און גאָר ניט געשריבען.
אַז איך זעה אבער איצט, אז מיין געדאנק איז גאָר פוסט,
דער פאטער האָט נעבאך פון קיין זאך ניט געוואוסט, —
היינט, מאָרגען גלייך שיק איך איהם זאָגען,
אז דיין זוהן לעבט, הער אויף צו שלאָגען.
נאָך וועמען דו טרויערסט מיט א הארץ א שווערע,
קום אהער, און זעה זיין עהרע.
ווי אויף גאַנצע לאַנד האָט ער געשאַפען,
פאר איהם קניהען פירשען, גראפען,

און דער פאטער וועט געווים קומען צו מיר.
דען אונזער מוטער פון קבר זאגט דאָס מיר אפריהער.
מען פיהרט — זאגט זי — פאַראוים די קאַלב אליין,
דאן וועט שוין די מוטער ממילא נאָכגעהן.

בנימין

אונזער מוטער, עליה השלום,
זאָגט עס דיר אין חלום?

יוסף

ניין! נאָר אויפ׳ן וואָר!
הער איך איהרע ווערטער קלאָר.
ווען מיינע ברידער פערקויפען מיך, איך וואר ארעסטיר׳ט,
האָט מען מיר פערביי איהר קבר געפיהרט,
און ווען איך בין אין אונמאכט געבליבען דאָרט ליגען,
האָב איך אָט די תשובה פון איהר געקריגען.
און אלעס וואס איך האָב געליטען אין מיין יונגע וועלט,
האָט זיך מיר איהרע ווערטער אין גדאַנקען פארגעשטעלט.
נאָר איידער איך וועל נאָך מיין פאטער שיקען,
וויל איך נאָך אביסעל מיינע ברידער דריקען.
ניט אוים שנאה, חלילה! ניט,
ניט אוים שנאָה, חלילה! ניט אוים קטטה.
כ׳וויל איצט זעהען אויב אַלע האָבען חרטה.
ראובן, יששכר, זיי האָב איך זעלבסט געזעהען קלאָגען,
זיי האָבען זיך אויף די זינד אין הארצען געשלאָגען,
אין תפיסה האָב איך געהערט, די רייד, די דעות,
דען איך האָב מיר געמאכט, אז איך פערשטעה קיין העברעאיש,
דרום וועל איך אויך טהאָן, א זאך צום לאכען,
איך וועל דיר מארגען פאר א גנב מאכען;
און איך וועל דיר נעמען פאר א קנעכט צו מיר,
און אויב זיי וועלען זיך שטעלען פאר דיר,
מיט אלע קרעפטען, מיט לייב, מיט לעבען,
דאן וועל איך מיר צו ערקענען געבען.
דען דאָס וועט מיר פאר א פראָבע דינען,

אז זיי האָבען חרטה אויף מיין מכירה אין זינען,
נאָר דו דיין ראָלע שפּיעל קלוג און גוט,
זיי מיט מיר פרעמד ביז די לעצטע מינוט.

(עס ווערט שוין נאכט. יוסף שטעהט אויף פון אונטער'ן בוים, נאך איהם אסנת מיט אפרים. בנימין קושט אפרים'ען).

בנימין

אָה! מיין שוועסטערס אייניקעל! מיין ברודערס קינד!
ווי טייער וועסטו זיין ביים פאטער אצינד!

יוסף

(צו בנימין).

דו האסט עפּעס קינדער?

בנימין

צעהן זיהן זאלען לעבען,
אלע נאָך דיר א נאָמען געגעבען.

יוסף

דו האסט נאָך ניט געוואוסט, וואס מיט מיר האָט פּאסירט,
ווי אזוי האָסטו זיי מיט אזעלכע נעמען טיטולירט?

בנימין

דאמאָלס איז מיר די נעמען אזוי אין זינען אריין,
נאָר יעצט זעה איך, אז דאָס איז פון נבואה א שיין;
יעצט זעה איך, ווי אלע צעהן נעמען איז גלייך,
פּונקט ווי עס האָט פּאסירט מיט אייך;
והא ראיה, אז דער פאטער האָט די נעמען בעטראכט,
„יוסף מוז לעבען" האָט ער ביי זיך געטראכט.
דעריבער איז צו טרייסטען איהם געווען שווער,
דען ווען ער וואָלט געוואוסט, אז דו לעבסט ניט מעהר,
טאָ ווי פיעל איז דער שיער א טויטען צו בעדויערען,
ווען יענער איז טויט, וואס העלפט דאָס טרויערען,
נאָר מיר דוכט, אז דער זיידע (זיין זעלע אויבען שוועבט),
האָט געוויס געוואוסט, אז זיין אייניקעל יוסף לעבט.

מיט ווערטער פלעגט ער ווינקען, ווען דער פאטער קלאגט,
נאר איך פערשטעה ניט, פארוואס האט ער ניט אויסגעזאגט.

(אויפ'ן סצענע ווערט פינסטער, אסנת ווערט באגייסטערט, הויבט אויף די אויגען צום הימעל. אלע איהרע נערוועז ווערען אויפגעריהרט).

אסנת

אה! הייליגער זיידע! מיין זעלע ווערט פון דיר געריהרט!
דיך האט דאס דיין פאטער פאר א קרבן געפיהרט!
א בינטעל האלץ אויפ'ן פלייצע! דעם חלף אין האנט,
איהר געהט עס ביידע פרעהליך — צו מוריה לאנד;
דיין פאטער בינדט דיר דיינע הייליגע גלידער,
און לעגט דיר אויפ'ן מזבח אנידער!!
זיין יצחק! זיין טרייסט צו הונדערט יאהר!
און דו! זעהסט שוין דיין טויט אויף קלאר;
דו ווייסט ווי דיין מוטער לאזט דיר קוים אפ,
איהר ניינציג יאהריגען יחיד איהר איין אויג אין קאפ!
און דו האסט נאך קעגען חלף דיין האלז אויסגעשטרעקט,
דיין טאטע נעמט שניידען, אט... אט... איז געעקט...
דא האבען זיך מלאכים קוקען געשטעלט,
ווי דער טאטע מיט'ן חלף, דער זוהן די האלז אויסגעשטעלט,
די אויגען רינען טרערען, דאס הארץ קוועלט!
אוי — ער טראגט שוין, אוי — צום האלז ניט ווייט...
ער לעגט שוין ארויף... אוי — ער שניידט!...

(אסנת פאלט איין אונמאכט).

(ענדע פערצעהנטע סצענע).

פופצעהנטע סצענע.

אויפ'ן וועג פון מצרים קיין כנען, צוויי ווי'ארסט פון מצרים.
(בוימער פון ביידע זייטען געשטעצע. די עלף ברידער פון יוסף פאהרען אן. יעדערער פיהרט זיין אייזעל פאר'ן האנט. די תבואה

אויף די אייזלען געפּאקט. עס הערט זיך א שטימע שרייט:
האלט! עברים! ווארט! שטעהט!!).

נפתלי

מיר דוכט אז איינער צו אונז שרייט.

(אלע שטעלען זיך אפּ הארכען. די שטים נעהענטער שרייט: האלט!
שטעהט!

שמעון

יאָ, ריכטיג, עס הערט זיך א קול פון דער ווייט.

זיי שטעלען זיך אנידער. די שטים איז שוין נאָהענט. שרייט: ווארט!).

זבולן

ברידער! די שטים זעהט מיר אוים
פון דעם אדיוטאַנט פון וויצע קעניגס הויז.

אשר

ברידער! מיר זענען נאָך ניט פּטור,
מיר זענען נאָך ניט אין דער היים ביים פאטער.

(סלוא קומט אָן. ער רוהט עטוואס אָפּ).

סלוא

פון א שעה אן איך שריי, און איהר קעהרט אייך ניט אום,
טויב זייט איהר עברים? צי שטום?

(ער דיכעט אָפּ).

דער זילבערנער בעכער, וואס איהר האָט געטרונקען,
איז ער ניט געוואָרען אזוי ווי איינגעזונקען.
קיין אנדערער ווי איהר, איז ניט געוועזען דאָרט;
איהר האָט אבער, עברים, ניט געטראָפען דעם אָרט.
דאָס ערשטע דארפט איהר דאָך פערשטעהן גאנץ גוט,
אז מען ניצט איהם שטענדיג, ווען מען שפּירען די מינוט.
צווייטענס, בענוצט מיין ווירט מיט דעם בעכער צויבעריי,
און ביי וועמען גנב'עט איהר! כ'לעבען א שטות'עריי!

(די ברידער קוקען זיך אָן מיט פערוואונדערונג).

יהודה

ליעבסטער הער! איהר ערגערט אייך אומזיסט,
קיין גנבים — טרויט אונז — זענען מיר ניט.
פון כנען יענע געלט, ברייגנען מיר צוריק.
בפרט נאָך גנב'ענען זילבער א שטיק?!
געפינט איהר ביי וועמען דעם בעכער פון הערען,
זאָל יענער צום טויט שטראפירט ווערען,
און מיר אלע זאָלען זיין צום הערען קנעכט, —
יא? מיין הער! האָב איך רעכט?

סלוא

אזוי דאַרף עס זיין, נאָר איך זאָג „ניין",
א קנעכט זאל נאָר זיין דער גנב אליין,
און די איבעריגע אלע בלייבען ריין,
און איהר קענט אייך לשלום צו אייער פאטער געהן.

(די ברידער נעהמען אראָפּ די זעק, סלוא פאנגט אן צו זוכען פון די עלטערע ברידער, ביז ער קומט צו בנימין, ער שטעקט אריין די האנט און נעמט ארויס דעם בעכער. די ברידער פערברעכען די הענט, און צורייסען די קליידער).

סלוא

(מיט א שמייכעל).
נו, אָרענטליכע לייט! וואס וועט איהר יעצט זאגען?
געוויס האָט א ווינד אהער דעם בעכער פערטראגען?!
אברהם'ס אייניקלעך גנב'ענען?! פוי, מיאוס!!
נו, נו, עהרליכע לייט! מאכט קיין שיהות,
אָט דאָס איז שעהנע אורחים?! אָה גאָט!!
נו, נו, גיכער! צוריק, צוריק אין שטאָט!

(די ברידער לעגען ארויף די זעק צוריק אויף די אייזלען. יהודה צו בנימין מיט א פערדריסליכען צארען).

יהודה

אפשר ווי דיין מאַמע מיט די בילדער, ביזט דאָך רחל'ס זוהן!

בנימין

גאָט ווייס דעם אמת, אז איך בין ריין דערפון.

יששכר

(צו יהודה).
וואָס בעשולדיגסטו א מענשען א ריינעם ? !
מיר האָבען ניט צו בעשולדיגען קיינעם !
מיר ווייסען אליין... דער געוויסען דאַרף אונז פרעסען,
גאָט מאָנט אויף פריהער — שפּעטער — עס ווערט ניט פערגעסען.

(זיי קעהרען זיך אום צוריק, ביז מען זעהט זיי שוין ניט אויפ'ן סצענע).

(ענדע פופצעהנטע סצענע).

זעכצעהנטע סצענע.

יוסף'ס גאסט־זאל.

(יוסף, אסנת, מנשה, אפרים, איינינע אדיוטאנטען. סלוא קומט אריין מיט דעם בעכער א'ין האנט. נאָך איהם אלע זיהן פון יעקב שרעקליך פערשעמט. זיי בלייבען שטעהן ביי דער טיר).

סלוא

ראַמט אויף די שטוב ! אלץ וואס איז פאראנען,
פיליינט וועט זיי נאָך עפּעס געפעלען פון דאנען.

יוסף

נו, עברים ! אָט דאָס וואס באדייט ?
אברהם'ס אייניקלעך ? ! ערענטליכע לייט ? !
מיר רופט מען דאָך „צפנת פענח" דערביי,
דאָס אלע פערבאָרגענהייט איז מיר אָפען, פריי,
אָז דעם בעכער פערשטעה איך צוויבעריי.

יהודה

מיר קענען ניט ריידען, גוט אָדער שלעכט,
גאָט מאָנט דאָ אויף פון אונז זיין רעכט,
מיר אַלע, אלע, אלע, פערבלייבען היער קנעכט.

יוסף

חלילה! ביי דעם וואס מען האָט דעם בעכער געפונען,
יענער פערבלייבט, היער אויף צו דינען,
וואָס האָב איך צו אלעמען? איהר קענט אייך געהן,
די שטראָף דארף ליידען, נאָר דער גנב אליין!

יוסף

(צו סלוא ווייזענדיג אויף בנימין).
פיהר איהם אריין צו מיר אין הויז.
(צו די ברידער).
איהר קענט אייך געהן, איהר זייט לויז.

(סלוא נעמט בנימינ'ען, פיהרט איהם אריין אין א זייטינגען צימער, די ברידער ברעכען די הענט, וויינען שטילערהייד, יהודה טרעט אָפּ פון די ברידער, גענעהענט צו יוסף'ס שטוהל).

יהודה

דורכלויכטיגסטער פירשט! ערלויבט מיר צו ריידען,
איהר זייט גלייך ווי דער קעניג, איך שעץ אייך ביידען.
דעם ערשטען מאל, ווען מיר זענען געקומען,
האָט מען אונז אונשולדיג צו אייך פערנומען,
פון די שטריינגע דאפראָסען, וואס איהר האָט אונז געפרעגט,
האָבען מיר אלע הינזיכטען פון הויז אייך ענטדעקט,
ביז איהר הייסט דעם אינגסטען בריינגען אהער,
מיר האָבען איהם פון פאטער בעקומען גאנץ שווער,
דען זייט יענעם קינד איז איהם פערפאלען געוואָרען,
איז איהם דער געבליבען, דער טרייסט צו די אלטע יאָהרען.
דען זיין מוטער האָט נאָר דיעזע צוויי געבאָרען;
דאן אז דריקט דער הונגער, שוין ניטאָ קיין קאָרען,
האָט דער פאטער אויף מיינע הענט איהם מיר געטרויט;
אָבער זיין שיידען זיך וואר שווער ווי דער טויט.

אַז איך האָב איהם שוין גענומען, קיין מצרים געבראַכט,
ווערט נייע בלבולים אויף איהם אויסגעטראַכט;
און דער הער פערלאַנגט איהם צו פערהאַלטען!...
קומען מיר אָהן איהם צו אונזער טאַטען דעם אַלטען,
ווילען מיר זעלבסט אויפ'ן פאַטער די מערדער זיין,
און ער קומט מיט טרערען, חלילה אין גרוב אריין.
פערלאַנג איך יעצט פון הערן, די איינע רעכט:
דאָס איך זאָל פערבלייבען, אַנשטאָט איהם אַ קנעכט.
איך האָב מעהר קרעפטען, איך בין אַ העלד,
איך וועל זיי נוצען אין הויז און אין פעלד.

(יוסף שטעהט אויף פון זיין שטוהל צום אוועקגעהן).

יוסף

(אַלס ער שטעהט אויף פון שטוהל).

גענוג שוין פלוידערען, איך האָב קיין צייט,
לאָזט מיך געהן האַנדלען מיט עהרליכע לייט.

(יהודה קוקט מיט צאָרן, פון זיינע אויגען שיסען איהם בלוט אַרויס).

יהודה

לאָמיר זיך זעגענען אין פרידען, וואָלט איך ליבערשט זאָגען

(ווייזענדיג אויף שמעון מיט לוי).

אָט די צוויי מענשען האָבען די שטאָט שכם דערשלאָגען.

יוסף

(מיט אַ געלעכטער צו זיינע אַדיוטאַנטען).

כאַ־כאַ־כאַ!... איינער האָט זיך אַמאָל בעריהמט,
אַז ער וועט צורייסען אַ לייב בשעת ער ברומט.
אַ סימן: אין וואַלד האָבען זיך מוראַשקעס געשאָטען,
האָט ער זיי אַלעמען מיט איין פוס צוטראָטען.

(צו די ברידער).

שוטים! אין שכם זענען זיי אַלע צו בעט געלעגען,
שוואַכע, קראַנקע, אָהן שפּיזען, אָהן דעגען,
און בסך הכל דריי הונדערט מאַן.
אין מצרים איז צוועלף מיליאָן מענשען פאַראַן!!
טויזענדער גבורים!! פאָלקען מיליטער!!

מעכטיגע קרעפּעסטען! פול מיט געוועהר!!
אָה! נײַן פריינד! איהר אירט אייך!!
מצרים איז נאָך צו שכם ניט גלייך!!
אבער פארוואס דיינע ברידער, מאכט עס ניט אוים?
נאָר דו, שטעלסט זיך מיט דיין גרוים מויל ארוים?

יהודה

דען דער פאטער טרויט מיר איהם אויף מיינע הענט,
אנדערס איהם נעמען האָב איך ניט געקענט.
דרום בין איך פאר איהם, אן ערב געוואָרען,
זאָנסט לאָזט איהם דער פאָטער ניט פאָהרען.
אָבער דער הער וועט געוויס מאכען א בייט,
דען איך וועל איהם נוצען אלע צייט.
אין אן אום-שלום שטעלט מיך צום שטרייט,
וועל איך קאסען ווי היי, ווי זאנגען מען שנייט, —

יוסף

(צו זיינע אדיוטאנטען).

איך וואלט עס טהאָן, נאָר ער שרעקט מיך איין,
איך פירכטע, עס וועט ביי מיר צו הויז מלחמות זיין.

(יוסף בעדיינקט זיך א קליין ווייל).

יוסף

איך וועל דעם פאטער בעפרידיגען מיט אן אנדער זאך.

יהודה

דורכלויכטיגסטער פירשט! לאזט שוין געמאך!
גענוג שוין אונז צו קריינקען, גענוג שוין צו שטרייטען;
דער פאטער וועט זיין קינד אויף געלט ניט בייטען.

יוסף

איך דיינק ניט צו בעצאָהלען איהם מיט געלט,
נאָר מיט וואָס — דוכט מיר — ער וואָלט אליין געוועלט.

יהודה

וואס איז פאר א זאך?

יוסף

(צו זיינע קנעכט).

הייסט אלעמען אפטרעטען, אליין געהט אויך ארויס,
אויסער די עברים זאלען בלייבען אין הויז!

(אלע געהען ארויס, מיט זיי אסנת אויך, אויסער עבדון און מנשה).

יוסף

איך קען אייך ווייזען אייער יהודה פערלארענעם ברודער.

יהודה

גענוג שוין צו קעהרען אונזער הארץ ווי א רודער,
מיר זענען קינדער פון שם! — ניט פון חם! —
פירכטעט אייך פאר דעם גאט פון אברהם!!!

יוסף

איך בין ערפאהרען מיט די הילפע פון גאָט,
אַז אייער ברודער איז דאָ אין שטאָט,
און אזוי ווי איהר שטעהט דאָ גלייך,
וועט איהר זעהען אייער ברודער פאר אייך!

(די ברידער קוקען זיך אלע אַן מיט גרויס פערוואונדערונג).

יוסף

(צו עבדון).

דעם גאלדענעם טאַץ, דערלאנג אהער!

(עבדון לויפט ארויס, טראגט אריין דעם טאַץ אין א שייד. יוסף נעמט דעם שייד אראפ, טראגט צו דעם טאַץ צום מויל, זאגט וואס אייניגע ווערטער שטילערהייד. טהוט אַן דעם שייד צוריק)

יוסף

(צום קנעכט).

היינג אויף דעם טאַץ אויפ'ן טיר,
מיט דעם לויטערען זייט אנטקעגען מיר.

(עבדון הייננט אויף דעם טאַץ).

יוסף

(צו די ברידער).

נעהענטער צו מיר קומט ברידער!
פון ביידע זייטען שטעלט אייך אנידער.

יוסף

(צו עברון).

גלייך ווי איך רייד,
נעהם אראפּ די שייג׳

(עברון כאפּט דעם שייד אראפּ, און געהט באלד ארויס).

יוסף

(צו די ברידער).

קוקט זיך איין אין טאַנץ, אין שיין, אין דאָס ליכט,
זעהט איהר דאָרטען אייער ברודערס געזיכט?

(די ברידער קוקען אין טאַץ).

(די ברידער).

ניין!

יוסף

קוקט זיך אקאָרסט איין, אין טאַץ גוט,
זעהט איהר איינעם אין א גאָלדענע הוט?
אויף׳ן האלז א קייט,ביים זייט א דעגען,
אין א ווייסען טורבאן, מיט רויטע ברעגען.
אין א לאנגע בלאָע זיידענע קלייד,
זיין קינזשאַל מיט א גאָלדענעם שייד?
איהר זעהט איהם ניט? אָך! אזוי מהודר,
איז דאָס ניט אייער ברודער??

(די ברידער בלייבען שטעהן שרעקליך ערשטוינט. יוסף ווינקט צו מנשה׳ן ער זאל ארויסגעהן).

יוסף

(אין דער הויך מיט א געוויין)

איך בין אייער ברודער יוסף! איך!!
וואס קיין מצרים פערקויפט איהר מיך!
וואס מאכט מיין פאטער? איז ער נאָך ביי זיין קראפט?
האָבען איהם זיינע צרות די כוחות ניט פערשלאפט?

(די ברידער בלייבען צודולדעט, קענען קיין ווארט ניט ענטפערען).

יוסף

וואס זייט איהר דערשראקען? קומט ווייטער צו מיר!
וואו איז מיין בנימין? לאזט איהם ארויס פון טיר!

(בנימין לויפט ארויס פון טיר. ער פאלט ארויף יוסף'ן אויפ'ן האלז. קושען זיך און וויינען זעהר פיעל. די ברידער זיינען אהן א שפראך געבליבען).

יוסף

(צו די ברידער).

זייט ניט אונרוהיג, זאל אייך ניט פערדריסען!
אזוי איז גאָטעס פיהרונג, מוזט איהר וויסען.
ער שיקט מיך אהער אייך צו שפייזען;
דיינקט ניט, אז איהר האָט איהם געטהאָן פערגרייזען;
אזוי איז גאָטעס רצון, אזוי איז זיין זינען,
כדי ער זאל אייך פון הונגער אנטרינען.
ער שיקט מיך אהער, אין קרוין צו זיין געציערט,
ביים קעניג ווי א פאָטער, אין זיין הויז דער ווירט,
גאַנץ מצרים ווערט מיט מיין צעפּטער געפיהרט.

(אסנת קומט אריין מיט ביידע קינדער).

אָט די אסנת מיין פרוי, וועלכע איהר זעהט אצינד,
זי איז אונזער שוועסטער דינה'ס א קינד,
מיט איהר האָב איך דיעזע צוויי קינדערלעך דערלעבט,
וואָס איך בין צו זיי ווי צום פאָטער צוגעקלעפּט.

(בנימין נעמט ארום מנשה און אפרים, קושט זיי זעהר פיעל. יוסף פאלט ארויף אויפ'ן האלז פון איטליכען ברודער באזונדער, קושט זיי און וויינט זעהר פיעל.)

ראובן

(אלס ער קומט עטוואס צו זיך).

אָה גאָט!!!

יששכר

יוסף לעבט!!!

יהודה

פאָטער!!!

אשר

אה! מיין הארץ גלויבט מיינע אויגען ניט!!!

נפתלי

אה! דעם פאטער ווער זאגט אָן???

ג ד

אה! וואָס זעה איך???

(שמעון, לוי, זבולון, דן).

אה! גאָט דו גרויסער!!!

(דער פארהאנג פאלט).

(ענדע זעכצעהנטע סצענע).

זיבעטער אקט.

זיבעצעהנטע סצענע.

א וואלד ביי חברון.

(פארטראג בעגינעז. יעקב אליין געקניהט אויף דער ערד.)

גאָט דער קעניג איבער אלע קעניגרייך,
אויף דער ערד, אין הימעל, ווער איז צו דיר גלייך,
ביזט פריהער געוועזן, איי עס וואר נאָך גאָר טעג;
וועסט זיין שפּעטער אָהן א שיעור, אָהן א ברעג;
דו ביזט פון אלעמען פערבארגען, פערדעקט;
אין יעטווידער זאך ביזטו דאָך אנטפּלעקט.
דער דומער מענש וועט דיר אייביג ניט געפינען;
דיר זעהען קיין הערצער, נאָר דער זינען.
מיר זעהען דיך ניט אפילו אין דער ליכטיג,
און אין דער פינסטער זעהסטו גאנץ ריכטיג.
די סיבה, די אורזאך, ביזטו פון אלע זאכען, —
אלץ וואס דיין ווילען איז, דאָס קענסטו מאכען,
און ווייל ביי אונז טויזענדער יאָהרען,
איז ביי דיר ווי א רגע פערבייגעפאָהרען;
זעהען מיר גאנץ קורץ, און דרום
וואָס ביי דיר איז גלייך, איז ביי אונז קרום.
דאָס וואס ביי אונז זעהט אוים שלעכט,
ווייסטו אז דאָס איז גלייך און רעכט,
דען דו קוקסט גאנץ וויים, ביז צום סוף,
אז דאָס איז א טובה, ניט א שטראף.
נאָר דו גאָט, קענסט עס דעם סוד וויסען,
וואָס חיות האָבען מיין קינד צוריסען.
דער מענש קוקט קורץ, און דו קוקסט וויים,
ענטדעק מיר גאָט, וואס דאָס בעדייט —

שוין צוויי און צוואנציג יאָהר, אז דאָס טהוט דויערן,
ענטדעק דיין סוד, איך זאל ניט טרויערן,
איך וויים דיין פיהרונג איז גוט און קלוג,
צו מיינע צרות זאָג שוין גענוג! — „גענוג!!"1)

(יעקב בלייבט שטעהן ערשטוינט, ער קוקט זיך ארום).

— „גענוג!" — מיינע צרות איז שוין גאַר?
אָבער ווער ענטפערט דאָס מיר? וויים איך ניט קלאָר.
גאָט! דו ענטפערסט דאָס? קענסט! ביזט א תקיף.
ערבארעם דיך אויף דיין קנעכט יעקב!! — יעקב!!
ווער רופט עס מיר? איך מוז לויערן.

(ער קוקט זיך ארום).

ווער קען פרעהט עס מיין טרויערן!? — „טרויערן!!"
טרויערן זאָל איך אויף מיין פיין?
איך גיב מיר גאָט איבער אין דיין האַנט אריין,
דען אלעס וואָס איך האָב, איז דיין! — „דיין!!"
מיין? ניין, צו דיר געהער איך, עוויג, און אצינד,
אַלעס, אלעס, יעדער שאָף, יעדע רינד,
יעדער מינוט לעבען, יעדער קינד! — — — „קינד!!"
אָה!! ווער דערמאָנט מיר מיין שמארץ?
ווער פערגרעסערט די וואונדען פון מיין הארץ?
צי דערמאָנען מיר, מיין קינד יוסף? — „יוסף!!"
יוסף!! דיין געזיכט מיר שטענדיג שוועבט.
דיר צו רייסען חיות, אוי! און דיין טאַטע לעבט!? — „לעבט!!"
ער לעבט? ניין, דאָס הייסט קיין לעבען,
איך בין שוין לאנג צום טויט געגעבען.
איך געה איבער גוואלד, איך לעב איבער דאנק,
געבויגען אין צעהנען, שוואך און קראנק.
אָה! יוסף וואר מיין לעבענם קוועלע,
נו, לעבט א קערפער אָהן א זעלע?

(ער בלייבט אהן קרעפטען).

אָה! איך האָב קיין קרעפטען צו געהן אהיים,
איך וועל מיך דאָ זעצען אונטער דעם בוים.

(ער זעצט זיך אנידער, בעדיינקט זיך עטוואס).

וואָס איז דאָרט מיט מיינע קינדער געוואָרען?

אין שטוב איז שוין באַלד ניטאָ קיין קאָרען,
זיי האָבען שוין געדאַרפט קומען צו פאָהרען?

(ער בלייבט שטיל).

אָבער ווער ענטפערט דאָס מיר, ווער?
א פרעמדער מענש? ווי קומט ער אהער?
לאכט ווער פון מיר, ווען מיין הארץ איז שווער?
קען ווער זיך פרעהען אויף מיין טרער?
פיליכט דו גאָט? גאָט מיין הער!
פיליכט האָסטו דיין הילפע געשיקט
צו ערפרעהען דיין קנעכט, ווען ער איז געדריקט.
און מיט דיינע ווערטער האָסטו איהם בעגליקט?
דו ענטפערסט מיר גאָט! מיט דיין שטים פון וויטען?
דאַרף מען דאָך קלערען, וואָס דאָס טוט בעדייטען...
אויב ניט זיבען ווערטער האָב איך יעצט געהערט,
ווען איך בין געשטאַנען ביים בוים פערקלערט,
„געווג, יעקב, טרויערען" אָך, ווי קלוג!
גאָט!! דו זאגסט מיר, אז טרויערען איז גענוג?
אָבער די לעצטע ווערטער „דיין — קינד — יוסף — לעבט",
עפּעס דאָס האָט מיר צום הארצען ניט געקלעפּט,
שוין צוויי און צוואנציג יאָהר, אז ער האָט ווי א פויגעל פערשוועבט,
בייזע חיות פון וואלד האָבען זיין פלייש צושלעפּט —
יעצט זאגסטו מיר אָן, אז יוסף לעבט.

(עס הערט זיך א געזאנג פון א דאמען־שטים מיט דעם שפּילען פון אגיטאַרע, הינטער'ן וואלד).

אוי! ניין, ניין, פון צער, פון אנגסט, בין איך פערדולט,
אבער — וואָס הער איך עס — מען זינגט, מען שפּיעלט —
אָה! וואָס פאַר א זיסע שטים וואָס פאַר א שעהנע געזאַנג,
שעהנער, שעהנער, פון דעם פויגעל קלאַנג—.

(יעקב בלייבט שטיל, ער הערט דאס ליעד הינטער'ן וואלד, ווי עס זינגט און שפּילט מיט דיעזע ווערטער).

1.

דעם קוואל פון הילף עפענט גאָט,
טרוקענע הערצער! פון דאָרטען שעפּט!

ווי גרויס, ווי טיעף, איז גאָטעס ראָהט,
מיין פעטער יוסף לעבט ! !

2.

פון מצרים שפּראצט די הילף ארויס,
גאָטעס האנט האָט איהם פארשלעפּט,
אָה, גאָט ! ! די פרייד ווי גרויס !
מיין פעטער יוסף לעבט ! !

3.

קומט אהער, הייליגע גייסטער !
צו מיין זיידען, גיכער שוועבט,
גאָט דו גרויסער ! ביזט א מייסטער,
מיין פעטער יוסף לעבט ! !

4.

קוקט נאָר מענשען, זעהט און שפּירט,
ווי קינסטליך דער שפּין זיין שטיבעל וועבט.
נאָך קינסטליכער האָט דאָ גאט געפיהרט,
מיין פעטער יוסף לעבט ! !

5.

זינגט איהר פויגעלעך ! נאַכטיגאַלען !
צו פרייד זייט איהר ערשט א רעצעפּט.
דעם זיידענס טרוים איז ניט פערפאלען, —
מיין פעטער יוסף לעבט ! !

יעקב

(מיט פערוואונדערונג).

אך, די שטים, ווי זיס, ווי שעהן
שרח ? דו ביזט דאָס מיין קינד אליין ?
פון דיין שטים, דערקען איך דיר,
אהער מיין קינד נעהענטער צו מיר.

(עס קומט אריין שרח מיט א גיטארע אין האנט).

יעקב

זינגסט גאנץ שעהן, מיין ליעבעס קינד!
נאָר מיינע וואונדען רייסטו אצינד,
דערמאָנסט מיר יוסף׳ן, אוי מיר, און ווינד!

שרח

חלילה, איך זאל דיין הארץ בעשווערען,
איך זאל זיין גערען דיינע טרערען, —
מיין ליעד איז נאָר אויף פרייד געגרינדעט,
דיין הארץ צו היילען וואס איז פערוואונדעט.

יעקב

מיין הארץ צו היילען, זינגסטו דיין ליעד?
אח, דאָס רייסט מיר אויף גליד פאר גליד.
די וואונד איז געוועזן שוין צוגעקלעפּט, —
זינגסטו א ליעד, — אז יוסף לעבט —
פאר דיר איז א ליעד, פאר מיר — א שפּיז,
גאָט ווייס, וואו מיין יוסף איז.
דער וואלד האָט שוין אָן די חיה פערגעסען,
וועלכע האָט מיין קינד אויפגעגעסען.

(מען זעהט פון וויטען דורך די בוימער קומט אן די דינה).

שרח

די זיבען ווערטער, וואס האָט דיר אין וואלד געקלונגען,
אויף די ליעד, וועלכע איך האָב געזונגען, —
די ביידע איז ריכטיג, קענסטו וויסען,
קיין חיות האָבען איהם ניט צוריסען.

דינה

(פערשלאָגענדיג שרח־ס רייד).

הייליגער פאטער! איך זאג דיר אָן,
מיינע ברידער קומען אָן,
זיי געהען צו דיר אהער אין וואלד,
אַ גליקליכע בשורה ברייגגען זיי דיר באלד.

(יעקב שטעהט אויף מיט האסט, לויפט צו די קינדער, די קינדער לויפען איהם אנטקעגען. יעקב קושט זיי.

יעקב

וואס זשע מאכט איהר מיינע ליעבע קינדער?
זייט איהר געזונט, איטליכער בעזונדער?

(ער דערזעהט שמעון'ען. ער פאלט איהם ארויף אויפ'ן האלז).

יעקב

וואס מאכסטו? מיין אונשולדיגער ארעסטאנט,
די תפיסה פון מצרים איז דיר שוין אויך בעקאנט?!

שמעון

(ווייזענדיג אויף די ברידער).
ווען זיי וואלטען זיך פערזאמט, נאך א פאר וואכען,
וואלט איך אייביג פון תפיסה ניט ארויס געקראכען.

יעקב

ווארום מיין קינד?

שמעון

דען איך וואלט געווארען אזוי פעט און דיק,
אז איך וואלט ניט קענען ארויס צוריק.

יעקב

מיך וואונדערט אויפ'ן וויצע קעניג זעהר,
אנפאנגס מאכט ער אייך אנגסט און טרויער,
דערנאך ווערט ער פלוצלונג אזוי גוט,
איך דיינק, ער איז א שווינדלער, א פלוט?

(מען זעהט קאראטען קומען אן).

יששכר

אין אברהם'ס אייניקלעך איז ניטא קיין פלוטען —
וואלסט דאס זעהען אביסעל זיין כאראקטער דעם גוטען.

יעקב

וואס הייסט? איז ער דען פון אונזער משפחה?
בנו, זאל איהם גאט בענשען, פון מיין זיידענס ברכה.

(דער קוטשער פון יוסף'ן געגעהענט צו יעקב).

(דער קוטשער).

ליעבסטער אלטער! דער וויצע קעניג שיקט מיר צו אייך,
בעטען איהר זאלט קומען קיין מצרים גלייך.

יעקב

בעדאנקט אייער הערן, איך וועל נישט פאהרען,
צו שווער פאר מיר, פאר מיינע אלטע יאָהרען.

(דער קוטשער).

דרום שיקט אייך דער וויצע קעניג קאראטען,
איהר זאלט קענען פאָהרען עס זאל אייך ניט שאטען.

יעקב

מיינע קינדער קומען איצט, איך וויל וואס מיט זיי ריידען,
ווילט איהר מיר שוין פון מיינע קינדער שיידען,
נעכטיגט פריינד! מאָרגען פאָהרט אייך צוריק,
בעדאנקט אייער הערן, ווינשט איהם גליק.

(דער קוטשער).

פאר די גאנצע געזינד שיקט מיין ווירט קאראטען
אלעמען צו ברייגנען, האָט ער מיר געבאָטען,

יעקב

וואס האָבען מיר ביי איהם אזוי פיעל פערדיענט,
אז ער הייסט צו זיך ברייגגען מיין גאנצען געזינט?

יששכר

ער מיינט נאָר אונזער טובה, ווי עס שיינט,
דען ער איז מיט אונז א נאָהענטער פריינד.

יעקב

(מיט פערוואונדערונג).

א פריינד איז ער אונזערער? ווי אזוי?

יששכר

ווייל דיין דינה'ס טאָכטער איז זיינע א פרוי —

יעקב

(ערשטוינט).

די קליינע אסנת? די דריי יאָהריגעם קינד?
איז א וויצע קעניגין, צו מצרים אצינד?

דינה

און דער וויצע קעניג זעלבסט, דער אדעל געבאָרענער
איז מיין ברודער יוסף, דיין זוהן, דער פערלאָרענער.

יעקב

(מיט געוויין).

וואָס לאכט איהר קינדער פון מיר!
מיין הארץ שפרינגט מיר ארוים שיער.

נפתלי

חלילה פאטער! מיר זאלען דיר קרייגקען,
מיר ווילען דיר ריכטיג מיט א בשורה בעשיינקען.

(אלע).

יוסף לעבט! זאלען מיר לעבען אזוי!
און דינה'ס טאָכטער איז זיין פרוי,
אויף גאנץ מצרים האָט ער צו באטען
און ער שיקט עס דיר די קאראטען.

(זיי ווייזען אויף דעם קוטשער אחישחר).

אָט ביי דעם הערן קענסטו פרעגען,
ווער עס שיקט די פערד און וועגען.

יעקב

(צום קוטשער).

אָה, ליעבסטער הער!! ווער האָט אייך אהער געשיקט??
און ווי האָט ער די ווערטער אויסגעדריקט???

אחישחר

(דער קוטשער).

דער הער וויצע קעניג מיט זיין פרוי,
פערזאגען מיר מיט די ווערטער אזוי:

פאָהר קיין כנען מיט מיינע ברידער,
ברייננ מיין פאטער צוריק מיט זיי ווידער.

יעקב

(מיט א געשריי).

אָה גאָט ! ! !

(ער פאלט צו דער ערד. אלע לויפען צו בערוהיגען איהם).

שרח

וועה איז מיר ! ! מיין איידע איז איין אונמאכט געבליבען ! !
זיין פרייד האָט איהם זיין לעבען פערטריבען ! !

דינה

(פאלענדיג אויפ'ן פאטער).

בערוהיג דיך פאטער ! אוי וועה איז מיר ! !
ער איז געבליבען ! ! ער גיט זיך ניט א ריהר !

(די קינדער אלע לויפען צו, הויבען איהם אויף. באגיסען איהם מיט טרעפען. יעקב קומט עטוואס צו זיך, די קינדער זעצען איהם אנידער נעבען א בוים).

יעקב

(מיט א פריידענס-געשריי).

אָה גאָט ! ! מיין קינד יוסף לעבט ! ! !

(ער שפארט זיך אָפּ אָן בוים פון שוואכקייט).

(אלע).

ער לעבט ! ער לעבט ! און איז גרויס אין שטאַנד,
ער איז דער צווייטער פון פרעה'ס האנט,
א וויצע קעניג אויף מצרים לאנד.

יעקב

אָה ! געגוג פאר מיך ! ! מיין יוסף לעבט ! !

(אלע).

און יוסף בעט דיר צו איהם צו רייזען,
זיין גליק, זיין גרויסקייט, דיר צו ווייזען,
ער וועט דיך צו דיין עלטער שפייזען.

יעקב

מיינע טרוימען זעה איך דעם אויגענבליק!!
פון צוויי און צוואנציג יאָהר צוריק!!
אָה! ווי ריכטיג זיי פלעגען ווייזען!
יוסף וועט מיך צו דער עלטער שפייזען!

(יעקב קניהט זיך אויף דער ערד, פערשפּרייט די הענט צום הימעל).

יעקב

גאָט פון אברהם! וואס דו זיצט אויבען,
איך האָב קיין ווערטער דיך צו לויבען.
קעגען דיין פיהרונג ווער קען זיך קליגען,
מיר זענען קינדער פון די וויעגען;
מיר זענען דום, מיר זענען בלינד,
ווי א פריש געבאָרענער קינד.
יוסף ווערט פון מיר פערלאָרען,
קלאָג איך צוויי און צוואנציג יאָהרען,
און דו פיהרסט איהם קיין מצרים,
מיין זיידענס הבטחה צו זיין מקיים —
יעצט פערשטעה איך וואס דאָס בעדייט,
וואָס איך הער דאָ פריהער א שטימע שרייט,
און וואס איך רייד דאָ אויף אָן אָרט,
ענטפערט דער וואלד אויף יעדער וואָרט.
„גענוג, יעקב, טרויערען,
דיין קינד, יוסף, לעבט“.
גאָט! דיין שטימע ברעכט איין מויערען,
די נבואה וויטער אויף מיר שוועבט,
די הייליגע געפיהלען ווען דו מיר ווייזט,
ווער איך בעגייסטערט פון דיין גייסט,
צייט עס טרעפט מיר די גרויסע שרעק,
איז דיין נבואה פון מיר אוועק,
ווי דו האָסט מיר איצט ערפרעהט,
מיט נבואה האָסטו מיר בעקליידט;
גאָט פון אברהם! וואס דו זיצסט אויבען,
איך האָב קיין ווערטער דיך צו לויבען,

דיך לויבט מיין הארץ און מיין געפיהל,
פאר דיר א לויב — איז שווייגען שטיל...

(יעקב שטעלט זיך אויף די פיס).

1.

יעקב

זינג מיין זעלע! זינג צו גאָט!
וואָס זיינע וואונדער בעוויזען האָט;
ער גיט דיר פרייד פאר דיין לייד,
ער טהוט דיר אָן א נבואה קלייד.

(די קינדער).

האָפט צו גאָט, אייביג ברידער,
האָפענונג איז א גוטער רעצעפּט.
גאָט ערפרעהט דעם טאַטען ווידער,
ער זאגט איהם אָן, אז יוסף לעבט.

2.

יעקב

זינגט צו גאָט, איהר הויכע שטערען
אויך די זון מיט די לבנה.
איהר זעהט פריהער מיינע טרערען,
פרעהט אייך איצט מיט מיין מתנה!

(די קינדער).

האָפט צו גאָט, אייביג ברידער,
האָפענונג איז א גוטער רעצעפּט.
גאָט דערפרעהט דעם טאַטען ווידער,
ער זאגט איהם, אז יוסף לעבט.

יעקב

רחל! רחל! מיין געליעבטע,
קום אהער! וואו דיין זעלע שוועבט;

ערפרעה דיין האַרץ, די בעטריבטע,
דיין בן פורת האָט אָפּגעלעבט.

(אלע).

זינג מיין זעלע, זינג צו גאט,
וואָס זיינע וואונדער בעוויזען האָט. —

(דער פאָרהאַנג פאַלט).

ע נ ד ע.

לידער

שעהנקייט און נוצען

שים פניך אל הרי ישראל בן אדם.
והנבא אליהם (יחזקל ו׳ ב׳).

דאמאלס ווען די גאנצע מענשהייט
וואר נאָך קינדערש, נאַריש, דום;
און מלאכים, שדים, גייסטער
טאַנצען אין דער לופט ארום.

דיזע גרויסע קינדער זוכען
אלץ וואָס איבער די נאַטור.
און די וועלט פערפלייצט מיט געטער:
מענקור, ווענוס און אמור.

פון יופּיטער — גרויסע וואונדער
ווערט דערצעהלט, זאָ דייטליך־העל,
יענער פּעכט זיך פאר א געטין
מיט א גאָט אין א דועל!

און זאָגאר די פילאָזאָפען
גרויסע קעפּ פון יענער צייט;
דיספּוטירען פון דער זעעלע
אויב זי בלייבט „איין עווינקייט“.

נאָך אזעלכע טויזענד זאכען
וואו פערשטאַנד מוז בלייבען שטעהן:
ווען דער מענש זאָל אייביג לעבען
וועט ער דיעזעס ניט דערגעהן.

און אין יענע קינדער־יאָהרען,
ווען דער שכל דומהייט קלערט:
„אלע שטערען זיינען בעשאַפען
צו בעדיענען א ו נ ז ע ר ערד“.

„רעדער דרעהען די מזלות,
הויך אין הימעל, ווי א מיהל;
און זיי האָבען אויך נשמות
לעבען, ווילען און געפיהל.“

אָנגערופען פונקט די נעמען
פון מלאכים אלערליי;
אויסגעמאָסטען דעם גיהנום
און געהערט דעם „מת“ געשריי.

האָבען אויגען נאָר פעריסען
דאָרט צום הימעל, און געקלערט:
ווילען קיינמאָל טראכטען, וויסען
וואָס איז אונטען — דאָ אויף דר׳ערד.

דיזעס קלערען ברייננט קיין נוצען
אין דער פראקטיק און געברויך:
אויגען־בלענדיג, אבערגלויבען
בלייבט זיי נאָר פון דיזען רויך.

אָט אין יענע קינדער־יאָהרען
ווען די מענשהייט בלאָנדזשעט נאָר ;
האָבען זיי אלס די פּאָעטען
אויך געחלומ'ט אויפ'ן וואָהר.

זיינען דאמאלס נאר געפלויגען
וואו די פאנטאַזי זיי רופט ;
הויך צום „תרשיש“ און צום „חשמל“
און צום „קשת“ אין דער לופט...

שלעפּען נאר דעם לעזער'ס אויגען
צו די וואלקענס דאָרט אין רוים ;
און עס בלייבט איהם נאָכ'ן לעזען
נאָר א קורצער זיסער טרוים...

ווי ער עפענט נאר די אויגען,
און עס חלום'ט איהם ניט מעהר,
ווערט עס ווי א בלאָז פערשוואונדען
און זיין הארץ בלייבט פוסט און לעער.

מעהרער אלטע פּאָעזיען
זיינען „בלומען“ אָהן פּראָפיט.
נאָר אויף שמעקען, נאָר אויף ריהרען,
מעהר קיין נוצען ברייגגט עס ניט.

און דאָך האָט מען זיך פערגונען
לויבען דיזע פאנטאַזיע :
וואָס דאָס ליעד האָט מעהרער ליגען
הייסט עס וואהרע פּאָעזיע...

* *
*

אָבער דיזע קינדער־יאָהרען
האָט ביי מענשען לאַנג געפעהלט;
דער פערשטאַנד האָט זיי געלערנט
לערנען פּראקטישער די וועלט.

מענשען האָבען זיך גענומען
מעהר בעטראכטען אונזער ערד;
וואָס אין איהר איז, און וואָס אויף איהר איז —
זיך בענוצען מיט איהר ווערטה.

עלעמענטען אויסגעפונען,
זיך בעדיענט מיט זייער מאַכט;
עלעקטריע אויך וואסער, פייער, —
פאר דעם מענשענ׳ס שקלאַף געמאַכט.

מעדיצין — און ליכט און שאָטען
אינדוסטריע גאנץ טיעף שטודירט;
אויך באטאניק, אַנאַטאָמיע
און מאַשינען פאבריצירט.

דאמאלס נעהמט אויך די פּאָעזיע
בילדער מאָהלען, ליכטיג העל;
און אנשטאט דעם אלטען ליגען
קומט דער אמת אויף איהר שטעל.

זינגען לידער נאָר פון לעבען
פאָטאָגראפיש, דייטליך, קלאָהר;

ריין געשילדערט, אלעס פּינקטליך
ניט פערגרעסערט אויף א האָר.

מאָהלט די ארמוט און דאָס עלענד
מאָהלט די „גוואלדטהאַט“ מיט איהר מאַכט;
מאָהלט דעם שוואַכען דעם גערריקטען
מאָהלט א מענשען־האַרץ מיט פּראכט.

יושר, אמת, עולה, שקר, —
טוהען זיי אָן אין א גוף
און די אלע ווי פּערזאָנען
טרעטען אויף דער ביהנע אויף.

ווי דער דיכטער, נעהמט די פעדער,
איידער ער פאנגט דאָס ליעד נאָך אָן;
מוז ער זיך די פראגע שטעלען
זאָג מיר: „מא קא משמע לן?“

„וועלכע נוצען האָט דער לעזער
וועז ער לייענט דאָס שוין אָפּ?
וואָס האָט דאָס ליעד איהם געלערנט
וואס פערבלייבט דערנאָך אין קאָפּ?“

שכל פערלאַנגט מעהרער מעלות,
אויסער וואָס דער שיר איז שעהן;
נאר א שוטה זוכט א כלה, —
וואָס זאָל זיין נאָר שעהן אליין.

מעג דער פערז זיין ווי ערהאבען

ברייננט ער אבער קיינע נוץ;
בלייבט עס נאר א פּוסטע פראזע —
שכל'ען זעטיגט ניט דער פּוץ...

נאָך בעזונדערס ווען מיר אידען
האַלטען יעצט אין אַזאַ שטאַנד
ווען מיר זעטיגען זיך טעגליך
נאָר מיט האַס און דרוק און שאַנד.

שאַנד און שפּאָט איז אונזער חלק,
הונגער, עלענד נויט און פּיין;
דאָרטען טרייבט אונז מיט שטעקענס, —
דאָ לאָזט מען אונז ניט אריין!...

ערגער ווי אין מיטעל־אַלטער,
דאַן געפינט דער איד דאָך רוה;
ווען עס טרייבט איהם איין מדינה, —
קומט די צווייטע, נעהמט איהם צו.

היינט איז איבעראל פערשלאָסען
טהיר און טויער פאר דעם גרייז;
פון דעם ברענענדען עקוואטאר
ביז דעם קאַלטען ים מיט אייז.

עס איז יעצט ארוים א חיה
וואָס איהר שפּייז איז נאָר א „איד“;
און איהר גרוך איז זאָ געפעהרליך
מזיק'ט מיט איהר יעדען גליעד.

ציינער שאַרפע, נעגעל גרויסע
און איהר האַלז — א שטאַרקע קייט;
שפריצט מיט גיפט אוואו זי קערט זיך
אייער לייגט זי וואו זי געהט.

ביז עס בלייבט אונז קיין איין ווינקעל,
וואו די חיה איז ניטאָ;
שווימט אריבער דעם אַטלאַנטיק
און מען זעהט איהר גאַנץ אָפט דאָ...

און ביי דיזער שלעכטער לאַגע
גיט נאָך דיכטער אין זשאַרגאָן,
וועלכע פרעגען זיך קיין פראַגע:
„וואָס העלפט דאָס ליעד מיין נאַציאָן".

זיי בעזינגען בלומען, פויגלעך —
שענקען שפיעלצייג — דיעזען גרייז...
שפאַרען איהם אין מויל קאמפּאָטען,
אָבער קיין נאַרהאַפטע שפייז.

און א היבשע מאָס ציניזם
און „וויזתאָ'ס" פול א סטאַק;
אויף דעזערט — א פוטער קוכען
און פערדארבען זיין געשמאַק:

און ווער רעדט שוין וועגען נוצען —
וואָס דערפון האָט די נאַציאָן?
ניט קיין טרייסטונג צו די צרות
ניט קיין עצה וואס צו טהאָן!

מיר בלייבט נאָר צו ווידערהאָלען
יענע אלטע — נייע ליעד ;
וואָס צום פּעדלער איז געשריבען
און געמיינט דעם ג אַ נ צ ע ן א י ד !

„וואָס זינגט איהר פּאָעטען פון בלומען פון פויגלעך ?
דאָס ליעדעל האָט לאַנג שוין איהר צייט אָפּגעלעבט,
דאָס פּאַסט צו פארשלעפערן קינדער אין וויגלעך
גיט בעסער דעם קראַנקען א היילונגס־רעצעפּט !
1892

דריי סטאַנציעס

כי יצר לב האדם
רע מנעוריב (בראשית ח"א)

ווער עס איז א דיינקענדער
קעהרט דעם מח קלערענדיג ;
ווער מיט אויגען אָפענע
קוקט ער אויף דער וועלט.
אין דעם גרויסען מענשענטייך
פיעל עס גיט פערדאָרבענהייט, —
גניבה, גזילה, פאלשקייטען
גאָר א גרויסע צאָהל ;
איין פיש שלינגט דעם אנדערן,
ווער נאָר איז א שטאַרקערער
סיי אין כוחות קרעפטיגער
סיי אין קאַפּיטאַל.

פּרופּט נאָר זוכט אַן ערליכען
מיט א וואהרען צוטרויען
אויב איהר טרעפט א הונדערטהייל
איז דאָס שוין צופיעל ;
נאָך ביים ערשטען אדם'ן
זעהט מען שוין די מאָרדטהאַטען, —
איין ברודער דעם אנדערן
האָט דערשלאָגען טוידט.
און אזעלכע מעשה'לעך
פון א מענשען הרגע'נען, —
הרגע'נען און אָפּנעמען
האָט געטראָפען אָפט ;
ווער רעדט נידערטרעכטיגקייט
האמבאג און בע'גנב'נען,
גנב'ענען און לייקענען
שטייגט פון טאָג צו טאָג.
דערצו מיטלען זוכענדיג
קומט אדור פון אנוש'ן[1]
וועלכע האָבען אויפגעקלעהרט
גלויבען רעליגיאָן ;
האָבען אויבען אָנגעצייגט :
אין הימעל אין „א סטאַנציע הויז"
ווער עס וועט דא זינדיגען,
ווערט אויבען בעשטראָפט.
זעהר יונג און שרעקעדיג
ווארען די פערצייטיגע ;
דיזעס העלפט די קליגערע
אויספיהרען דעם פּלאַן.
מ'הערט א דונער קלאַפּענדיג,

מ׳זעהט א שטערן פאַלענדיג,
מ׳זעהט א וואסער רוישענדיג
פון א שטורם ווינד ;
פאַלט אויף זיי א שרעקעניס,
טרייסלען זיך און ציטערן,
מיינען אז גאָט בייזערט זיך
פאר די גרויסע זינד.
אָבער, קוים זיך צוגעוועהנט,
ווערט דער שרעק שוין לייכטערער
מענשען הערט מען זאָגענדיג :
— איך וויל לעבען יעצט.
וואָס קען דאָס מיר קימערן,
וואָס וועט זיין אויף יענער וועלט !
„דאַרף איך לעבען שטאַרבענדיג ?
שטאַרבען ווען איך לעב״.
אגב טרעפט שוין גייסטליכע,
גוט געניטע „ביזנעסלייט״
מאַכען פון דעם גלויבענשטאָף
פאר זיך א געשעפט.
מענשען מעהר ערפארענע
האָבען זיך ארומגעזעהן,
אז דעם הימעל׳ס „סטאַנציע־הויז״
שטעהט פון דר׳ערד צו ווייט ;
די פּאָליציע בלייבענדיג,
דאַרף מען איינע אָרדענען
וועלכע זאָל שטעהן נעהענטער
נעבען זיך אין שטאדט.
בכן—ווערט באַלד רעגירונגען,
קעניגע, געזעצגעבער,

כאַפּט מען איינעם זינדיגען
ווערט ער גלייך בעשטראָפט.
און דיביידע אָנפיהרער,
גייסטליכע און קעניגע,
לעבען ביידע ברידערליך
איינס דעם צווייטען שטיצט...
נאָר די צווייטע „סטאַנציע־הויז"
כאָטש זי איז א נאָהענטע,
קען זי אויך ניט אָפּהאַלטען
ווילדעס טהיער פון רויב.
מ'קען א מענשען הרג'ענען,
וואו קיין עדות זעהען ניט
ווייס דעם אמת קיינער ניט,
בלייבט דער מערדער פריי.
אגב די פּאָליציע־לייט,
זיינען אויך נאָר מענשעלעך,
זינדיגע נשמה'לעך —
נעהמען אָפּט כאַבאַר.
און אזוי די ריכטער־לייט,
און אזוי — די אָנפיהרער,
און אזוי — די טראָהן־זיצער —
יעדער זוכט פאר זיך.
מענשליכע פערדאָרבענהייט
ווערט דערפון ניט ווייניגער,
גלויבענס און רעגירונגען
ברייגען מעהר בעטרוג;
ס'האַרץ צופּלאַצט נאָר טראכטענדיג:
בלויז דאָס איינע קריסטענטהום,
פיעל עס האָט די וועלט־טהיילען

אויסגעווייקט אין בלוט!
קעניגע פון זייער זייט
מאַכען שטרייט פאר קליינינגקייט,
טויזענדער אומשולדיגע
פאַלען שוין אין שלאַכט!
יאָהר־הונדערט דער נייגצענטער
האָט ערקלערט פערניפטיגער
אָרדענען „אַ סטאַנציע־הויז“
אין דעם מענשענס האַרץ, —
איהם אין שולען לערנענדיג
וויסענשאַפט און זיטליכקייט
ער זאָל ווערען גוטעס טהאָן
ווייל ער האָט דאָס ליב.
אָבער דיזע „סטאַנציע־הויז“
האָבען אויך די מענשעלעך
נאָר צו שלעכט בענוצט.
זיי ערפינדען נייאיגקייט,
שיספּולווער גאר קינסטליכע,
וואָס זאָל מענשען ממית זיין
טויזענד מיט אמאָל!
דער שטודירט אויס מעדיצין,
ווערט א גוטער „סאָקערל“[2]
שמאַצקעט אויס די דאָלערלעך
פון א גאַנצער שטאָדט;
ער זוכט נאָר זיין אייגעננוץ:
דאן ווען איך בין אונגליקליך,
ווען עס ברענט מיין שטיבעלע
וואַרעמט ער די הענט!...
לאָיערס — אויך דאָס זעלביגע

נעהמען גאַנצע הונדערטערס
פאַר דעם קלענסטען משפט'ל
ער האָט דאָך שטודירט!
דער קליענט פערזיכערט זיך
אויף דעם לאַיערס מענשליכקייט;
דער נעמט געלט ביים צווייטען צד,
דער פערלירט דעם טרייעל
זעהט נאַר דעם אפּטייקער'ל
האָט „פּראָוויזאָר“ אויסשטודירט
מעג ער נעהמען קוואָדערלעך
וואו איהם קאָסט א סענט.
אלזא זעהט מען עפענטליך
וואו די אלע מיטלען
פון די דריי בעשטרייגונגען
העלפט ניט אויף א האָר.
ניט קיין גערייכט א הימעל'שער,
ניט „סינג־סינג“ די שטאָטיגע
ניט קיין שטראָף קיין הערצליכע —
אלעס איז אומזיסט!
פיש, בלייבט מען די זעלביגע
אלץ איינס ווי די פאָריגע
מיט די זעלבע פיהרונגען
ווער נאָר גרעסער — שלינגט...
יעצט בייט זיך די מיינונגען.
אויף די צייט די קינפטיגע,
אויב עס וועט זיך בעסערען
אונזער וועלט אמאָל;
דער האָפט אויף צו ענדערען
אין דער וועלט די אָרדענונג

און עס זאָל זיך אויסגלייכען
מיה מיט קאַפּיטאל.
פילע ווארטען האָפּענדיג
אויף ישעיה'ס וואהרזאָגונג,
ווען דער וואָלף און שעפּסעלע
וועלען שטימען גלייך;
דער דיינקט אז די בילדונגסקראַפט
מוז צו ענדע גובר זיין
און עס בלייבט נאר קעניגען
ציוויליזאציאָן!
פאָרלויפיג די צושויער,
שמעלצען הערצער קוקענדיג,
האמבאג, פאלשקייט גרויזאמע,
און עס נעמט קיין סוף!
ווען וועט זיך דאָס ענדיגען
מיט דעם טהיער צוויי פיסיגען,
ווען וועט ער ווערען מ ע נ ש ל י כ ע ר
אָה, עס איז נאָך ווייט!

החלוהה והמחלוקת

נאום הגבר היקם על
משיח אלהי יעקב
ונעים זמירות ישראל.
(שמואל כ"ג)

דוד, שטאָלץ פון אונזער אומה!
דוד, געטליכער פּאָעט!

דיינע אָרעך פון דיין תהילים
בלייבט א מוסטער פון געבעט.

גיט דען ווער אין וועלט געשיכטע,
וואָס שטעהט מיט דיר אויף איין ברעט ;
סיי אין גייסט און סיי אין קערפּער,
העלדענקעניג און פּאָעט.

לייב און בער האָסטו צוריסען
און דעם גלית, פּלישתים׳ס ריעז,
דו בעזיעגסט איהם מיט צוויי שטיינדלעך
אָהן א בויגען, שווערד און שפּיעז.

פאר דיין מיכל, דיין געליעבטע,
שטורעמסטו צום פיינד אריין
צוויי מאָל הונדערט לייט פערוואונדעט
אום דעם קעניג׳ס איידים זיין.

ביזט א שרעקבילד פאר די שונאים,
מואב, אדם און ארם, —
הייבסט מיט מאַכט דיין רעכטען ארעם
און דו שטירצסט זיי טיעף אין תהום.

אָבער דיזער שטאַרקער קערפּער,
זאָפּיעל העלדענמוטה און דרייסט,
אָה, ווי שוואַך און אומבעדייטענד
איז דאָס נאָך קעגען דיין גייסט !

פון דיין שאָף — צום קעניג׳ס פּאלאסט

האָט דיין נאָמען היך־געשוועבט ;
הימליש שפּילט דיין זיסע האַרפע
און דעם קעניג'ס מוטה בעלעבט.

פאַר לוים, שפּילער, זינגער,
מוזיצירסטו אַלץ אַליין ;
שושן, שמינית און נחילות,
גיתית, יחלת מות־לבן.

שוהלען, קירכען און מאַטשעטען, —
(האָמער, בייראָן, דאַרטען פעהלט)
דיינע הימנען און אָדען
קלינגען אויף דער גאַנצער וועלט.

קריסטען קריכען צו דיין יחוס
— „פון דיר שטאַמט דער יעזוס קריסט“
טראָץ דעם וואָס ס'זאָגט זייער גלויבען
— „יעזוס האָט קיין פאָטער ניט“.

דיין' געזאַנגען ברייננגט דעם מענשען
מיט די גאָטהייט אין פערבונד —
איז א באַלזאַם פאַר דעם קראַנקען
לייכטערט, היילט, די גרעסטע וואונד.

א בריליאַנט אין „בוך פון ביכער“1)
איז דער תהלים, דיין געבעט :
דוד ! שטאָלץ פון אונזער אומה !
דוד ! געטליכער פּאָעט !

בשעה שאמר דוד למפי בושת
אתה וציבא תחלקו את השדה
יצאה בת־קול ואמרה רחבעם
וירבעם יחלקו את המלוכה.
(שבת נ״ו)

זיידענס, וואָס האָט מעהרער ווירדע
שאַרעט מעהר דאָס קלענסטע פלעק;
דוד, מאַכסט א קליינעם טעות,
אה, ווי שעלכט דאָס איז אוועק!

הערסט רכילות פון קנעכט ציבא,
און דו פסקנ׳עסט פאלש א דין;
— „ציבא זאָל זיך גלייך צוטהיילען
מיט דעם קעניג׳ס שאול׳ס זיהן״.

ווי א פלאַם האָט אָנגעצונדען
דיזער אורטהייל זיינע לייט,
איבערהויפט די שאול׳יסטען,
וועלכע שטעהען שאול׳ס זייט.

„דוד זאָל זאָ גיך פערגעסען
אז ער זיצט אויף שאולס טראָהן!
וואָס געהערט צו יהונתן
יהונתן, שאול׳ס זוהן.

וועלכער איהם קומט די מלוכה,
און ער וואר זאָ טריי, זאָ פיין, —

דאָס ער ליעבט דעם דוד הערצליך,
שטעלט זיין לעבען פאר איהם איין.

אז א קינד בלייבט פון איהם איבער
קראַנק, און הינקט אויףביידע פיס;
זיין פאמיליע דורך צושטארבען,
ער מוז זיצען ביי זיין טיש;

וואָס אין גרונד — איז ער דער יושר,
איהם נאָר קומט דער טראָהן מיט רעכט;
נעהמסטו העלפט פון זיינע גיטער
און דו גיסט אוועק זיין קנעכט!"

דיזער גלותה ווערט ניט פערלאָשען,
דער פערדרוס וואר זעהר גרויס;
ביז רחבעם ווערט א קעניג, —
דאמאלס ברעכט דער פייער אויס.

(דען פאר דוד און פאר שלמה'ן
קענען געגנער גאָר ניט טהאָן;
דען זיי האַלטען פעסט דעם סצעפטער,
ס'איז קיין צייט פאר רעוואָלוציאָן.)

דעם רחבעם בלייבט נאר איבער
בלויז פון פאָלק א זעקסטע טהייל;
און עס ווערט שוין צוויי פארטייען:
יהודה און ישראל.

דיזע בלייבען אייביג געגנער,

ביז זיי האָבען זיך פארלענדט;
ביז עס קומט נבכדנצר
און ער מאַכט פון אלץ אן ענד...

ג

ועדיז השטן מרקד בונינו.

פון רחבעם ביז דעם חרבן
דויערט ביז פיער הונדערט יאָהר;
קנאה, שנאה און מחלוקת, —
פלאַנצט זיך איין פון דור צו דור.

ביז די שנאה, ווערט נאַטירליך:
איינם דעם צווייטען — זיין א פיינד;
דיזער אונגליק, אונז בעגלייטעט
איבעראל, און ביז צום „היינט"...

קומען אידלעך נאָר צוזאמען, —
קען קיין שלום זיין ביי זיי;
מיטלען איז רעכט — אלערליי.
איינם דעם צווייטען וויל בעזיגען

זידלען, פּאַטשען און מסירות, —
און ביי לאַיערם און אין קאָרט;
ס'איז א וואונדער ווען צוויי אידלעך
זיצען רוהיג אויף אן אָרט.

קומען אידען אין א „קאַנטרי" —
קוים זיי צעהלען צוואנציג לייט;

באַלד צוויי שוחטים — צוויי מנינים, —
טאָג און נאַכט אין קריעג און שטרייט.

(וואו צוויי אידען—רעדאקטארען —
ליידען לעזער באלד די שטראַף
אנשטאט נייעס — איז שימפּערייען,
דאָס בעקומט מען לעזע־שטאָף...

רעדאקטארען מיינען ביזנעס:
צו געווינען פון א זיעג;
אָבער איהר, וואס קריעגט זיך, שרייבער?
וואָס געווינט איהר פון קריעג.)

צדקה־חברות פיעל פון טוגענד,
ווערן גאָר אָהן יאָהרען אַלט.
פאר א שטעלע פון בעאַמטע
גראָבט מען אונטער — און דאָס פאַלט.

אויב איהר קענט א שוהל'כעל קריעגען
וואָס האָט ניט געהאט קיין „פייט"
קענט איהר אין „שיקאגא" שיקען
דאָס וועט זיין א זעלטענהייט.

קען עס ווער די נעזער צעהלען,
פיעל מען רייסט זיי אין א שעה?
וויפיעל ציינער אויסגעשלאָגען?
וויפיעל אויגען ווערען בלאה?

און דער ריכטער זיצט און שמייכעלט,

ווען אזוינס קומט איהם צום האַנט;
שעמען כ'לעבען, דארפען מיר זיך
פאר די שכנים דאָ אין לאַנד!

האָב שוין גאָט אויף אונז רחמנות,
ווען מיר זעלבסט פערשטעהען ניט;
פיעל מחלוקת פיהרט אונז איבער,
זי בעגראָבט אונז און בעשיט.

צו דיין פאָלק, שיק גאָט דיין שלום
פריעד צווישען זיי באנאנד,
זאָלען וויסען, זיך בענוצען,
מיט דער פרייהייט פונ'ם לאַנד.

.1891

בחרבוני קיץ[1]

אויפ'ן בער פאַלט א שיסקע א ליערע,
קלינגט מיט איהם דער גאַנצער וואַלד;
פאַלען אויף איהם בוימער שווערע,
מאַכט ער קיין ליאַרעם קיין געוואַלד
פלעג איך ווען א שונא דערשמעקען,
וועלכער וויל דריקען מיין איד —
מיין געשריי פלעגט דאן טוידטע אויפוועקען
פערקלינגען די וועלט מיט מיין ליעד.
יעצט ווען מיין פאָלק ליגט געפעהרליך,
קיין דאקטאר געפינט גאָר קיין ראַטה

פאָלט מיר דער שרייבען זאָ שווערליך
מיין פעדער זאָ שטום און זאָ מאַט.

מיין איך! איך וואָלט טהאָן פאר דיר גערן,
זעה איך ווי שוואַך איז דער „איך",
איך וואָלט דיר בעזונגען מיט טרעהרען
האָב איך שוין קיין טרעהרען אין זיך.
וואו זייט איהר, איהר אינגערע יאָהרען ?
ווען איך וואר נאָך מיט טרערען רייך
קוים איז מיין פאָלק שלעכט געוואָרען
פליסט פון מיר טרערען א טייך.
אויסגעווויינט זיך ווי דער ביבער,
דאָס האַרץ בעקומט ווידער איהר רוה ;
קוים די דריי וואָכען אריבער —
קומט אָן דער שבת נחמו.

היינט איז מיין מאַרך אויסגעטריקענט
פערשטאָפּט איז פון טרערען דער קוואַל,
מיין האַרץ איז געפּרעסט און זאָ דריקענד,
פערשטיקט איז די לופט איבעראל.
איך וואנדער אין מדבר זאהארא,
איך זעה קיין געוויקס און קיין לאַנד ;
דער זאמום[1] מיט זיין דיקע חמאַרע
פערשיט מיך מיט ברענענדען זאַמד,
זיילען שטויב, שטיל, ווי בגניבה,
ציהט זיך א פאָלק, נאָך א פאָלק ;
מיין סקעלעט שטעהט ווי א מצבה
איבער דעם גראַב פון מיין פאָלק.
אין רוסלאַנד מיין בלוט — מיינע ברידער,

די גרעסטע העלפט פון מיין נאַציאָן,
זינקען פון טאָג אין דער נידער,
קיין לאַנד וויל פאר זיי גאָר ניט טהאָן.
צווישען די וועלף בייז און רייצזאַם
מיט שאַרפע געשליפענע צייהן,
שטעהט איצט דער שעפּס, שוואַך און איינזאם
עלענד אין פעלד גאַנץ אליין;
דייטשלאַנד און עסטרייך ווי שטומע,
פראנקרייך נאָך חנפט דעם שלאַנג...
ניטא אויף דער וועלט גאר קיין אומה
זאָל שרייען צום טיגער — „ווי לאַנג“!

אמעריקא ליבעראל און בעשיידען,
פערוואָרפען א וואָרט — וואָס בעטרעפט?
„שוואך“ — זאָגט זי — איז איהר צו ריידען,
מיט רוסלאַנד „שטעהט זי אין געשעפט“...
פערצאַמט איז אין יוראָפּ די גרענצען,
קיינער לאָזט איהם ניט אריין;
אָה, טיגער אין קליידער פון מענשען,
מערדער אין וואַלד דאַרפט איהר זיין!
וואָס האָסטו די וועלט זאָ פערוואונדערט
דו פאַלשע ציוויליזאַציאָן!
וויז אין דיין לעצטען יאָהרהונדערט
וועלכע גוטס האָסטו געטהאָן?!

צייגט די סטאַטיסטיק אַ מינוס
פון זעלבסטמאָרד, פון מערדער די צאָהל?
פערקערט דו ערפינדעסט מאַשינעס
צו טויטען א פאָלק מיט אמאָל...

פלענער פון שווינדלער בעטריגער
געפינט מען היינט מעהר אלערליי,
מאַכסט מענשען כיטרער און קליגער
דאָס האַרץ ווערט נאָך ערגער ביי זיי...
פערניכטעסט דעם האַנדעל פון שקלאַפען,
דו רעטעסט דעם ארבייטער׳ס וועלט, —
פאר׳ן ווירטה מוז ער ווי אמאָל שאַפען,
און קראַנק זיין פאר איינענע געלט...

האָסטו דען געבראכט א ישועה
צום בלבול פון עלילת דם ?
מיר האָבען דאָך געהאָפט : די רפואה
געפינט מען ביי דיר מן הסתם.
פאָלקס שוהלען אין אלע גאַסען,
קאָלעדזשען אין יעדער שטאָדט ;
קיין פאָלק וועט די צווייטע ניט האַסען
דער בלוט־בלבול — זיין וועט צו שפּאָט.
לסוף ווען האָט מעהר מאָל געטראָפען
אַמאָל, צו די איצטיגע צייט ?
„קארפו“ האָט נאָך ניט איינגעשלאָפען,
שטעהט שוין „רומעליע“ און שרייט.2)

וואָרום האָסטו חברות געגרינדעט,
האָסט כלומרשט רחמנות אויף פערד —
ווען מענשען ליגען פערוואונדעט
געשטאָכען פון דיין איידעלען שווערד ?
טהוסט אָפּ כל הרציחות
אין נאָמען פון הומאַניטעט ;
ציישונגען, קלינגען דיין יחוס,

פערלאנגסט נאָך אין בעקעל א גלעט.
— „פון עלעקטרי געפין איך דעם שליסעל,
אויף קונסט בין איך ספּעציאַליסט״ —
פון בלאָטע שטעלסטו אויס דיין פיסעל
ווייזען ווי כשר דו ביזט...

מיין פאָלק! וואָס פערלאַנג איך פון לייטען
רחמנות, ווען דיר איז ניט גוט,
ווען איך זעה עס שטעהען פון ווייטען
ברידער פון דיין פלייש און בלוט.
ברידער פון רוסלאַנד געבאָרען,
געליטען אויך צרות אָן שיעור;
אקאָרסט געקומען צופאָהרען
ווי גיך זיי פערגעסען אָן דיר...
דער האָט צו זיין „פּרעזידענט״ תאוה,
זיצען אויפ׳ן טשער אויבען אָן;
דער יאָגט זיך נאָך כבוד, נאָך גאוה,
און וואָס קימערט זיי די נאַציאָן.

און ווער רעדט שוין גרינדען „סאָסייעטיס״
מען רעדט וועגען דיר זעהר היים,
קומט דיר נאָר אָן די פּאָטייטעס,
אין „דומהייט״ נעמט צו דיינע פלייש... —
דאָס געלט געהט אוועק אויף פּרעזענטען,
מעדאלען און „יאהרעס־פּעסט״, —
פאר טרעזשורער און פּרעזידענטען, —
מען עסט אויף די אייער אין נעסט...
די אידישע בעלי מלאכות
האָבען א פראגע פון ברויט

זיי מיינען ניט טהאָן דיר צו להכעיס —
דערוויילע פערגעסט מען דיין ניט.

ביי דיינע דייטשע ברידער
ביזטו פערעכענט פאר דול,
ווען „ציון” איז דא אין דיין סידור
און עס זינגען קיין מיידלעך אין שוהל...
עס גיט נאָך פון זיי אויך רבנים
וואָס מאָלען דיר אזוי שוואַרץ —
אָה, די סעמיטישע שונאים —
דאָ פּלאַצט אין גאַנצען מיין הארץ.
אָט די אלע זאַמדיגע זיילען,
פאלען ארויף אויף מיין לונג
צולעכערען איהם ווי מיט פיילען
פערשטומען — מיין פעדער, מיין צונג.

1891

די דריי טויבען

1

גליקליך לעבט אַמאָל דער איד
אין שפּאַנישער מדינה;
אין קאסטיליען, אין מאַדריד,
סעווילִיע. בארצעלינע,(1

2

ביי דעם קעניג, פערדינאַנד —
אידען מיניסטאָרען,

גענעראלען פול אין לאַנד,
דאָקטוירים, פּראָפעסאָרען.

3

יעדער איד לעבט זעהר רייך
און וואוינונג און אין קליידען;
פּינקטליך מיט דעם קריסט צוגלייך
ניט צום אונטערשיידען.

4

נאָר דער גליק שיינט דאָרט ניט פיעל
דעם אומגליקליכען אידעל.
מען הערט איהם זינגען שטיל
א טרויעריגס לידעל.

5

פערצעהן הונדערט אַכציג צוויי,
צעהן יאָהר פאר דעם גירוש,
שפּירט דער איד עס טהוט איהם וועה,
ער פערלירט זיין חירות.

6

עס שטערבט די אינקוויזיציאָן
זיין פרייהייט צו בעגרענצען, —
וואָס דער איד וויל עטוואָס טהאָן,
האָט ער קיין רעכט פון מענשען.

7

דאָן יצחק אבארבנעל
קען זיי אויך ניט רעטען;
עס העלפט זיי ניט זיין הויכע שטעל
זיין ווינען און זיין בעטען.

8

נאָר דער פעבעל שפּירט עס ניט,
האַלט עס פאר א פיבער ;
עס טרייסעלט דורך א צעהן מינוט,
די קראנקהייט לויפט אריבער.

9

אין דעם שעהנסטען, פיינסטען אָרט,
ניט ווייט פון קעניגס טויער
אין מאדריד זעהט מען שטעהט דאָרט
א דריי עטאַזשנער מויער.

10

אז דאָ וואוינט א גרויסער גביר
וואָלט דאָך יעדער שווערען ;
עס געהען יעצט פיעל געסט צום טיר
דאַמען פיעל און הערען.

11

אקאָרסט־וואָס געוואָרען נאַכט,
דער זאַל איז פיין בעלויכטען,
און א טיש געדעקט א פראַכט
מיט שפּאַניער וויין און פרוכטען.

12

אַלע טרינקען צום ווירטה וויין,
ביי די זיסע שפּייזען.
ווינשען גליקליך איהם צו זיין,
וואו ער וויל יעצט רייזען.

13

איין גאַסט אָבער דאָרט אין הויז
פרעגט דעם ווירטה א פראַגע :

וואָס לוינט אייך פון לאַנד ארויס
ביי דער רייכער לאַגע ?

14

הייזער ווירטהשאַפט—אלץ פערקויפט,
אלץ איבערגעגעבען ;
און פון שפּאַניען איהר אנטלויפט,
מאַכט איהר דאָ קיין לעבען ?

15

נאר דער ווירטה, ענטפערט קיין וואָרט
פיהרט ארויף זיי אויבען ;
אין א צימער וואָס שטעהט דאָרט
שטייגען דריי מיט טויבען.

16

איין טויב לעבט געזונד און פריש,
שרעקליך איז די צווייטע,
אָפּגעפליקט פון קאָפּ ביז די פיס,
געקוילעט ליגט די דריטע.

17

—איהר זעהט די טויבען ?—זאָגט דער ווירטה
יעדערע פערשיעדען ;
אין די טויבען מיין האַרץ שפירט
דעם סוף פון היגען אידען.

18

ער ווערט געפּרעסט מיט דרוק, מיט דראַנג
ער קען דאָ פיעל ניט בלייבען ;
דויערען וועט דאָס ניט לאַנג
מען וועט איהם ארויסטרייבען.

19

א האַלב מיליאָן, אלע בענאַנד
וועלען מוזען לויפען.
לאָזען וועט איהר דאָ אין לאַנד
ווירטהשאַפט, גוטע אין הויפען.

20

אָפּגעפּליקט וועט איהר ארויס
ווי די טויב די צווייטע;
בייט ווער דאן זיין גלויבען אויס —
בלייבט ער ווי די דריטע.

21

דען ווער קען עס יוצא זיין
פאר די פרומע פריסטער? —
פאַלט א מענש צו זיי אריין
שטעהט אין טויטען רייסטער...

23

איך זעה די צוקונפט פון דער ווייט
און מוז אלץ פערקויפען.
דאָס בעלאנגט נאָר אָן דער צייט
ווער פריהער וועט אנטלויפען.

24

לויפט פון שפּאַניען איצטער ווער —
דער איז א בעגליקטער;
וועט ער וואַרטען עטוואָס מעהר
אנטלויפט ער אן אָבגעפליקטער.

25

וועט ער וואַרטען ביז צולעצט,
טו זעהט די טויב די דריטע;

לויפען לויפט פון שפּאַניען יעצט,
ווען ניט איז דאָ די — שחיטה...

26

אויף די ענדרע פון דער נאַכט
זאָלסט יעצט ניט גלויבען.
קוק אויף שפּאַניען און בעטראַכט
דעם משל פון די טויבען...

לשנת תרנ״ד

1
דער וועלט־זייגער שלאָגט אצינדערט
פּינקטליך פיער און פופציג יאָהר,
צום צאָל זעקס און פופציג הונדערט
פון דעם ערשטען מענשענס דור.

*   *
*

2
דען דער וועלט־רוים איז גאָטס זייגער —
אומעטום שטעהט זיין פּעטשאַט,1) —
זון און מאָנד זיינען די ציינער,
און די ערד — דער ציפער בלאַט.

3
די לבנה צייגט מאָנאַטען,
און די זון — טאָג און נאַכט,
און פון יאָהר אלע פיער צייטען
צייגען דיעזע צוויי א פּראַכט!

4
פירכטעט ניט פאר שטויב פון דרויסען,
מיט קיין גלאָז איז ער פערשטעלט,

אידם שאַדט ניט קיין קלאַפּ, קיין שטויסען,
קיינמאָל האָט ער זיך געשטעלט.

5

איהם האָט קיינמאָל ניט געטראָפען
ניט געהן ריכטיג אויף א האָר,
ניט געשפּעטיגט, ניט געלאָפען,
שוין כמעט זעקס טויזענד יאָהר.

6

אויף איהם הענגען אויך צוויי וואָגען,
דער שטויסט אָב, דער ציהט צו זיך;
די צוויי כוחות דרעהען, טראָגען
אלע רעדלעך זעהר גיך.

7

פיעל קאָמעטען און פּלאַנעטען,
נעפּטון, ווענוס און מערקור,
אלעס דרעהען די צוויי קייטען,
די צוויי קרעפטען פון נאַטור.

8

עס אָנציהען ווי דער שטייגער
אַלעס דרעהען די צוויי קייטען.
דאָס פערשפּאָרט מען אין דעם זייגער,
געהט און געהט פון דור צו דור.

9

אלע וואונדער און מאַשינעס
וואָס קען געבען אויף דער וועלט,
ליעגט דאָס אלץ אין די שפּרונדזשינעס,
קיין איין קונסט איז דאָ פערפעהלט.

10
טעלעגראַפען, פאָנאָגראַפען,
עלעקטריע און מאַגנעט.
האָט דער מייסטער אלץ בעשאַפען
אין דעם זייגער וואָס איהר זעהט!

* *
*

11
אָה, דו גרויסער זייגער-מייסטער!
ווער קען דען דיין ווערק פערשטעהן?
ניט קיין מענשען, ניט קיין גייסטער,
קיינער קען דיין סוד דערגעהן.

12
ווי דו האָסט עם אלץ בעשאַפען
און בעשאַפסט נאָך עד היום —
וועלטען פול מיט ים און האַפען
אין דעם אונבעגרענצטען רוים.

13
ווער קען צעהלען די מיליאָנען
וועלכע שוועבען איבען שטיל?
וועלכע רעדלעך זענען זונען
וואָס בעוועגען ערדען פיעל?

14
ווער קען דען דיין זייגער מעסטען
אין זיין לענג און אין זיין ברייט?
און פערשטעהן זיין קראַפט דעם פעסטען,
זאָ פיעל דורות צייט ער געהט?

15
וואו איז דער אָרט, וואָס פערמאָגט עס
צו ענטהאַלטען דיעזען נעסט ?
און דער מייסטער, וועלכער טראָגט עס
אזא טאָש־אוהר אין זיין וועסט ? !

*　*
*

16
גרויסער קינסטלער ! איז ניט מעגליך
מיר ערלויבען טהאָן א בליק,
ווי די אוהרען ווערען טעגליך
פאַבריצירט אין דיין פאבריק ?

17
און צוריק מיך לאָזען שוועבען
צו די מענשען דאָ אויף דר'ערד,
איך זאָל קענען איבערגעבען
אלע קונסטען, ריין ערקלערט ?

18
און מיין צייט ווען עס וועט קומען,
איך וועל דאַרפען געהן צוריק —
זאָל איך ווערען אָנגענומען
אלס א העלפער אין פאַבריק.

19
איך זאָל וויסען אלע קוועלען,
אלע סודות פון נאַטור,
און זאָל קענען זעלבסט אויפשטעלען
אזא קינסטליך טאַשען־אוהר.

20

נאָר דיין „יא וואָרט" וויל איך קריגען:
האָסט מיט מיר אזוי בעשטעלט,
דאן וועל איך מיט פערגעניגען
נעהמען אבשייד פון דער וועלט. —

תרנ״ח

א נייער ספר געהט ארויס,
זיין נאָמען איז „דער יאָהר תרנ״ח,"
דער אינהאַלט דאָרט, איז וויכטיג, גרויס,
דאָך אָהן ווערטער, אָהן א שפּראַך,
פון קיין בוכשטאַב איז קיין שפּור,
דאָך לעזט יעדער, קלאָר אין איהם,
רעדאקטירט ביי דער נאַטור,
דער מחבר, „אלהים."

שטענדיג דיעזער בוך ערשיינט,
אלע יאָהר — פּונקט ניט פּערפּעהלט,
ווי דער פאַריאָהר, זאָ היינט,
אימער זייט עס שטעהט די וועלט;
און ער ווערט אויך צוגעשיקט,
אלעמען אָהן אונטערשיעד,
סי צו דעם, וואָס רייך, בעגליקט,
סיי צו דעם, וואָס זינקט אין לייד.

א בלאַט א טאָג לעזט מען, ניט מעהר,
מ׳לעזט דעם בוך אויס אין א יאָהר;

מ׳האָט קיין רעכט, צו טהאָן א קער,
זעהן וואָס ווייטער, קומט דאָרט פאָר.
איינער פיהלט געשמאַק אין זיי,
א צווייטער לעזט עס אונבעטראכט...
איינער לעזט א בלאַט, צי צוויי —
פלוצלונג ווערט דאָס בוך פערמאַכט.

עס קומט אן אָט דער זשורנאַל,
אַלע ברואים אן געצאָהלט,
דער רעדאקטאר האָט קיין כלל,
וועמען פיינט, און וועמען האָלט...
רויבער, שלעכטע, שטייגען אויף,
שטילע ווערט געצאַפּט דאָס בלוט,
דער זשורנאַל ער הערט ניט אויף,
קומט אן יעדען צו׳ם מינוט.

דער זשורנאַל ער הערט ניט אויף,
חאַטש די לעזער בייטען זיך,
פיעלע קומען, לעבען אויף,
פיעלע שטאַרבען, זעהר גיך.
לענדער, פעלקער, — אַלע אַגאַל, —
שטייגען, פאַלען ביז צום גרונד,
אך ווי פעסט, איז דער זשורנאַל,
זעהט די בלעטער! זעהט דעם בונד!

הערר רעדאקטאר! אייך בעט איך,
מאַכט קיין אָבהאַלט אויף מיין וועג,
רוהיג, מונטער, לאָזט נאַר מיך
לעזען ווייטער ביז צום ברעג;

כ'וויל נאָך לעזען פיעל, אסך,
מיר איז ליעב דאָרט יעדע בלאַט,
כ'וועל איך דאַנקען פאר „תרנ"ח",
און וועל האָפען אויף „תרנ"ט."

אן אייביגער סוד

נאָך א יאָהר — איז נאָך א רינג
אין דער גרויסער קייט דער וועלט,
וואו דער אָנפאַנג ? וואו דער ענד ?
אלעס איז פון אונז פערשטעלט !
און וואָס איז דער צוועק דערפון,
ווען איך לעב שוין הונדערט יאָהר ?
כ'ארבייט, עס און שלאָף, און שטארב,
און עס קומט א נייער דור ;
און די ערד דאָרט בייט מיר אוים
אויף א בוים, צו אויף א ביהן
און מיט אלעס וועקסעלט זי,
וואָס איז פאָרט דער צוועק, דער זין ?
מיט דעם גאַנצען זון-סיסטעם
מאַכט „נאַטור" דעם זעלבען שפיעל —
איין פּלאַנעט, דאָרט, צופאַלט,
האָט זי שטאָף אויף נייע פיעל ;
און אזוי מיט די מיליאָנען
זונען, וואָס מיר זעהען ניט,
זאָג מיר פאָרט, נאַטור געהיימע !
וואָס בעצוועקסטו מיט דערמיט ?

פערשיעדענעם

רעטענישען, אפאָריזמען, פעליעטאָנען.

חידה 1.

מיין פאטער און מוטער קענט איהר לעבעדיגע געפינען.
און לעבעדיגע קינדער וועל איך געווינען.
קיין לעבעדיגעם געוועזען בין איך אליין,
איך האב קיין אטעם גלייך ווי האלץ ווי שטיין.
מיין מוטער געבארט מיך אין גיכען.
מיינע קינדער'ם געבורט געווערט שוין א צייט:
צו מיר איז דער הימעל מיט די ערד געגליכ
צוליעב מיר קריגען זיך די גרעסטע לייט.
פון צוויי פארבען בין איך געבוים.
צו מיין קינדס געבארען בלייב איך טוים.

פתרון

אויסזאגען אייך קען איך מיך ניט בעשליסען.
דען א י י איך וועל אייך אויסזאגען וועט איהר שוין וויסען1)

חידה 2.

אדם הייתי, ורבות חייתי
לאדם נולדתי. ובנים הולדתי.
אם מת אבי. מי ידענו?
קבורה לא היתה לו, ופה איננו:
ולמעלה מחציי, מתו כל אברי.
מות בקרבי, ותמו יצורי

ומחציי ולמטה חליפות תראנו,
מעבר מזה ארי נרא הנני,
מעבר מזה לרפה כח תחשבני,
פעם בחברת נבונים תמצאני,
פעם חרב חדה הנני.
ופעם שלת תלשתני
ואם יעמד מאחרי כן נשיא אפרים
הנני בעל ארבע רגלים.

א בגד אויף אלע יום טובים

מ ח ו ת ן. ווארום זייט איהר געקומען ר' שמערל! אויף מיין שמחה אין אזא'ן אלטען בגד?

דער ג א ס ט. ווייל דאס איז ביי מיר א נוצליכער בגד אויף אלע יום טובים.

פ ס ח איז אין איהם קיין ב ר ע ק ע ל ניטא;
ש ב ו ע ו ת. ברויכט ער אויך ת ק ו ן;
ר א ש ה ש נ ה. ב ל א ז ט עס פון אלע זייטען;
י ו ם כ י פ ו ר. טויג דאס אויף 18 כ פ ר ו ת;
ס ו כ ו ת. איז דאס אהאדער (הדר);
ח נ ו כ ה. איז דאס פול מיט ל א ט ק ע ס;
און פ ו ר י ם. צושיט זיך עס אויף מ א ה ן.

ו ו י י ב

— ווארום רופט א מאן זיין פרוי „ווייב“?

ווייל עס גיט א גוטע און א שלעכטע „עזר“ און „א כנגדו“, א „מצא“ און „מוצא“ דארום רופט מען די גוטע פרוי „ווייב“ ווייל דאס מאכט: „והוא ימשול בך“ (בראשית ג ט"ז) און די שלעכטע פרוי רופט מען „ווייב“ ווייל דאס מאכט: „וחוטא ילכד בה“ (קהלת ז כ"ג).

וואס פאר א שעהן געשטאלט דאס ווייבעל האט.
און ווי ווייט גרייכט איהר נשמה.
איהר קערפער האט בעשאפען גאט
און דער טייפעל — איהר נשמה.

פרויען־כאַראַקטער

(אפאריזם)

דאַס ערשטע וואס זיי ציינגען:
וויי גוט זיי זענען.
דאַס ערשטע וואס זיי ערפאהרען:
וויי שעהן זיי זענען.
דאס ערשטע וואס זיי פערגעסען:
וויי אלט זיי זענען.
דאַס ערשטע וואַס זיי פרובירען:
וויי שטאַרק זיי זענען.
דאַס ערשטע וואס זיי ערפאהרען:
וויי שוואַד זיי זענען.
דאַס לעצטע וואס זיי בעטראכטען:
וויי פערנארט זיי זענען.

קדש ורחץ

זכרוני כי בילדותי קראתי באיזה פירוש על ההגדה, שמוכיח כי בסדר סימן של פסח צריך להיות „רחץ" תחת „רחצה", יעלה על דעתי, שהסמנים האלה נוסדו בדרך שיר, היינו:

קדש ורחץ,
כרפס יחץ,
מגיד רחץ,
מוציא מצה,
מרור כורך,
שלחן עורך,
צפון ברך,
הלל נרצה.

היינו שלשה חרוזים שוים ורביעי יוצא,
ועוד שלשה שוים ואחד יוצא כנגד הרביעי.

די אמעריקאנער אידען און דער ציוניזם

(ציטאַטען פון אַ דעבאַטע איבער'ן ציוניזם וואָס אליקום צונזער האָט געפיהרט מיט ה' יאָהאן פאליי אין דעם "פאָלקס־אַדוואָקאַט", 1890).

איהר האָט זיך אויסגעדריקט מיט די ווערטער אויף די נאַציאָנאַליס־טען:

— „זיי פאַנטאַזירען וועגען א זעלבסטשטענדיגע מלוכה אין ארץ ישראל און שווערמען איבער א שטיינדעל פון מוטער רחל'ס קבר" און ווייטער זאָגט איהר אויך שרייט מען צום פאַטריאָט, צייגט ער אונז „א גאנצע מלוכה אין פאַלעסטינאַ מיט א הייליגער גאָטעס־דינסט אויף די שטומע שטיינער פון כותל מערבי". נייז הער פאליי, איהר האָט א טעות אין דער הינזיכט: דיזע טהייל אידען וועלכע איהר רופט אַז זענען אונפּראַקטישע נאַציאָנאַליסטען, אונבעדענקטע פאַטריאָטען. אבער וואָס מיר רופען זיי חובבי ציון, האָבען קיינמאָל ניט געדיינקט און דיינקען יעצט ניט וועגען אומקערען צוריק גאָטעס דינסט אין בית המקדש. מיר ווייסען אַז די קרבנות וועלען זיך נימאלס אומקערען מיט אונזער עמיגרירען נאָך פאַלעסטינא. מיר ווייר סען אז זיי זענען געווען א רעצעפּט צו א געוויסע קריינק, וועלכע דאָס פאָלק האָט עס מיטגעבראַכט פון מצרים. און אלע נביאים פון ישעיהו ביז הושע האָבען אויף דעם געשריען. און וועגען יעצטיגער צייט איז שוין געווים ניטאָ וואָס צו ריידען. אפילו שמיטה וואָס דאָס פאָדערט די נאַטור פון דער ערד, זיינען אויך אלע חובבי ציון פון רוסלאנד, און אלע גרעסטע רבנים ווי ר' יצחק אלחנן, ר' מרדכי עליאשבערג און נאָך פיעלע אנדערע רבנים געווען נעגען שמיטה און אלע קאָלאָניסטען האָבען געאַרבייט אין דעם יאָהר פון שמיטה.

וועגען א מלוכה, האָט דאָס גאָר קיין איינער פון די נאַציאָנאַליסטען פון זיין מויל ניט ארויסגעבראַכט, אבוואהל דאָס איז גאָר ניט ווייטלויפיג מיט דער צייט — זעהענדיג ווי אין טערקיי האָבען זיך די לעצטע צוואנציג

יאהר געבילדעט פיעלע לענדער אזעלכע ווי רומעניען, בולגאריען, מאנטע־נעגרא, סערביען — די אומה'לע זוכט נאר א רוהיגען ארט. און דורך די נסיונות פון די לעצטע 16 יאהרהונדערט, (צייט קאנסטאנטין דער גרויסער האט אנגענומען דעם קריסטליכען גלויבען, און דאס קריסטענטהום האט בעקומען א מאכט), האט זי געזעהן אז אונטער קריסטען וועט זי ניעמאלס האבען א רוהיגען ארט, דען אין זייער אלע הייליגע איקאנען מיט די הייליגע בילדער שטעלען פאר ווי יעזוס שטעהט געקרייצט פון אידען. דער גאנצער נייער טעסטאמענט איז נאר געגרינדעט אויף די רציחות מיט וועלכע אידען האבען זיך נוקם געווען אין יעזוס קריסטוס, יעדעס קריסטליכעס קינד ווערט אין דעם גלויבען ערצויגען און זויגט די שנאה צום אידען צוזאמען מיט די מוטערס מילך, די זעלבע שנאה ווערט אין איהם איינגעווארצעלט מעג ער דערנאך גלויבען אין קריסטום אדער ניט, ווי די פראקטיקע האט אונז גע־וויזען אין דייטשלאנד און אין עסטרייך, אז מעהרערע פון די אנטיסעמיטען זענען פראפעסארען און סטודענטען, פון הויכער בילדונג: דער איד קען נאר קריגען א רוהיגען ארט, ביי די נאציאנען, וועמעס גאט ער האט ניט גע־קרייצט, אויפ'ן תליה ניט געמאטערט, און דיזעס קריגען מיר נאר אין טערקיי, אין אלקאראן איז קיין זכר ניטא וועגען שנאה אויף דעם אידען, די לאנגע וועלט היסטאריע האט אונז געוויזען אז אין טערקיי איז קיינמאל אין א געטהא ניט געווען קיין עלילות דם, (אין מאראקא האט עס אויפגערייצט דער פראנצויזישער קריסטליכער קאנסול).

אין ארץ ישראל קען א רוהיג אידיש ווינקעלע בעשאפען ווערען.

פון אמעריקא זאלט איהר ניט ברייננגען קיין ראיות, מיר זעהן דעם הפך. ווי לאנג איז ערשט ווי וואשינגטאן האט ארויסגעגעבען זיינע מענשען־פריינדליכע געזעצע און ביי דעם אלעם עקסעסטירט געגוג די שנאה פון קריסטען אויף אונז, מיר ווייסען געגוג רעדאקטערע וואס רייצען טאג טעגליך אויף דאס פאלק אויף דעם אידען, און מיר זענען זיכער, אז די גרעסטע טייל פון זיי ואלטען עס געטהאן ווען זיי וואלטען ניט מורא געהאט פאר זייערע ביזנעס, און מיר זענען נאך ביז יעצט ניט זיכער, אויב מיר וועלען דא אין אמעריקא האבען אימער אזעלכע רוהיגע טעג, און אויב חלילה דא וועט עפענטליך ארויס די שנאה, דאן וועט דא זיין ערגער ווי אין רוסלאנד, דארטען איז דא איינער וועלכער וועך ער גיט א געשריי האלט! ווערט עס גלייך שטיל, און דא געהט אריין די גאנצע רעגירונג צו די איירישע און צו די דייט־שען, וועלכע האבען מיטגעבראכט זייער אנטיסעמיטיזמוס פון אייראפא, און די געזעצען ליגען ביי זיי אין די הענט, יעצט ווארפען זיי אויף אונז אויף די

שולד, וואס ביי אונז געפינט זיך א גרויסער פראצענט סאציאליסטען. און שפעטער וועלען זיי געפינען טויזענדער אנדערע אורזאכען. און געגען דער אידישער צוקונפט אין אמעריקא שוועבען פילע פינסטערע וואלקענס. ווען דער איד זאל זיך בעצייטענס ניט נעמען צוזאמען און זארגען מיטלען איידער די שנאה וועט ארויס עפענטליך.

— אונז טרייסט גאנץ ווייניג וואס אנדערע זאגען אז אזא צוקונפט קען נימאלס קומען אין אמעריקא, דיזעלבע טרייסט האבען מיר געהערט. אין די העלעניסטישע צייטען אין שפאניען ווען עס העלפט פון דאס לאנד האבען רעגירט אראבער, און נאך פילע צייטען אזעלכע, און וואס איז גע־ווען די ענדע? ווער וואלט עס גלויבען דאס אין דייטשלאנד, דארטען וואו עס איז געוועזן שיללער, געטהע, היינע, בערנע, טשאקע, לעססינג, הומבאלט קאנט און דארטען וואו לאסקער האט געהאט די ערשטע דעה אין פארלא־מענט זאל אין איהר קענען ארויס די שרעקליכע חיה רעה אנטיסעמיטיזמוס און זאל דערמיט פארפעסטען גאנץ אייראפא?...

זא ווי זא מוזען מיר זיך אנגרייטען א קאפענקישעלע אין פאלעסטינא עס זאל זיין אין א נויט וואו צו אנטלויפען. צווישען קריסטען וועלען מיר קיינמאל אונזער זיכערע רוה געפינען. דען דער איד שטעהט זיי אייביג, ווי א שאנדע־צייכען אין די אויגען. דען נאר דער איד ווייס ריכטיג וואס ניט פיינעם עס האט פאסירט מיט דער מיידעל „מאריא". יעזוס איז אונטער אידען געבארען און אונטער אידען ערצויגען, און דארום קען זייער הארץ ניט רוהיג זיין ביז זיי וועלען דיזען שאנדע צייכען פון דער וועלט אויס־ראטען.

— איך פרעג אייך, הער פאליי — איהר זעהט דאך שוין אפען אז אלע רוסישע אידען וועלען מיט דער צייט מוזען עמיגרירען, טו וואס ארט דאס אייך אז מיר וועלען ה"א האבען א מיליאן עמיגראנטען וועניגער? דען פא־לעסטינא פארנעהמט 600 קוואדראטנע מיילען אויסער גליל, וואס פון יענער זייט ירדן, די קאפיטאליסטישע עקספלואטאציע וועט דארטען פיעל ווייניגער עקזעסטירען איידער דא, דען ביז וואנען אלע קליינע קאפיטאלען וועלען אריינפאלען אין אייניגע געצעהלטע הענט ווי דא אין אמעריקא, קען נאך געדויערען אייניגע הונדערט יאהר. דען די פרייהייט פון אמעריקא, דאס וואס די רעגירונג וויל קיין זאך ניט נעהמען אונטער איהר שוץ ווי: באנען, בייגק, און נאך פילע אנדערע גרויסע געשעפטען, גיט דאס די מאכט עס זאלען גיכער שווימען די קליינע קאפיטאלען אין די גרויסע איינצעלנע טייכען. אין פאלעסטינא איז דאס אבער דער פאל ניטא. דארום קען עס נאך דויערן

פילע הונדערטע יאהרען ביז דער קאפיטאל זאל זיך געפינען אין דריי אדער פיער הענט ווי עס איז דער פאל דא . קורץ, די אידעע פון פאלעסטינא איז גראדע פון פראקטישע און דענקענדע מענשען געגרינדעט, און זיי האבען צו האפען מיט רעכט אויף א בעסערע צוקונפט ווי מיר דא אין אמעריקא. עס איז נאר א שאנדע פאר די אמעריקאנער אידען, אז זיי סימפאטיזירען ניט מיט דיזער אידעע, און זענען צופיעל אנפערטרויט אויף דער פרייער לאנד. אבער זיי מעגען זיין פערליעבט איבער די אויערען און אפפערען פאר איהר זייער נאציאנאליזמוס מיט זייער גאנצען צעטעל פון נביאים גבורים, פאעטען, מארטירער, דענקער, פילאזאפען, געזעץ געבער און נאך און נאך. פאלעסטינא ווערט בעזעצט אהן זייער הילפע. עס איז גאר קיין פולע אכט יאהר ניט פארלארען זייט מען האט גאר אנגעהויבען צו ריידען וועגען קאלאניעס, צעהלט שוין פאלעסטינא ביז 20 קאלאניעס און איינס גלענצענדער פאר דער צווייטער, די קאלאניסטען זענען די גליקליכסטע און געזינדסטע אידען אויף דער וועלט.

לעזט די בריעף פון עקרון, זכרון יעקב, ראש פינה, יהוד, און נאך, ווערט אייך טרערען פליסען פון פרייד. דער פארשריט וועלכע די קאלאניסטען מאכען דארטען וועלען מיר אין אמעריקא קיין מאל ניט זוכה זיין צו זעהן, זייערע קינדער וואקסען העלדען. מען זעהט עס קען פון זיי אויסוואקסען מאקאבייער, די אראבער ציטערן פאר א קאלאניסט ווי פאר פייער, זיי לעבען יעצט גליקליך און ציטערען ניט ווי מיר פאר די צוקונפט, און ווען מיר דא שטעהען פון ווייטען און העלפען זיי ניט קענען זיי מיט רעכט אונז זאגען ווי מרכי, „רוח והצלה יעמוד ליהודים ממקום אחר“ — הלואי זאל אויף אונז ניט מקוים ווערען דער אנדער העלפט פון פסוק...

א היסטארישער צימעס

(א קאפיטעל פון ווילנער פינקס).

אזוי ווי די וועלט געשיכטע האט צו דערצעהלען גרויסע רעזולטאטען פון קליינע אורזאכען. ווי דורך די גענז פון רוים איז געוואונען געווארען א מלחמה .און נאך אזעלכע פיעלע פאסירונגען. אזוי האט אויך די אידישע היסטאריע צו דערצעהלען: צוליעב א האן מיט א הון איז חרוב געווארען טור מלכא צוליעב איין אקס פון א וואגען איז חרוב געווארען ביתר, צוליעב א סעודה פון א חתונה איז חרוב געווארען ירושלים און צוליעב א צימעס איז געווען א מחלוקה צווישען דעם ווילנער גאון און ר' שמעון מ"ץ. (ר' שמעון דער גרויסער) איז יענער צייט בערך תמפ"ה (1785). האט גאנץ ווילנא געקלונגען דערמיט.

אין יענע צייטען איז דער האנדעלס-קלאס געווען די ווייבער, וועה־רענד זייערע מאנען זענען געזעסען אין קלויז אדער צו הויז און געלערענט. די קראמען מיט זייערע טעכטער אדער געדונגענע קרעמערקעס. און דער מאן פלעגט נאר איין מאל אין יאהר פאהרען נאך סחורה אין ווארשא אדער קינסבערג (קעניגסבערג), די איבעריגע צייט פלעגען זיי פארברייינגען אין לערנען אדער אין קהל'שע ענינים. ווינטער ווען דער טאג איז קורץ פלעגט מען פעררוקען טשאלענט אלע אויף דער נאכט, און בעגינען פלעגט מען אפ־דאוונען צו הויז און אפעסען דעם אנבייסען. די מאמע מיט דער טאכטער פלעגען אוועקגעהן אין קראם· די אינגלעך אין חדר, און דער מאן אין קלויז צום שיעור, אזוי איז געווען די טעגליכער פיהרונג.

ביי איינעם, א בעל הבית פון ווילנא, א קרוב פון ר' אליהו דעם ווילנער גאון האט געטראפען וועהרענד מען האט אפגעגעסען אין דער פריה ווינטער דעם ערשטען געריכט און מען האט געדארפט דערלאנגען צום טיש דאס צווייטע געריכט דעם צימעס, האט זיך געטראפען א שאלה. געוועהנליך האט מען דעם צימעס צוריק אריינגעשטעלט אין אויווען. די פרוי מיט די

טעבטער זענען אוועק אין קראַם, און דער מאַן אין קלויז. און א אינגעל וועל־כער האָט ביי זיי געדיענט אויף גאַנגען, האָט מען געשיקט פרעגען א שאלה ביי דעם ווילנער מורה הוראה ר׳ שמעון מ״ץ. דער אינגעל האָט פאָרגעלייגט די שאלה פאַר ר׳ שמעון און ער האָט געפּסק׳נט „כשר״. דער אינגעל איז אָבער ניט געגאַנגען צוריק אהיים נאָר ער איז ארויף צום גאון. און דאָרטען זיצענדיג האָט ער ביי׳ם גאון געפרעגט דעם דין פון אזא שאלה. דער גאון ניט וויסענדיג אז ער האָט שוין געפרעגט די שאלה ביי ר׳ שמעון׳ען, האָט אויסגעהערט די שאלה און האָט געזאָגט אז נאָך זיין מיינונג איז עס טריף.

(מיר מוזען דערביי בעמערקען אז דער גאון איז ניט געווען קיין רב אין ווילנא, נאָר א בעל הבית ווי אלע. געזעסען און געלערנט, און ער האָט ניט געמיינט צו׳פּסק׳ענען א שאלה. נאָר אלס דער אינגעל האָט אַנגעפרעגט דעם דין, האָט ער געזאָגט אז עס איז טריף).

דער אינגעל אָבער איז געבליבען אין א פערלעגענהייט און האָט ניט געוואוסט וואס פאַר איין ענטפער צו ברייננען אהיים, ווייל דער גאון האָט געזאָגט טריף, און ר׳ שמעון מ״ץ האָט גע׳פּסק׳נט כשר.

ער איז צוריק אוועק צו ר׳ שמעון מ״ץ, און האָט איהם דערצעהלט אז דער גאון האָט געזאָגט עס איז טריף, ר׳ שמעון האָט זיך אפילו גוט אנגע־בייזערט אויף דעם אינגעל ווארום ער האָט געפרעגט צוויי מאָל ביי בעזונ־דערע רבנים די זעלבע שאלה, אָבער דאָך איז ער געבליבען אין א פערלעגענ־הייט, ער האָט נאָך אמאָל אויסגעפרעגט ביי דעם אינגעל די שאלה, און האָט ענדליך געזאָגט צום אינגעל: געה ארויף צו ר׳ אליה׳ן און זאָג איהם אז איך האָב געזאָגט אז דער צימעס איז כשר.

דער אינגעל האָט איבערגעגעבען די ווערטער צום גאון, דער גאון וויע־דער אויספרעגענדיג אלע איינצעלהייטען וועגען דעם צימעס, האָט געזאָגט: געה מיין זוהן צו ר׳ שמעון און זאָג איהם אז איך האָב געזאָגט אז דער צימעס איז טריף.

ר׳ שמעון איז זעהר אין כעס געוואָרען אויף דעם ענטפער פון׳ם גאון, האָט ארויפגעכאַפּט אויף זיך די דעליע (אזא מאַנטעל פון יענע צייט ביי אידען) און גלייך ארויפגעלאָפען צום גאון.

— איהר האָט עס גע׳פּסק׳ענט דעם צימעס טריף?

— יע, האָט דער גאון געענטפערט.

— ווי אזוי?

דער גאון האָט איהם גענומען בעווייזען פון וואנען ער נעהמט דאס

ארויס, צו פסקענען טריף, און ר' שמעון מ"ץ האט איהם ווידער צוריק געוויזען ווי אזוי ער פסק'נט כשר.

דערווייל האט מען אנגעקלאפט אין שלחן אויף מנחה.

אלע האבען זיך געשטעלט מנחה דאווענען. נאך מנחה האט דער גאון געגעבען א וואונק צו ר' חיים'לען (ר' חיים וואלאזינער) ער זאל זאגען דעם שיעור, און דער גאון מיט ר' שמעון מ"ץ האבען ווייטער דיספוטירט וועגען דעם צימעס.

דערווייל האט מען אנגעקלאפט אויף מעריב.

נאך מעריב איז צוגעגאנגען ר' שמעון מ"ץ צום גאון און האט געזאגט: אזוי ווי איך בין דער מארי דאתרי (דער רב פון שטאדט) הייס איך אז איהר ר' אליהו זאלט מיט מיר מיט געהן עסען דעם צימעס ווייל איך האב גע־פסק'ענט כשר.

דא האט דער גאון ניט איבערגערעדט א ווארט, האט אנגעטהאן זיין דעליע און איז געגאנגען. מיט איהם זענען אויך מיטגעגאנגען זיינע תלמידים, ר' חיים וואלאזינער, ר' זעלמעלע, ר' סעדיה, ר' הירש, ר' אליהו, און נאך. און פון ר' שמעון'ס צד זענען געגאנגען ר' שמעון'ס תלמידים די העכסטע יונגע לייט לומדים פון יענער צייט, און אלע זענען געגאנגען עסען דעם צימעס.

דער איינגעל איז אן א אטהעם פארלאפען א פריהער אין קראם אריין און אויסגעשריען: בעלהבית'טע! דער גאון און ר' שמעון מ"ץ מיט אלע תלמידים פון ביידע צדדים קומען אלע צו אונז צו הויז.

די בעלהבית'טע האט גלייך פערשלאסען די קראם, האט אוועקגעלייגט אויפ'ן גרויסען טיש א קעזעלנעם גראבען טישטאך, אוועקגעשטעלט דעם סובאטניק מיט די דריי רעהרען מיט די דריי גרויסע שווארצע חלב'נע ליכט (קיין סטארינאווע איז נאך דאמאלסט ניט געווען) און אין שטוב זענען אריין די געסט.

ר' שמעון מ"ץ האט זיך געזעצט אויבען אן, לעבען זיין זייט אלע זיינע תלמידים, און דער גאון אין ווינקעל אויבען אן, און פון זיין זייט אלע זיינע תלמידים, און די בעלהביתטע האט אוועק געשטעלט אויפ'ן טיש דעם הייסען צימעס אין א גרויסע ליימענע שיסעל, און פענאנדערגעלייגט פאר אלעמען הילצערנע לעפעל.

דא האט זיך דער גאון אפגערופען צו ר' שמעון־ען:

— איידער מיר געהען עסען דעם צימעס, וואלט איך אייך בעטען מיר גוט אויסצוהערען מיינע טענות ווארום איך האב גע'פסק'ענט טריף, און אזוי האט מען גענומען ווייטער דיספוטירען, און די תלמידים בעזונדער. דער צד

מיט דעם צווייטען ביז דער טומעל איז געוואָרען צו גרויס און ר׳ שמעון האָט אויסגעשריען:

— וואָס קומט אַרויס פון אונזערע וויכוחים? איך בין דער מורה הוראה פון שטאָדט, און איך היים עסען דעם צימעס, און האָט דערביי א קלאַפּ געטהאָן אין טיש האַסטיג.

עס איז פון קלאַפּ אַרויסגעפאלען א גרויסע חלב׳נע ליכט פון סובאָטניק גלייך אין הייסען צימעס.

באַלד האָבען זיך אַלע אויפגעהויבען און אוועק געגאַנגען...
ווילנא געדיינקט דעם פאַקט ביז דעם היינטיגען טאָג.

ניו־יאָרק, תרס״ה.

הכנסת כלה*)

לאחי המפורסם וכו' ה' יאפים נ"י.

איך דיין שוועסטער יהודית קום יעצט צו דיר מיט מיין שרייבען בעטען רחמים דו זאלסט מיטלייד האבען אויף דיין פלייש און בלוט, און אויס־העלפען מיר אויף חתונה צו מאכען מיין עלטערע מיידעל טרודא־ליובען זאל לעבען, וואס איז יעצט א כלה געווארען מיט א חתן פון ארץ ישראל. וואס אויב דו האסט זיך נאך ניט פערגעסען האט זיין אלטער פאטער וואס רופט זיך אן „שדי" מיט אינזער פאטער אברהם ע"ה געמאכט א קנין בשעת זיי זענען נאך געווען גאר קליינע אז זיי זאלען זיין חתן כלה. דערנאך ווידער בשעת זיי האבען זיך געהאדעוועט צוזאמען, האט מיין הארץ געקוואלען קור־קענדיג ווי זיי האבען זיך געליעבט א קינדערשע א ריינע ליעבע, און האבען ממש ניט געקענט לעבען איינער אן דעם אנדערען. — און אז מיין שלעכטע צייט האט מיטגעבראכט אז איך האב געמוזט מיט מיין געזינדעל פון דארט אפטרעטען און האב זיך פון יענער צייט אן אויסגעוואלגערט אין אלע עקען וועלט, פלעגט מיר שטענדיג אויפ'ן זינען קומען: אז גאט וואלט מיך אויס־געהאלפען וואלט איך זעהען דעם שידוך צו אויספיהרען פיר מיין טרודא־ליובען, — נאר פון ווינשען ביז דערגרייכען דעם וואונש איז א גאנץ ווייטער וועג, וואלט איך ווארטען ביז גאט וואלט מיר אליין העלפען, איך זאל ניט דארפען צו זיין לאסקע אנקומען, — נאר דו ווייסט דאך מיין ברודער! אז איך האב ניט לאנג געהאט אן אונגליק, מען איז דאך מיר בעפאלען אין מיטען העלען טאג, און מען האט מיר בעראבעוועט אהן רחמנות: מיינע קינדער האבען איצט ניט וואו א נאכט איבערצונעכטיגען און וואו אמאל אפצועסען, — איך וואלט קענען יעצט פאר מיין טרודא־ליובען געפינען אן ארט וואלט מיר א סך לייכטער געווארען. העלף מיר מיין ברודער כל זמן איך האב נאך עטוואס כח, דען די וואסער איז מיר שוין געקומען צום האלז!

---

*) געשריבען נאך דעם געבעט פון האשה מרת יהודית בת ר' אברהם העברי ז"ל.

ליבער ברודער! אויס אייניגע אורזאכען האָב איך מיר גענומען די דרייסטיגקייט בעטען ביי דיר הילפע יעצט אין מיין העכסטע נויט:

ערשטענס, פּשוט, ווייל דו ביזט מיין פלייש און בלוט, געבאָרען פון מיינע עלטערן, געהאָדעוועט זיך מיט מיר צוזאַמען און שלעכטעס איז אויף אונז ביידען גלייך איבערגעגאַנגען, אין גלייכע צרות ווערען אפילו צוויי פרעמדע מענשען אויך גוטע פריינד צווישען זיך, בפרט די צרות פון אונזער פאַמילע איז גאָר ניט גלייך צו לייטישע, — אונזער היסטאָריע איז א גאַנץ אַלטע און א וואונדערבאַרע: יעדער בלעטעל פון איהר איז געשריבען מיט ימים טרערען און מיט טייכען בלוט, און מירביידע צוזאַמען האָבען עס אַלעס איבערגעטראַגען פאַר דער שטיקעל ירושה וואָס איז אונז געבליבען פון אונזערע עלטערן. נאָר דאָ די לעצטע צייט ביזטו צו מיר געוואָרען אזוי פרעמד, פאַרשטעלט זיך אזוי פיעל פאַר פרעמדע מענשען, אין גאַס, אין געזעלשאַפט, אין דיין הויזליכען לעבען, אז קיינער זאָל דיך חלילה ניט חושד זיין אז דו ביזט דיין טאַטענס א קינד: דערזעהסטו מיך אין גאַס, בלאָזטו זיך אָן ווי א ענדיק און קערסט זיך אָב פון מיר: דיין נאָמען „יענקיל" האָסטו פערביטען אויף „יאפים" און ווערסט שטאַרק אין כעס אז מען רופט דיך מיט דעם אידישען נאָמען, און דיין שוועסטער מיט דיין פאַמיליע ווייכסטו אויס און האָסט זיי ווי די פּעסט! — איך וואָלט דיר וועלען פרעגען מיין טייערער ברודער! וואָס האָבען דיר אונזערע אורעלטערן אזוי פיעל פערשוואַרצט די אויגען וואָס דו שעמסט זיך אזוי מיט זיי? אונזער לאַנגער יחוס בריף פון מלכים, מוז דיר א פּנים זיין צו קליין, אדער אפשר גאָר איבעריג? דוכט מיר, אז זיי זענען געווען א סך געבילדעטער, קליגער, זיטליכער און גרעסענער פאַר דיר — פונדעסטוועגען האָבען זיי זיך מיט זייער משפחה ניט געשעהמט: — פאַרקעהרט: האָבען אייביג געזאָרגט פאַר זיי, און פיעלע האָבען זייער לעבען געאָפּפערט פאַר דער פאַמיליע. א ראיה האָסטו, אז די לייט צו וועמען דו חנפ'עסט זיך נעהמען צו פיעלע פון דיינע עלטערן פאַר זייערע פעטערס, כאָטש ווען זיי זאָלען זיך וועלען גוט אויסרעכענען, זענען זיי קיין מאָל זייערע פעטערס ניט געווען — און דו שעהמסט זיך מיט זיי?! נאָר שעהם זיך היינט שעהם זיך מאָרגען, מעגסט זיך פערמאַסקירען ווי פיעל דו ווילסט אליין, דערקענט מען דיך פאָרט אז דו ביזט א בן ישראל, אז דו האָסט דאָ נים לאַנג בשעת דעם אומגליק געשטעלט איקאָנעס אין די פענס־טער, האָט מען דען חלילה דיר ניט דערקענט? מעהר ווי מיט דעם באָרד און מיט דעם נאָמען קענסטו קיין קונצען ניט מאַכען, דעם באָרד פערקירצען, דעם נאָמען פערדרייען, וואָס העלפט עס אבער? די אַלע סימנים פון דיין

געזיכט צייגען ארויס דיין שטאם, דיין געבורט, דיין גאנצען יחוס אבות, און בעקומסט נאך לסוף א גרויסען פסק פאר די פאלשע מאסקע, פאר דיין אויספוצען זיך מיט פרעמדע פעדערען. — קעהר זיך אום מיין ברודער מיט דעם פנים צו דיין פאמיליע, הייב אן צו קוקען פריינדליך אויף דיין משפחה, נישקשה, מעגסט שטאלצירען מיט דיין יחוס, פערשטעה, אז בשעת לייטישע זיידעס זענען געלעגען אין די טיעפע וועלדער, געשפייזט זיך פון מענשענפלייש, האבען שוין דאמאלסט דיינע זיידעס אויסגערעכענט וויפיעל שטערען זענען אין הימעל, און געקלערט וועגען דעם איינציגען גאט — דאס אלעס ווען דו וועסט זיך דערמאנען, וועט גענוג זיין אויף צו וועקען דיין זינען פון די נארישע אסימילאטארישע פאנטאזיעס, צו דערווארעמען דיין הארץ מיט דיינע אלע געפיהלען צו דיין פאמיליע, צו דיין ארעמע שוועסטער, וועלכע געפינט זיך יעצט אין אזוי א קריטישער לאגע, און צו פערהעלפען איהר דעם איין מאל, פון וועלכען זי קען זיין דערמיט פערזארגט אויף אייביג מיט רוהיגקייט און מיט חיונה.

צווייטענס, איז מיר דער שידוך נוגע אין לעבען, אין דעם שידוך האט זיך אריינגעמישט דער בעריהמטער וועלט־חכם ר' בנימין ב"ר ישראל ע"ה*), ער האט חלילה ניט געמיינט צו פערדינען ביי מיר שדכנות, ווארום ער איז געווען א גביר גדול און א גרויסער תקיף ביי דער ענגלישער פריצטע, און איך בין אן אביונטע, א שלעפערקע, נאר פשוט, ווייל ער האט ניט געקענט צוזעהען מיין לעבען פון ווינד. מיין פערדינען דעם גראשען פון שאכר־מאכער מיין זוכען א קערענדעל אין די מיסט פון די פריצישע פערד. האט ער געוואלט פערזארגען מיין טרודא־ליובען מיט א כשרה, אן עהרליכע שטיקעל ברויט. ער האט אין איהר דערקענט אט די צוויי זאכען: אז זי וויל הארעווען קערפערליך, און אויך בילדען דעם גייסט, האט ער פאר איהר געפונען גלייך אט דעם שידוך: דאן וועט זי קענען זיין א געבילדעטע ערד ארבייטעריז. און אין זיין בריוועלע וועלכען ער האט געשריבען, וואס ער האט ערקלעהרט אז דער שידוך איז גאר א טובה פאר דעם כלל. — נאר מיר האט ער צוגעזאגט אז איך וועל נאך קענען מיט דער צייט מיינע אלע קינדערלעך אהין איבערליפערן, און אלע וועלען אי"ה האבען ברויט צוזאט, און מיט רוהיגקייט דאס עסען. — אוי! ווען ער וואלט לעבען וואלט ער אלע זיינע קרעפטען אנווענדען, אז דער שידוך וואלט אויסגעפיהרט געווארען. אבער אז דער מזל געהט.

*) בנימין דיזראעלי (ביקאנספיעלד).

געהט דאך מיט אלעמען... דארף ער פלוצים אפשטארבן, און מיט איהם גלייך זענען אפגעשטארבן אלע מיינע האפנונגען. יעצט בין איך געבליבן אהן א קרוב, אהן א גואל, ניטא ווער עס זאל יעצט פאר מיר א גוט ווארט רעדען — און דא איז שוין מיין טרודא־ליובא א בתולה אין יאהרען, און זי דארף עס צוזעהן ווי א סך אינגערע מיידלעך פון איהר, ווי די „רומאנקע“ און די קינדער פון דער „באלקאנקע“ ווערען זיך כלות, און זי ניט: זיי זענען שוין פון פינף יאהר פאר זיך באלעבאסטעס. — און זי זיצט נאך אלץ א מויד און די זעלביגע „רומאנקע“ בלאזט זיך אנטקעגען מיין קינד און וויל איהר אפילו פאר קיין דיענסט ביי זיך ניט האלטען. אז אך און וועה און ווינד איז די מאמען אז זי דארף צוזעהען מיט איהרע אויגען אזעלכע צרות און קען איהר קינד ניט העלפען. העלף זשע דו מיין ברודער די א י י נ ע און מיט איהר וועסטו ראטעווען דיין שוועסטערם ג א נ צ ע געזינד פון אומגליק, פון פערוואגלונג. — נאר אויב דו ווילסט מיר ענטפערען מיט דיין געוועהנ־ליכען תירוץ, ווען מען קומט צו דיר בעטען אויף הכנסת כלה און דו זשא־לעוועסט פשוט דעם גולדען, זאגסטו אז דיר געפעלט דער שידוך ניט, בעט איך דיר זאלסט פריהער געבען דיין נדבה, און דערנאך זאגען דיין מיינונג. וועל איך כאטש וויסען אז דו מיינסט עס אהן א פניה, — אבער זאגען א מיינונג און קיין גראשען אויך ניט געבען ווען דיין שוועסטער געפינט זיך אין דעם גרעסטען נויטה, איז דאך אודאי אן עולה.

דריטענס, לעג איך די גאנצע לאסט אויף דיר ניט ארויף, אז דו זאלסט אי נדן געבען, אי די גארדעראבע מאכען, אי די חתונה פראוועז, — מיינע קלענערע קינדער, וועלכע הארעווען נעביך מיט זייער שוויים, די א שניידע־ריז, די א קרעמעריז, די געהט מיט דעם קארב, די דינט נעביך גאר אין דער פרעמד, שפארען אב טעגליך פון זייער עסען, פון זייער גראשען צום ברויט און גיבען עס מיר אוועק אויף מיין טרודא־ליובענס בעדערפעניש, באופן אז איך בין שוין דערקראכען צו א קופערטעל מיט אביסעלע קליינינקייטען ווי „ראשון לציון, פתח תקוה, עקרון, סאמאריז, ראש פינה, יסוד המעלה“ און נאך דארטען דראביאזגעס פון מיין איבריגען דלות אהן דיין גאב. — אבער ווארטענדיג אויף די גראשענס קען מיין טרודא־ליובא מיט צוואנציג יאהר עלטער ווערען, און דא איז די נויטה אם העכסטען. מיינע קלענערע קינדער זענען פון דחקות ',וי פיעל פערדארבען געווארען, אז מען רייסט זיך איינע מיט די אנדערע פאר א שטיקעל ברויט, עס איז רעכט איינער דעם אנדערען צו טהאן כל המעשים רעים שבעולם, אזוי וויית, אז זיי האבען שוין בעקומען דעם נאמען ביי אנדערע פון מיינע שכנים פאר „רויבער“, כאטש די זעלביגע

וואסריידען אויף זיי רויבען מעהר פון זיי, און פון ראסקאש, ניט פון נויט. — אמת, אונזערער א קרוב „די רויטע וויוועסקע"*) האט מיר ניט לאנג פערהאלפען אין אייניגע נויטיגע זאכען, אבער די בעדערפעניש פון א בתולה איז גרויס, איך קען אהן דיין הילף ניט אויסקומען, עס מעג דיר אויך קאסטען ביזט דאך פארט א לייבליכער ברודער!

פערטענס, איז א טעות וואס דו רעכענסט אז איך בעטעל ביי דיר א נדבה, ווען דו זאלסט זיך וועלען אליין בערעכענען, קומט עס מיר מתורת חוב. — פארגעס ניט אז פון דעם נאלאג פון מיינע פרייטאג־צונאכטיגע בענש־ליכטלער האסט דו געשטודירט און געהאט סטיפענדיום מיט נאגראדעס. — פערגעס זיך ניט אז פון מיינע הלואות וואס איך האב דיר אזוי פיעל פראַצענט אפגעצאהלט, ביזטו רייך געווארען, פון מיין פראצע האסטו גרויסע מויערען, יעדער ציגעל איז פון מיר א שטיק פלייש ארויסגעריסען, און מיט מיין בלוט און מארך איינגעקלעפט. און דו געהסט איין מאל אין א שמיטה, געוואהר ווערען אין הקדש, אין דער תלמוד תורה. אבער נאר כדי דו זאלסט א גוטען נאמען בעקומען, — אבער וואס עסען מיינע קליינע קינדער אין תלמוד תורה? ווי געהען זיי? ווי שלאפען זיי? ווער זענען זייערע מלמדים? ווי ווערען בעהאנדעלט מיינע קראנקע קינדער אין הקדש? חיבוט הקבר קען דאך שוין ערגער ניט זיין! — אמת מען איז זיי דארטען מקרב דעם יום המיתה, זיי זאלען מיט איינמאל פטור ווערען פון אלע צרות. אגרויסער „יושר כח" דיר מיין בארמהערציגער ברודער! איך בין גאר ניט אימשטאנד צו בעדאנקען דיר פאר אלע דיינע חסדים וואס דו טהוסט מיט מיר... איך, זינדיגע אידענע, ווייסט מעהר ניט, נאר דאס מיט מיינע פוטער האסטו זיך ליעב אייביג צו שמירען אויף מיין ברויט. — אויב דעם קלארען חשבון זאלסט דו מיט זיך אליין האבען, דוכט מיר אז די נדבה קומט מיר יעצט בתורת חוב.

פינפטענס, גלויב איך איז דער יושר אז דורך וועמען א מענש ווערט געקאלעטשעט, איז אויף יענעם חל צו פארזארגען א דאקטאר מיט רפואות. דו מיין ברודער ביזט די אורזאכע פון ...יין יעצטיגען ...ליק, דורך דיר בין איך יעצט גע'הרג'ט געווארען! דו מיט דיינע טיי... ...יד מיט דיין בלישטצענדען פאיעטאן, מיט דיין ווייבס טויזענד רובע... ליידער. דו

*) א וויוועסקע — רוסיש; מיינט א שילד.

*) די רויטע וויוועסקע מיינט — רויט־שילד (ראטשילד.)

קריכסט נאר אין די הויכע פענסטער, צו קניאזען, צו גראפען, אויף בעלער. אויף רעסורסען, אויף מאסקאראדען, אין טהעאטער, וואו איינער קומט גע־פינט ער דיך אויבען אן, און געוועהנליך וואו די פענסטער איז העכער. אין נאך די קנאה גרעסער: וואס יענער איז רייכער, אדער מעהר מיוחס. קען ער אלץ מעהר ניט ליידען ווי א צווייטער וויל זיך צו איהם פערגלייכען. בפרט ווער איז דער צווייטער? עפעס א יענקעלע, וועלכער איז דא ניט לאנג געווען ביי דעם פוילישען פריץ א פאקטאר, דער פלעגט איהם רייסען פאר די פאות און ער פלעגט איהם דערפאר קושען אין האנט און זינגען „מה יפית"... ווי קומט ער צו טייערע פערד? ווי קומט זיין ווייב צו א ווינטער־דיגען אראנזשעריי (ווינטער גארטען): פון וואנען האט זיך דאס אלץ ביי איהם גענומען? אנדערע זענען באלד נאכגעגאנגען דעם זיידען המנ׳ס דרך, אז פאר כעס אויף איין מרדכי, האט ער געוואלט אלע אידען איבער־פיהרען. באלד האט מען מיר אנגעטהאן אויפ׳ן הארצען די ברעטעל פון „עקספלואטאציע" און געפיהרט מיר צום עשאפאט, מיר ניט דיר ניט, ווי דער שטייגער איז אויף דער וועלט אז מען לאזט אויס דעם כעס צו וועמען מען קען, — דיר מיין ברודער קען מען אין א פאגראם גאר ניט טהאן, דיינע טהירען און פענסטער זענען צו הויך, דיינע פאפירען ליגען אין קייזערליכען באנק, און אויב מען האט דיר שוין צובראכען א פארטעפיאן מיט א שפיגעל, וואס בעטרעפט עס ביי דיר? מיר אבער האבען זיי אין גאנצען בדלות גע־שטעלט, ווען מען האט מיין פערינקע ארויסגעלאזען די פעדערען, שלאף איך עד היום מיט מיינע קינדער אויף הוילע ברעטער, מיין שטול מיט מיין ביינקעל אז מען האט מיר צעבראכען, איז דאס מיין גאנצער געוועזענער פערמעגען, — ווען דיינער א זוהן*) האט זיך געשטעלט מיט שטאלץ און מיט העזה געגען דעם פיהרער פון דער דייטשקע׳ס אימעניע**) האט יענער אויף מיר אויפגערייצט א וועלט. עס האבען זיך אויף מיר אויפגעהויבען גאנצע כאפטעס, אויסגעטראכט אויף מיר אלע פאלשע רייד, אפילו דעם פערשי־מעלטען בלבול פון קויפען פרעמדע קינדער אויך, — און דערווייל בין איך אלע ווילע ניט זיכער מיט מיין לעבען, און נאר דיין לוקסוס מיט דיין זוהן׳ס שטאלץ האָ[...]ערצו געבראכט: — ווי קומט דער אידעל, דער אייביגער שלעפער, אי[...]ן א ברייטע דעה אין דער דייטשקעס קאנטאר? ! ווי לאנג

---

*) לאסקער.

**) ביסמארק.

האט מען יודלען פון דער גאנצער אימעניע ארויסגעטריבען ? ! *) — אה, דיין לוקסום מיט דער נארישער גאוה זענען די סבה פון מיין איצטיגען אומגליק ! — גיב זשע כאטש איצט אויף א דאקטאר מיט רפואות, ווען איך ליג צוליעב דיר אין אזעלכע יסורים !

זעקסטענס, פערלאנג איך גאר ניט פון דיר אזוי א גרויסע נדבה וועלכע זאל קענען א לאך מאכען אין דיין קעשענע. איך בין מעהר ניט ווי א פראסטע אידענע, איך וועל דיר זאגען מיט דעם לשון פון דער הגדה, וועלכע דו האסט זיך שוין לאנג אן איהר פערגעסען :

אילו, ווען דו זאלסט נאר אפשפארען פון איין מאדע וואס דיין ווייב מאכט זיך טעגליך און אויף מארגען טראגען דאס ארום הענדלערקעס אין די גאסען צו פערקויפען פאר א פינפטעל געלט, אדער פון איהרע גרויסע פארשווענדונגען אין די אויסלענדישע בעדער אלע זומער, און דאס מיר שיינקען איז מיר אויך דיינו.

אילו, ווען דיין ווייב זאל שוין פערשווענדען געלט ווי פיעל איהר הארץ געלוסט און מיר נאר שיקען וואס דו פערשפיעלסט איין נאכט אין פראפעראנס קלוב — איז מיר אויך דיינו.

אילו, ווען דו זאלסט שוין אלע נאכט שפיעלען אין פראפעראנס קלוב, און מיר נאר שיינקען דאס וואס דו וואלסט פערשפארען איין מתנה פון די ציגיינער דיינע פערדלעך אלע ווייל — איז מיר אויך דיינו.

אילו, ווען דו זאלסט שוין בייטען ווי א ציגיינער דיינע פערד, און מיר מעהר ניט שענקען נאר דאס וואס עס קאסט דיר אב דיין טאכטערס טאנצמייסטער, פון וועלכען זי ווערט דערנאך פערפיהרט און דערלאנגט דיר די גאל אין האלז — איז מיר אויך דיינו.

אילו, אז דער טאנצמייסטער זאל דיר שוין קאסטען ממון און דמים... און מיר נאר שיינקען דאס וואס דו וואלסט פערשפראכען איין מתנה פון די הונדערטער וועלכע דו שענקסט דער באנע, דער גובערנאנטקע, וואס דיין ווייב אליין בעקומט דערפון ספאזמעס און פארט אוועק אין די בעדער, כדי איהרע אויגען זאלען די צרות ניט זעהען... — איז מיר אויך דיינו.

אילו, ווען דו זאלסט פון די באנעס און די גובערנאנטקעס מתנות ניט פערשפארען, און דו וואלסט נאר אזעלכע גרויסע נדבות אויף פרעמדע קירכען, וואס קיינער פערלאנגט עס גאר פון דיר ניט, ניט שענקען און דאס מיר געבען — איז מיר אויך דיינו.

---

*) גרוש אשכנז.

אילו, ווען דו זאלסט שוין גרויסע נדבות אויף קירכען אויך שענקען און וואלסט אזעלכע בריליאנטענע בראנזעלעטען ניט געבען די אקטריסעס פאר איין ק... זא „קוליסאמי״ — איז מיר אויך דיינו.

על אחת כמה וכמה, ווען דו זאלסט פון די אלע פערשפארען, דערמאן זיך פיעל קלעמונג און הארצוועהטאג וואס דו האסט פון די אלע נארישקייט. וואלטען דאך יעצט אויף דיין שוועל ניט ארויפטרעטען: דיין הויז וואלט אזוי ניט אויסגעלאסען ניט זיין: דו וואלסט אזוי ניט אויפרייסען די אויגען. און מיט איינס פראצענט פון די אלע פערשווענדונגען וואלסטו דאך מיין טרודא־ליובען פון איהר אייביגער פערצווייפלונג צו א פאלקאמענעם גליק ברייגנען: מיינע קליינע קינדער וואלסטו פון זייער פינסטערען שא־בער־מאכער ארויסראטעווען: זיי וואלטען ווערען עהרליכע און כשרה ערד ארבייטער, די שאנד־ברעטעל פון „עקספלאטאציע וואלט מען פון אונז אראפ־נעמען — לכפר על כל עונותינו.

זיבעטענס, קען גאר זיין אז דאס וואס דו ווערסט פערהעלפען מיין טרודא־ליובען, — גיבסט דו עס זיך, מיין ניט אז דו געהסט שוין דא גאר אויף א אייזערנעם בריק, דיין דירה איז נאך אויך ניט אזוי זיכער ווי דו מיינסט — אז עס האט געקענט אזעלכע זאכען פאסירען אין די לעצטע עטליכע יאהר, ביזט דו מיין ברודער שוין אויך ניט זיכער מיט קיין זאך — אז דער ניינצעהנטער יאהרהונדערט האט דיר געקענט אזעלכע קאמעדיעס בעוויזען, וואס דו האסט זיך דאך מיט איהם אין די גאסען געשפיעלט, ביזט דו אויף דעם צוואנציגסטען יאהרהונדערט ניט זיכער מיט אינקוויזיציעס און מיט גרוש'ן אויך — אזעלכעס וואס דו האסט ביז יעצט ניט געג־לויבט, האסט דו מיין ברודער מיט דיינע אייגענע אויגען געזעהען. — ווער זשע קען דיר ערוב זיין, אז דאס וואס דו גלויבסט ניט יעצט, קען דיר נאך אלעם צו דער האנט קומען! — פארזארג זיך כאטש יעצט א קאפען־קישעלע! אויב ניט פאר דיר איז פאר דיינע קינדער: דוכט זיך אז די לעצטע עטליכע יאהר האט דיר שוין געדארפט אנלערנען וואס פון פיעלע אריסטאקראטען אין דיין גלייכען איז געווארען. אין איין שעהנעם פריה־מארגען. אויב מען קען צו דיין אייזערנעם קאסטען ניט צוקומען, אבער פאר א קולאק אין קאפ ביזטו דאך ניט זיכער קיין אויגענבליק — דוכט זיך אז די טראגעדיע פון די „אונטערע ניג־שטאדט״*) מיט איהרע צעהן קרבנות מעג דיר א ביישפיעל דיענען. ווארף מיין ברודער הינטער זיך, קען זיין אז דו ווערסט עס אמאל גע־

*) ניזשני נאווגאראד — וואו מען האט אין א פאגראם 10 אידען דער'הרג'עט.

פינען פאר זיך! — ניט שוין זענען מיר אלע משוגע. און דו איינער א קלאָ־
רער? ווען דו מאכסט אזוי פיעל חוזק פון מיין שידוך, מיינסט דו אז איך
קען דיך שוין גאר קיין מאָל ניט נוצען? בנאמנות אז מיין חתן׳ס ווינקעל
קען נאך אמאָל גלענצען, אין געשעפטען, אין פאבריקען און אין בילדונג.
אפשר נאך מעהר ווי די שטאדט אין וועלכע דו וואהנסט, און קענסט נאך
דארטען גוטע געשעפטען מאכען, און פאר פראצענט רוהיג שלאפען, און האָ־
בען א פנים מיט אלע מענשען גלייך!

אט האסטו דו מיין ברודער זיבען טעמים וואס מיט זיי האט זיך דיין
ארעמע שוועסטער די פרייהייט גענומען, צו קומען און בעטען ביי דיר הילפע,
וועלכע איינער פון די זיבען איז שוין גענוג אויפצועפענען דיין האנט און
ווייך צו ווערען דיין הארץ,—בפרט אז דו ביזט מיין פלייש און מיין בלוט. און
דיין נדבה איז מיר נוגע אין מיין גאנצען לעבען: און לעג אויף דיר די גאנצע
לאסט ניט ארויף: און קומען קומט עס מיר אלס אלטער חוב: און דו ביזט
די סיבה פון מיין אומגליק, און איך פארלאנג פון דיר ניט קיין גרויסע
נדבה: און דאס קען דיר אליין אויך זיין א טובה אויף די קינפטיגע צייט. —
דארפסטו געווים קיין ווארט ניט איבערעדען און געבען דיין נדבה מיט
דער גרעסטער שמחה. און אויב דיעזער בריעף מיינער וועט אויף דיר אויך
ניט ווירקען, און וועסט אליץ שטעהן פון ווייטען ביי דיין שוועסטערס אומ־
גליק, זאג איך דיר ווי מרדכי האט געלאזט זאגען אסתר המלכה: „רוח
והצלה יעמוד" וכו׳, איך וועל מיין שידוך אויספיהרען מיט גאטעס הילף
טאקע פון די ארעמע גראשענס, דען אייזערנע ווענט זענען אויך קיין חזקת
ניט פאר ו ו ע ל ע ן און פאר נ ו י ט. אבער דער יעצטיגער בריוועלע
מיינער וועט בלייבען פאר די שפעטערדיגע דורות, — זאָל מען וויסען כאטש
שפעטער וואס פאר א ברודער איך האב געהאט, און ווי ער האט בעהאנדעלט
זיין שוועסטער.

ציון־לידער*)

די בלום

א.

וואו אַלע פאָהרען אין מיטען וועג,
ליגט דאָרט א טייערע בלום;
עס ליגט און פוילט איינינע טעג,
דער ווינט וואַרפט איהר ארום.
זי שרייט און וויינט מיט גרויס געבעט:
פאַמעלעך, זעהט ווי איהר געהט.
האָט רחמנות, זעהט איהר צוטרעט
א בלום מיט א פרעכטיגען קווייט;
רחמנות האָט איהר,
קומט נאָר אהער
הויבט אויף א בלוט וואָס זי גלאַנצט,
טראָגט מיך אהין,
פון וואַנען איך בין, —
וואו מען האָט מיר צום ערשטען געפלאַנצט.

ב.

אז איך זעה איצט בלומען פון יעדער זייט
גיעסט פון מיר טרערען א טייך,
איך דערמאָן זיך מיין גליק פון די פאָריגע צייט,
געווען מיט אלע בלומען צוגלייך.
אין קייזערליכען גאָרטען ווען איך האָב געבליהט
און די זון האָט מיר ליכטיג געשיינט,
צעהנדליגע דיענער האָבען מיר געהיט —

טו זעהט נאָר דעם סוף פון מיר היינט:
דער טרעט און דער קוועטשט,
צוואווייקט און צונעצט,
די בלעטער אַראָפּ פון קאָליר,
איך ליעג אויפ'ן מיסט,
דער רעגען ער גיעסט,
עס איז גאָר קיין רחמנות אויף מיר.

ג.

ווי די בלום ווײנט דאָ און שרייט,
עס צונעהמט יעדען מענשען זיין האַרץ,
קומט אָן א מלאך גאָר פון דער זייט
און הערט דאָ איהר שרייען, איהר שמאַרץ.
זאָג מיר, דו בלום, זאָג מיר דעם וואָרט,
צונעהמסט מיר מיין הארץ אָהן א ברעג;
וואו ביזטו געוואַקסען, ווי רופט מען דעם אָרט,
ווי קומסטו אהער אויפ'ן וועג?
טהוט זי א געשריי:
אוי, ווינד איז מיר, וועה!
צי דו דערקענסט מיר שוין גאָר ניט פון פריהער?
פון ירושלים בין איך
א י ד רופט מען מיך,
האָב דו כאָטש רחמנות אויף מיר.

ד.

פאר צוויי טויזענד יאָהר ווען דו וואָלסט מיר זעהן,
בשעת איך האָב מיין מלוכה געהאַט,
וואָלסט זיך אליין פערוואונדערט ווי איך בין געווען,
די שעהנהייט פון מיין יעדער בלאַט;
כהנים, לוים, גענערעלער אָהן א שיעור,

איך האָב דאמאָלס שטאָלצירט אין פלאָר,
דאן האָט מען פלוצלונג אויסגעריסען מיר,
איך וואַלגער זיך באַלד צוויי טויזענד יאָהר.
וואו איך בין געוועז
האָב איך רציחות געזעהן,
געריסען מיר גליעד פאַר גליעד;
געברענט און געשניטען
און נאָך מעהר צרות געליטען —
נאָר וויל איך בין א איד!

ה.

אזוי האָט זיך אַמאָל געוואַלגערט דער איד,
ווי די בלום אויפ'ן וועג מיט איהר צוועט;
דער נעהמט צו זיין כבוד, דער רופט איהם „זשיד",
דער מיט די פיס איהם צוטרעט,
און ער האָט שוין פערלאָרען זיין מוט און זיין טרייסט,
פערלאָרען זיין קראַפט און זיין מאַכט,
מעהר ניט די אמונה, דאָס איז נאָך זיין טרייסט
אין דער לאַנגער פינסטערער נאַכט.
אַך, מיין האַרץ
פלאַצט מיר פון שמאַרץ,
דו האָסט דאָך אַמאָל אויך געבליהט;
אזא שעהנער צוועט
יעדערער טרעט,
ווי האָט מען עס קיין רחמנות ניט.

ו.

ווי נאָר דער מלאך הערט איהר דאָ דערמאָהנען
איהר אַלטען יחוס פון ציון,
זעצט ער איהר צווישען אלע וואַזאָנען,

זי הויבט ווידער שוין אָן צו בליהען,
און ער טרייסט איהר מיט מיטלייד: וואַש אָפּ דיינע טרערען,
די זון הויבט דיר אָן שוין צו שיינען,
איך וועל דיר חלילה ניט שטערען,
איך וועל דיר נאָך פּוצען און פיינען.
פרעגט זי ביי איהם:
זאָג מיר דיין שם,
לאָמיך וויסען דעם נאָמען פון זיי.
ענטפערט ער איהר:
דער נאָמען פון מיר
איז אלכסנדר קייזער פון ראָססיי.[1)]

1860

רחל מבכה על בניה

(דער מוטער רחל׳ס געוויין)

כה אמר ד׳ קול ברמה נשמע נהי בכי
תמרורים רחל מבכה על־בניה מנאה להנחם
על־בניה כי איננו (ירמיה ל״א מ״ו).

1

די זון האָט אָנגעוויזען אין מערב זייט,
מיט די רויטע פלאַמען, אז זי נעהמט אַבשייד,
און די נאַכט מיט איהר פינסטערקייט,

האָט אַנגעטהאָן די ערד אין אַ שוואַרצע קלייד.
די וועלט מיט איהרע לייט שוויינען שטום,
די נאַטור שלאָפט — סײַ בערג, סײַ טהאָל,
די לבנה געהט זיך גאַנץ שטיל ארום,
פון די שטערען הערט מען אויך קיין קול;
נאָר א שטימע די שטילקייט צושלאָגט,
א קול פון א פרוי וויינט און קלאָגט,
מיט די פידעל שפּיעלט זי נאָך צו
א טראַגישע מעלאָדיע;
פון איהר ניגון, פון איהר געוויין,
קען די כוחות אויסגעהן,
און שרייט נעבעך פון איהר געצעלט:
— פערוואָגעלט בין איך אויף דער וועלט!

2

א קורצע צייט האָב איך נחת געהאַט,
בשעת גאָט האָט אייך אין אייער לאַנד געשטיצט;
דער מזבח איז געווען מיט קרבנות זאַט,
די כרובים מיט די פליגלען האָבען אייך בעשיצט,
דוד׳ס קינדער אין א קרוין געקליידט,
דער כהן גדול אין זיין קאָסטיום,
און די סנהדרין — ווי א געפלאַנצטער בייט,
און דער בית־המקדש — ווי א פריהלינגס־בלום!
דריי מאָל אין יאָהר אין דער צייט,
געקומען פון נאָהענט און פון ווייט:
דער ברייגט קרבנות צום שלאַכט,
און דער האָט ביכורים געבראַכט!
לוים האָבען מיט כלים געשפּיעלט,
דער איד האָט זיך הייליג געפיהלט,

די גאַסען מיט פרעהליכקייט זאַט, —
דאַן האָב איך נחת געהאַט!

3

אָבער ציון האָט פערלאָרען איהר פערגעניגען,
איהר מאַיאָנטעק פערשפּיעלט אין קאָן;
דער אָרט „בית־לחם“, וואו מיינע ביינער ליגען,
געהט שוין אין אבלות אָנגעטהאָן!
דו, באַרג לבנון! דו, גוטער פריינד!
וואָסערע פּיס צוטרעטען דיך היינט?
דו, באַרג מוריה! דו הייליגער אָרט!
א מחמד'אַנער „מעטשעט“ שטעהט גאָר דאָרט!
די גאַסען שטעהען שוין פּוסט,
די וועגען זענען פערוויסט,
אין כרמל קיין בלומען בליהט,
די טהורעמס גלאַנצען שוין ניט!
די כהנים וואָס האָבען געשטיצט,
די נביאים — וואו זעה איך זיי איצט!
וואו איז אייער קרוין, אייער רייך?
וואָס איז היינט געוואָרען פון אייך?!

4

איך קוק איצט אויף ירושלים ביי'ם מערב־וואַנט,
איך זעה דאָרטען מיינע קינדער ווי קוילען שוואַרץ,
זיי שפּאַרען אָן די קעפּ אויף די דאַרע הענט,
און אָכצען, און קרעכצען, אז עס פערקוועטשט דאָס
האַרץ!
ניטאָ אין ירושלים קיין בוים, קיין שטיין,
וואָס איז ניט געווען נאָס פון קינדס געוויין!
מיין קינד צו דריקען איז א קינדער־שפּיעל,

וואו מען שיסט — איז ער דער ציעל!
פון מאָלדאַוויע הער איך א געשריי,
מיין קינד שרייט דאָרט, — אוי וועה!
פון אַראַביען שרייט ער „ניט גוט“! —
מען פערגיסט דאָרט ווי וואַסער זיין בלוט!
פון אַזיען שרייט ער נעבעך „שלעכט!“ —
דאָרטען געפינט ער קיין רעכט!
אין פּרס בעוויינט ער די ערד,
דאָרט טהוט מען מיט זיי ווי מיט פערד!

5

אין הימעל די טויזענדער שטערען,
בעוויינען אלע מיין קינדס אומגליק!
די אלע בוימער גיסען טרעהרען,
די פויגעלעך ענטפערען אויך צוריק!
נאָר דאָס האַרץ פון דיינע פיינד איז פערשטיינט,
דער אומגליק האָט זיי דאָס האַרץ פערשפאַרט!
דער קראָקאָדיל, דער אכזר, טרעפט אויך ער וויינט,
נאָר דיינע שונאים׳ס הארץ איז ווי אייזען האַרט!
אַך, גאָט! — ענטפער שוין מיר!
זאָג שוין — פיעל איז דער שיעור
צו ליידען, א דור נאָך א דור,
איז צרות — צוויי טויזענד יאָהר!
איהר, שטערען, זאָגט מיר, אויב איהר ווייסט,
איז דען אייביג פערלאָרען מיין טרייסט?!
אוי, ניין! איך שפיר נאָך, איך שפיר!
אַך, גאָט, ענטפער שוין מיר!

1861

קול ממרומים

כה אמר ה׳ מנעי קולך מבכי ועיניך מדמעה
כי יש שכר לפעולתך נאם־ה׳.
(ירמיה ל״א ט״ו)

א.

צי דו, מיין טאָכטער, טהוסט עס ברומען,
די אויגען איז דיר פול ?
דיינע טרערען איז געקומען
צו מיין הימעל־שטול.

ב.

גענוג צו לאָזען טרערען רינען,
הער שוין אויף דיין ליעד ;
אין ים קען מען א גרונד געפינען,
צו דיין טרויער ניט.

ג.

דיין קינד׳ס צרות צו בעשרייבען
קלעקט ניט קיין פאפיער,
ווען אלע טייכען טרערען בלייבען
האָט עס אויך קיין שיעור.

ד.

מאַך מיין טאָכטער מיר ניט שולדיג
אויף די צרות וואָס ער האָט,

מען דאַרף זיין רוהיג און געדולדיג
און האָפען צו גאָט.

ה.

זאָג די קינדער אין מיין נאָמען ;
הערט אויף אייער קלאָג !
טרייסט דיין יוסף און בנימין
מיט דעם, וואָס איך דיר זאָג.

ו.

אויף מיין וועלט איז דאָ אפולע אומות,
לעבען זיך גאַנץ גרינג ;
נאר פיעלע לעבען נאָך ווי בהמות,
גלויבען אין אלצדינג.

ז.

דער דיענט צו וואַסער, דער צו פייער,
געטער פול די שטאָדט ;
ביי דעם איז גאָר א עזעל טהייער,
ווייל דאָס איז זיין גאָט.

ח.

און זיי גיבען גאָט א קרבן,
שעכטען מענשען פיעל ;
טויזענדער זענען צושטאָרבען
דורך די דומע שפיעל.

ט.

זעה אין אינדיען, ביי די היידען,
זייער פייער טאָג,
וועט דאָס דיך א משל קליידען,
טרייסטונג צו דיין קלאָג.

י.

אז מען שלעפּט א וואָגען מיט געראָדער
מיט רעדער אויפ'ן גאַס,
מענשען לעגען זיך אַנידער
און ער צורייבט אויף אַש.

יא.

האַלטען גאָט פאר א שעלכטען,
בלוט פערלאַנגט נאָר גאָט;
שוטים מיינען, אז מענשען שעכטען
איז דאָס מיין געבאָט.

יב.

נאָר דער איד לעבט מיט קדושה,
זיין גלויבען קוקט נאָר צו;
ער גלויבט אין גאָט, אין תורת משה,
ניט אין מיטהאָלאָגיע.

יג.

אין אלע וועלטען איז גאָט איינער,
ניט יופיטער, ניט מערקור;
זיין קרבן איז — אַ געפיהל אַ ריינער,
זיין בית המקדש — די נאַטור.

יד.

ווי די זון בעליכט וויפיעל שטערען,
אזוי איז זיין רעליגיאָן ;
ווער עס וויל א טהעאָלאָג ווערען
קומט צו משה'ן אָן.

טו.

זיין גלויבען בלייבט אייביג דויער
פיעל די וועלט וועט שטעהן,
ווייל ער האָט געבויט זיין מויער
פון נאַטור אליין.

טז.

ער זאָגט, אז דאָס איז גאָט געפעלען,
דאָס נאָר איז זיין פּלאַן ;
טהו קיין שלעכטס ניט דיין געזעלען
און שטיץ דעם אָרימאַן.

יז.

פרעג סאָלאָן און פּיטהאַגאָראס,(1
וואָס זיי האָבען ערקלערט ;
אָהן א גלויבען ליידט מען צרות,
ווער דעם הוילען שכל הערט.

יח.

א הוילער קלערען טהוט קיין טובה,
דער מענש ווערט ניט געטויט ;
ער שטעלט נאָך זיך א מצבה
לעבעדיגערהייט.

יט.

אמונה איז א שעהנע ציערונג
פאַר דעם, וואָס איז געזונט;
אמונה איז א לייכטע שמיערונג
צו די גרעסטע וואונד.

כ.

מען דארף נאָר וויסען דעם אפטייקער,
וואו צו קויפען דאָס;
דען עס טרעפט די דיענער זענען פלעקער,
פערשטעהען ניט דעם בעל הבית.

כא.

אמונה איז די האַרץ מטהר
פון שווינדעל פון אָבמאַן,
אמונה איז א פריינד א טרייער
פיר דעם קראנקען מאַן.

כב.

אמונה איז דער גרעסטער גבור,
בשעת דער לעבען פעהלט;
אמונה טראָגט איהם גאנץ לייכט איבער
אהין אויף יענער וועלט.

כג.

אמונה איז דער הייליגער טעמפעל
אין דעם מענשענס הארץ;
רחמנות צינדט דאָרט אָן דעם לעמפעל,
צדקה גיט דאָרט חאַרץ.[2]

כד.

אָט דעם בית המקדש האָט איהר, אידען,
שוין דריי טויזענד יאָהר;
איהר קענט מיט איהם זיין גאַנץ צופרידען,
הייליג האַלט איהם נאָר.

כה.

דאָרט וועט שוין דיין פיינד ניט קומען
פערברענען איהם אויף קול;
דען ביי זיך האָסטו דיין צונג, דיין גומען,
דיין רעיון און דיין מויל.

כו.

אויב דער שונא לעגט אויף דיר א שטעמפעל,
פון זיין ביקס די שראָט;
לויף אריין אין הארצען צו זיך אין טעמפעל,
בלייבסטו ביי דיין גאָט.

כז.

דרום, מיין קינד, הער אויף צו קלאָגען,
מען מוז גערולדיג זיין;
צום ענדע נאַכט וועט דיר אויפטאָגען,
וועסט נאָך זעהן די שיין.

כט.

ווען נאָר פריעד איז ביי אייך פאַראנען,
דאמאָלס מיין הארץ קוועלט;
זייט נאָר טרייע אונטערטהאַנען
און נוציג פאַר דער וועלט.

ל.

און מיט די פעלקער, לעבט אין פריעדען,
רייכט זיי טריי די האַנט;
אין שול ביי מיר זייט איך אידען
און מענשען פאר דעם לאַנד.

לא.

די זון וואַרימט אין צפון קאַנט,
בלומען וואַקסען שוין;
־ן וועסט נאָך זיין א בריליאַנט,
געשעצט, שעהן, ריין.

לב.

מען וועט דיך נאָך זעצען אויבען,
אין א שעהן געצעלט.
מען וועט דערקאָנען דיין ריין גלויבען
אין דער גאַנצער וועלט.

לג.

נור צעהל די טעג, צעהל די יאָהרען,
דער קוואַל געהט ניט אויס;
דורך זיי ביזטו גאַנץ קליין געוואָרען,
דורך זיי וועסטו זיין גרויס.

1862

שולמית

1

ווער עס האָט נאָר א געוויסען, מיט א האַרץ פון פלייש,
ווער עס האָט נאָר א געפיהל פון א מענשען־פריינד, —
בעדויערט מיר, שולמית! ווער עס קען און וויים
מיינע גליקען פון אַמאָל, און מיין לאַגע היינט.
פון שולמית, פון די גבירה,
ווער האָט דען ניט געהערט?
מיין לעבען און מיין דירה,
מיין יוגענד רייך פערצעהרט:
לוי האָט ביי מיר געזונגען,
אהרן מיין בופעט געשטעלט,
מיין נאָמען האָט געקלונגען
אין דער גאַנצער וועלט!
היינט קריג איך קוים אַן אָרט
אונטערן אויווען דאָרט,
כאָטש דירה־געלט צאָהל איך גלייך און אפשר מעהר...
אין זאָל טאָר איך ניט געהן,
אין קיך טאָר איך ניט שטעהן,
א טעפּעל צום פייער שטעלען קומט מיר אויך אָן שווער...

2

ווען אָרימען לעבען עס איז שוין בעשערט,
דער זאָל כאָטש קיינמאָל וויסען, וואָס גוטס בעדייט;
פון יוגענד ביז דער עלטער זאָל ניט זיין פערקערט,

מיט טרערען ניט צו דערמאָהנען די פערגאַנגענהייט...
איך וואַר אָבער געהויבען
אמאָל אין הימעל אריין,
דערנאָך געוואָרפען פון אויבען
אז דער פאַל זאָל שטאַרקער זיין...
פאר אן אריסטאָקראַטישע דאַמע
וואר איך איבעראל געשעצט,
און פאר די שענדליכסטע פלאַמע
בין איך פעררעכענט יעצט.
עלענד און שאַנדע טעגליך
איז מיר שוין ערטרעגליך;
אָבער ווען מיין קערפער ליידעט איז שוין אלץ פארביי!
דערצו איז מיין מויל געשמידט,
מיין שרייען העלפט שוין ניט,
אין מיין זיפץ וויל קיינער לעזען די מערדעריי!...

3

שטענדיג בעט איך גאָט פאר דעם ווירט פון הויז,
וויל ער האַלט די שכנים איין מיט גוואַלד!
וואָלט ער דעם צאם חלילה לאָזען לויז,
ביי דער ערשטער ווילע בין איך ערמאָרדעט באַלד.
בין איך פרום געזאָנען,
פאַנאַטיק רופט מען מיך;
וויל איך בילדונג קאָנען,
טראָג איך מעהר האַס אויף זיך.
געה איך געקליידט געמיינער,
רופען מיך אלע „שמוץ“;
געה איך שוין עטוואס שעהנער,
בענייעדט מען מיין פוץ.

איך פרעג זיך שוין אליין,
ווארום בין איך אַהן חן ?
איך וועג שוין מיינע מעשים איבער אויף יעדען טריט ;
אַ מענש פון פלייש און בלוט
קען ניט דורך זיין גוט.
אָבער ערגער פון זיי בין איך אודאי ניט !...

4

אויף די ציוויליזירטע צייט האָב איך געהאָפט.
אפילו פיה צו בעשיצען איז חברות דאָ,
א פערד ווער עס שלאָגט, ווערט אויך בעשטראָפט,
אויף מיר איז קיין מיטלייד אויף דער וועלט ניטאָ...
ווען איינינע באַשע־באַזוקעס
האָבען די סלאַוויאַנער בעריהרט,
האָט אין איראפּא דער גרעסטער דוכס
פאר זיי א שטרייט געפיהרט.
אין אמעריקא די שווארצע נעגער,
אז מען האָט זיי בעהאַנדעלט שלעכט,
האָבען הונדערטער טויזענדער קריעגער
געפאָדערט זייער רעכט.
בין איך דען קיין סלאַוויאַן ניט ווערט ?
צי ווי אַ נעגער ניט אויפגעקלערט ?
ווארום זאָל הפקר זיין מיין בלוט ביי אייך ?
א מילב, ווען מען שטעכט איהר הארץ,
פיהלט זי אויך דעם שמערץ,
ניט שוין בין איך ניט מיט די אלע גלייך ? !

אונזער פאַטערלאַנד

1

די אורזאַך וואָס ישראל איז צו שפּאָט און צו שאַנד,
איז ווייל ער איז צוזייט און צושפּרייט — ער האָט קיין לאַנד;

ווען מיר וואָלטען זיך פערשאַפּען
איין אייגענס ערד—רייך,
איין אָטאָנאָמיע, פּאַרלאַמענט
מיט אלע פעלקער גלייך,
וואָלטען מיר דאָ ניט זיין געדריקט,
און דאָרט ניט זיין געשטיקט,
און מען וואָלט אונז ניט טרעטען ווי לֵיים;
דען ווען איינעם איז ענג,
מען איז מיט איהם צו שטרענג,
קלייבט ער זיך איבער צו זיך אהיים.
מיר האָבען אויף ארץ ישראל א הייליגען זכות,
איצט גיט מען עס איבער אין אונזער רשות
מען פערקויפט צו אונז אויף אייביג פאר געלט,
צו לעבען דאָרט ווי אונז געפעלט;
טו וואָס זיצט איהר דאָ געקוועטשט,
ארץ ישראל געהט בעזעצט
לאָמיר בויען אונזער צענטער־שטאַנד,
לאָמיר געהן דאָרט אין יענעם אָרט, אין אונזער פאָטערלאַנד.

2

דאָרטען וועט שוין קיינער סמייען אייך צו רופען „גר״ !
דאָרטען וועט שוין קיינער שרייען : „ווי קומט איהר
אָהער ?״
איהר וועט זיין די בעלי בתים פון אייער אייגען לאַנד
איהר וועט געניסען אייער ווייץ, די מיה פון אייער האַנט ;
פון אייער בוים די פרוכט,
פון אייער אָקס די יוכט,
פון אייער פאַבריק וועט איהר טראָגען דראפּ,
פון אייער סאַד די וויין.
און ביי אייך זיך רוהיג זיין
אז דאָס וועט ניט ראבירען קיין קאַצאַפּ.
גענוג שוין צו זיין נע ונד
ווי די אַפּפאַל בלעטלעך אין ליסטאפּאד,(2
גענוג שוין צו דינגען אַן אונטער אייזען קוואַרטיר,
דירה געלט צאָהלסטו און מען טרייבט נאָך דיר.
דיין אייגענע הויז
שטעהט לעדיג און לויז,
זי רייכט דיר מיט ליעבע די האַנט, — —
לאָמיר געהן אַט דאָרט,
אין אונזער אָרט,
אין אונזער פאַטער־לאַנד.

3

ירדן, יבוק, ים כנרת, דיינע אַלטע גוטע פריינד,
גלעד, דן, מחנים, שטעהען אונז פאַר היינט,
פיעל האָבען זיי מיר ערצעהלט, פון זינען ניט אַרויס ;

יעצט קומען מיר צו אונזער מוטער, זי נעהמט אונז אין
אין איהר שויס.

יעדעס גרעזעלע איז אונז בעקאַנט,
יעדער שטיין איז א מאָנומענט,
יעדער שריט איז אונז אַ זעעלען גליק.
די ערצעהלונגען פון תנך
פערהייליגען דאָרטען יעדער זאַך,
וואו נאָר אונזער אויג גיט דאָרט אַ בליק.
וואָס האָט פערוועלקט דיין נאַציאָנאַל געפיהל ?
ווי קאָנסטו זיין קאַלט ביי אזא הייליגען ציעל ?
געדיינק וואָס דו האָסט אמאָל געטאָן,
פאר דיין לאַנד, פאר דיין נאַציאָן.
דיינע געפיהלען ערוועק
צו דעם הייליגען צוועק
דען דיין שיפעלע געהט איצט צו שטראַנד,
לאָמיר געהן אָט דאָרט,
אין אונזער אָרט
אין אונזער פאָטערלאַנד !

מתנגדים, חסידים און משכילים
גענוג צו זיין צוטיילט.
דער שטאַרקער גוואלדרים פון אונזער קערפּער
שוין ציים צו זיין געהיילט.
בינדט אייך אויף אַלע אין איינעם
גבירים און אָרעמע לייט,
פאַר דעם גרויסען הייליגען רעיון

לעגט יחוס אָהן א זייט.
ארץ ישראל דארף זיין די האַרץ
וואָס זי זאָל געבען חאַרץ,
פאַר אַלע גליעדער וואָס אין חוץ ישראל פערשפּרייט;
ווארים ווען די הארץ חלילה פעהלט
בלייבען מיר וואַנדערער אויף דער וועלט, —
מ'וועט אויביג טרייבען, אויביג שרייען: „געהט!“
מיר וואַרען ביז יעצט געפּאַראַליזירט,
מ'האָט די פיס געשטאָכען, האָט די קאָפּ ניט געשפירט,
דער איין און אכציגטער יאָהר האָט א רופא געבראַכט,
פון די אנטיסעמיטישע שטעקענס האָבען מיר זיך
אויפגעוואַכט.

טו בעטראכט אלץ מיט קאָפּ
סעקטען אַראָפּ!
לאָמיר בינדען די הערצער באַנאַנד,
לאָמיר געהן אָט דאָרט, —
אין אונזער אָרט
אין אונזער פאָטערלאַנד.

שיבת ציון

שאי סביב עיניך וראי כלם נקבצו באו לך וכו'.
(ישעיה מ"ט י"ח)

1

וואָס זעה איך דורך די שויבען? —
עס פליהען אָן ווי טויבען,
מיין יוסף, מיין בנימין, קלאַפּען אין מיין טהיר!
אַך, הימעל גאָט, די וואונדער!
איך זעה דאָך מיינע קינדער,
די ליעבסטע, די טרייעסטע, קומען אָן צו מיר!
אוועק אזוי פיעל יאָהרען,
געמיינט איך בין פערלאָרען,
אַן אלמנה, א פערוויסטע, — לײדיג ביי מיין טיש...
מיט אייך ווי איז געגאנגען,
צייט מען האָט אייך געפאַנגען?
וואָס מאַכט יהודה און אפרים? — גיט מיר א גערוס!

2

אויף גאָט ניט ליאַרעמט, קינדער!
אָט דאָס איז גאָטעס וואונדער:
די פינסטערניס ווערט שטאַרקער איידער עס ווערט
טאָג!
ביי דער ערשטער גאולה,
איז דאָס אויך געוועזן די פעולה:
דער לאַסט צולעצט ווערט גרעסער, אז משה שרייט
מיט קלאָג.

מען איז אייך דן לחובה,
און דאָס איז גראָד א טובה,
איהר זאָלט בויען אייער צענטער, דריקט מען אייך מיט נויט.

וואָלט מען אייך ניט טרייבען,
וואָלט איהר דאָרט פערבלייבען,
און אייער בונד און נאַציאָנאַלנאָסט1) בלייבט דאָך אונגעבויט!

3

עס לאַכען מיינע שונאים,
„וואָס האָט עס פאר א פּנים?
אז עטליכע קליינע אידלעך טרעטען אָן מיין פּאָל,
צי קען מען זיי דען טרויען?
צי וועלען זיי דען בויען
מיין גלאַנץ און מיין מלוכה, ווי עס איז געווען אַמאָל?!“
ניין! — דאָס מוזט איהר פערגלייכען,
צו די גרעסטע טייכען,
פאַנגען זיך אָן ווי א שנירעל, פון א קליינעם קוואַל;
עס פאַלען איהר צו שטראָמען,
ביז עס שטייגט איהר נאָמען,
און איהרע מאַסטען מיט די זעגלען גלענצען איבעראל!

4

אַהער קומט יענע יאָהרען!
איך בין יונג געוואָרען!
איך וואַרף אראָפּ מיין טרויער, אהער מיין זיידען קלייד!...

פול ווערט מיין הויז ווייעדער,
עס הויבט דאָס האַרץ, די גליעדער,

פיעל פון מיינע קינדער פאָהרען אָן מיט פרייד!
פון שמחה טרעהרען פליסען,
לאָזט מיך האַלדזען, קושען,
רוהט איך אוים ביי מיר די ביינער, מיינע הערצענס־
געסט!
איהר וועט ביי מיר קריגען,
אלע פערגעניגען,
איהר וועט ניט וויסען פרעמדע טישען, נאָר די מוטערס
קעסט!

5

אָט דיעזע יונגע מענשען,
וועט די וועלט זיי בענשען,
פערלאָזען הייזער, גיטער, גלאַנץ און גליק און פראַל;
מענשען געשטודירטע,
הויך ציוויליזירטע,
ווילען זיין קרבנות פאר דעם גאנצען כלל!...
זיי האָבען זיך בעשלאָסען,
אויף אלערליי פערדראָסען,
נאָר אָפצואוואַרפען אַלע שטיינער וואָס ליגען אויפ'ן
וועג...
צו ליידען שווערינקייטען,
ווי אין עזרא'ס צייטען,
און זייער נאָמען בלייבט ווי עזרא'ס ביז די לעצטע טעג!

1884

אויף דיין אלטען וועג

1.

שוין צייט, מיין פאָלק, זאָלסט עפענען די אויגען,
ווי דיין לעבענשטאַנד איז מיט ריזיקע פול.
דו מוזט נאָך אין האַנדעל דיין סאָוועסט פערבויגען
און נאָך אלעמען בלייבט דיר — א נול...
דו מוזט מיט דיין לעבענסמיטעל, ווי א וואָרעם זיך
צאַפּלען,

די דאגות פערדולדען דיין קאָפּ,
קריכסט אויף א לייטער מיט צובראָכענע סטאַפּלען
און צוואנציג מאָל פאלסטו אראָפּ.
דיין קרעמעל, דיין שיינקעל,
איז א דרייפיסיגער ביינקעל;
גראָה און אַלט ווערסט דו דורך זיי;
דאָ שפּיעלסט דו א קאָמעדיע,
דאָ א טראגעדיע,
מען זעהט ביי דיר כצ״ענעם אַלערליי...
פון דעם אמת אין הארצען
ליידסטו זעלבסט שמערצען
פאר איהם געהט קיין תרוצים ניט אָן...
ער קוקט ריין און ליכטיג
און ווייס גאנץ ריכטיג,
וואס בעטייט „ספּעקולאציאָן“...
טאָ קוק זיך ארום, דיין הארץ גיב א פרעג.
ביזט, מיין פאָלק, צו וויים פערקראָכען פון וועג! —

2

שוין צייט מיין פאָלק אז דיין שכל זאָל דיר קליגען,
דעם מענשענס גליק אין וואָס עס בעשטעהט.
צי מאַכט דען טעאַטער דיר פערגעניגען,
ווען דיין קאָפּ, ווי אַ וואַסער מיהל דרעהט ? !
צי קען מען ביי דיר כאָטש איינעם געפינען, —
א גביר וועלכער עסט שוין דאָס בעסט, —
עס זאָל זיין בערוהיגט זיין מח, זיין זינען,
די זאָרג זאָל דאָרט ניט מאַכען איהר נעסט ?...
ווי גוט איז דעם בויער :
געזונט, שטאַרק און דויער,
איינפאַך געגעסען, געקליידט ;
וויס קיין קלאָפּאָטען
פון ביינק, פון אָטשאָטען,
ברויט אויף א יאָהר אָנגעגרייט,
זיין שלאָף איז א זיסער,
זיין וועטער א פרישער,
זיין סאָוועסט גריזשעט איהם ניט —
ווי א וויג־קינד א גוטער
שלאָפט ביי דער מוטער, —
זויגט ביי די ערד איהרע בריסט...
טו קוק זיך ארום, דעם בויער גיב א פרעג !
ביזט, מיין פאָלק, גאנץ ווייט פערקראָכען פון וועג !

3

שוין צייט, מיין פאָלק, זאָלסט ביי זיך בעשטימען,
ווי דיינע שונאים האָבען דיר געמאַכט בלינד ;
דיין ערד, דיין הוגה, האָט מען ביי דיר צוגענומען
און געהייסען דיר לעבען פון ווינד ;

די רוהיגקייט בערויבט פון יעקב׳ס געזינדעל
מיט צוויי טויזענד יאָהר צוריק.
דיין קערענדעל כאַפּסטו פון לופט און פון שווינדעל
און זעהסט ניט דיין גרויסען אומגליק.
אויף דיין ערד געזעסען,
דיין מיה געגעסען,
דיין ווייץ און דיין פרוכט און דיין ווייןְ —
זי האָט דיר געגעבען
אַלץ וואָס צום לעבען:
ווי קען מען שוין גליקליכער זיין ?!
געלעבט מיט א סדר,
אין וואָהנונג אין קליידער,
יענעמס געלט ניעמאלס בעריהרט;
עס דרעהט ניט דער זינען
וועגען צאָהלען טערמינען,
ניט אָנגעזעצט, ניט באַנקראָטירט.
טאָ קוק זיך ארום, דיין היסטאָריע גיב א פרעג!
ביזט, מיין פאָלק, גאנץ ווייט פערקראָכען פון וועג!

4

שוין צייט, מיין פאָלק, דו זאָלסט זיך בעראטהען
מיט דיין חומש׳ל, מיט איהרע ריינע שריפט;
ווי פון טאָוועל ביז טאָוועל איז זי פול מיט געבאָטען
נאָר וואָס צו די ערד אנבעטרעפט:
פון שמיטה, פון יובל, פון מעשרות, בכורים,
פון ערלה, פון פאה, פון דמאי —
צי האָסטו פון איהר ווען געהערט די דבורים
פון קראָם, פון שיינק. פון מעקלעריי ?
מעגסט טרויען דיין רבי׳ן,

אַז וואָס הייסט גליקליך לעבען,
האָט ער געוואוסט ריכטיג דעם ציעל, —
וואָס בערוהיגט דעם מח,
וואָס קרעפטיג דעם כח,
וואָס עס הייסט עהרליך און שטיל...
אין תלמוד זעה פלאים,
ווי גאַנץ סדר זרעים
רעדט פון ערד אַרבייטעריי.
און ווען דו האָסט געהאַלטען
די צוואה פון אַלטען,
האָסטו געלעבט גליקליך און פריי.
טאָ קוק זיך ארום, דיינע לעהרער גיב א פרעג!
ביזט, מיין פאָלק, צו וויט פערקראָכען פון וועג!

5

שוין צייט, מיין פאָלק, זאָלסט שוין בעטראַכטען,
ווי דו האָסט גאָר אַ גאַנץ פאַלשען בליק;
דעם עקאָנאָמישען לעבען זוכסטו צו פעראַכטען
און מיינסט אז אין לוקסוס שטעהט דער גליק.
ביזט שוין אין אונאָרדענונג צו וויט פערקראָכען,
אז ס'העלפט שוין קיין שרייבען, קיין רייד.
אַן אָרעמעס קינד וואָס טראָגט באָב אום דערוואָכען,
געהט שבת אין זיידענס געקליידט.
וויז מיר פון דיר איינע
א כלה א געמיינע,
וואָס האָט ניט קיין וויים אַטלעס קלייד?
אויף די בולוואַרען,
זעהט מען שאַרען
שלעפּעס פון סאַמעט גענעהט;

דאָס פערשוואַכט זיי די כחות,
פערדולט זיי די מוחות —
אבי געהן געפּוצט און געצירט.
דיינע שׂונאים, ווי די קלינגער,
טייטלען מיט די פינגער:
„ביזט רייך און האָסט זיי עקספּלואַטירט"
טאָ קוק זיך אַרום, די צייטונג גיב אַ פרעג!
ביזט, מיין פאָלק, צו ווייט פערקראָכען פון וועג!

6

שוין צייט דו זאָלסט וויסען, אז די „שלעכטע צייטען"
עקזיסטירען מעהרער נאָר אין דיין קרייז;
דען ווען א שטאָט זאָל ניט האָבען פעלדער ביי די זייטען,
פון וואַנען וואָלט זי ציהען איהר שפּייז?
ווי קען אַ פאָלק אויף דער וועלט עקזיסטירען
אָהן ערד אַרבייטער?
דרום רוהט ניט ביי דיר פון מקבלים די טירען,
דיין העלפּט פאָלק לעבט פון בעטלעריי.
יעטווידער נאַציע
האָט קאָלאָניזאַציע;
דאָס איז די הויפּט וואָס זי קוקט,
נור א קליין טהייל דערנעבען
מאַכען זייער לעבען
פון טאַלאַנט און פערקויפען פּראָדוקט.
און דאָס איז די פּריטשינע,
וואָס אין יעדער מדינה
מוזט דו זיין צוזייט און צושפּרייט.
ווי קען דען אן אומה
האָבען א תקומה,

אז זי האָט ניט קיין פעלדער פארזייט ?
טאָ קוק זיך ארום, „עקאָנאָמיע“ גיב א פרעג !
ביזט, מיין פאָלק, צו ווייט פערקראָכען פון וועג !

7

שוין צייט, מיין פאָלק, דו זאָלסט זיך דערמאָנען
אָן דיין וויגעלע, דיין געבאָרענם לאַנד ;
מאַך איהר פאַר ישוב, בעזעץ דאָרט קאָלאָניען,
בעאַרבייט איהר זעלבסט מיט דיין האַנט.
זי איז פרוכטבאַר און פעט מיט אלע יונגע קרעפטען,
צוויי מאָל אַ יאָהר ווערט געזעהט ;
הכנסה טראָגט זי, ווי די בעסטע געשעפטען,
און רוהיג, די קאָפּ ניט פערדרעהט ;
דער אַקלים 1) א געזונטער,
מאַכט פריש און מאַכט מונטער,
קיין ברוסטליידענדע טרעפסטו דאָרט ניט ;
פערזעע נאָר איהר באָדען,
פערפלאַנץ אין איהר סאָדען,
טראָגט זי דעם גרעסטען פראָפיט.
דאַרפסט זיך וועניג בעמיהען
מיט שאָף צו ערציהען ;
דאָס פעלדער איז גרין דעם גאַנצען יאָהר,
און אז פראָדוקט איז פאַראנען
און עס סטרויען זיך באַהנען,
דאַן שטייגט אויך קאָמערציע אין פלאָר.
טאָ קוק זיך ארום, אַגראָנאָמיע גיב א פרעג !
ביזט, מיין פאָלק, צו ווייט פערקראָכען פון וועג !

8

שוין צייט אז דו זאָלסט אויף דיין האַרצען פערשרייבען,

וואס אייראָפּע האָט איבער דיר צו טהאָן:
גזירות, בלבולים, רויבען און טרייבען
און אלץ מיט איהר ציוויליזאציאָן.
דער האַנדעל איז פאַלש און עגאָאיסטיש,
אין איהם זיצט א רויבער־געפיהל;
די גרעסטע רציחות מיט יושר פערמישט עס, —
שעכט מענשען איידעל און שטיל...
דיין נאַטירליכע פאַנטאַזיע
שטימט נור מיט אזיע;
דאָרט שווימסטו אין דיין געבאָרענעם טייך...
די לופט, די אַטמאָספּערע,
דיין בילדינג, דיין לעהרע, —
וועט ניעמאלס מיט האַנדעל שטעהן גלייך; —
דיזע צוויי נעמען
זענען צוויי עקסטרעמען,
פאר דיר איז אין האַנדעל קיין אָרט;
דעם האַנדעל לאָז איבער,
און קלייב זיך אריבער,
וואו דיין צוקונפט ערוואַרטעט דיר דאָרט. —
טאָ קוק זיך אַרום, „טאַנקרעד"[2] גיב אַ פּרעג!
צוריק, מיין פאָלק, צוריק אויף דיין אַלטען וועג!

1887

די סאָכע

כנען בידו מאזני מרמה לעשק אהב וגו׳
עוד אשיבך באהלים כימי מועד.
(הושע י״ב ח׳ י׳)

1

אין סאָכע,
ליגט די מזל ברכה,
דער וואַהרער גליק פון לעבען,
קיין זאַך מיר ניט פעהלט.
עס קומט דער פריהמאָרגען,
איך דארף ניט לייהען, באָרגען,
דער מוח דאַרף ניט זאָרגען,
אויף טאָג הוצאות געלט,
עס איז אָנגעגרייט אויף ווינטער,
א זאַסיק א געזונטער,
איך זייה איך שנייד גאַנץ מונטער,
פריי אין גאָטעס וועלט.

2

פון רייכען,
ווער קען זיך צו מיר גלייכען,
ווער לעבט רוהיג, גליקליך,
ווי איך בויער אין פעלד.
גיט נאָר גאָט דעם רעגען,
פיהל איך גליק און זעגען,

איך פיהר שוין סנאָפּעס־וועגעז,
חיונה פאר דער וועלט,
איך טהו לייט ערנעהרעז,
מאַרק־לייט און שפּייכלערעז,
שיפּערס, קאָמיסיאָנערעז,
און כשר איז מיין געלט.

3

פון מאָדעס,
האָב איך קיין הכבדות,
ווי אין שטאָט פערלעבט מען
מעהר פיעל מען פערדינט,
א שטרוי־הוט און א סוויטע,
טראָג איך אָפּ א שמיטה,
און מיט די זעלבע שיטה,
פיהרט זיך מיין געזינט.
דער סערפּ איז מיין קאַסירער,
דער האָן — מיין רעפּוטירער,
די זון איז מיין צייט־פיהרער,
מיין פּעכער איז דער ווינט.

4

דער קרעמער,
מוז באָרגען יעדען נעהמער,
און מוז נאָך קאָנקורירעז,
און לייזט אויף פינף פּראָצענט.
פון וועקסלען, טערמינעז,
דאַרט דער מאַרך, דער זינעז,
אין קראָם קען ער געפינעז,
„נשאר"*) פול די וועגט ;

איך דארף ניט קאָנקורירען,
קיין וועקסלען רעגולירען,
קיין בוך פון חובות פיהרען, —
מיין באַנק איז די הענט!

5

דער שיינקער,
מוז דולדען יעדען שווינקער,
פאַר יעדען ווערד[1] און שיכור,
פאַלט די דמים איין:
פון אַקציז — די אַגענטען,
די טייערע פאַטענטען,
אז א סענט א צעהנטען,
קומט אין טאַש אריין;
איך בין פון אַלץ אַ פרייער,
בילעט קאָסט מיר קיין דרייער,
דער סנאָפּ וואָס קומט אין שייער,
בלייבט אין גאנצען מיין

6

מיין דאַמע,
ברויכט ניט קיינע אַמע,
קיין הויז־מיידכען, קיין באָנע,
קיין פרעסער אויפ'ן קאַרק!
זי דארף קיין הוט, קיין פעדער,
שפּאַצירט ניט אין די סעדער,
פאָהרט ניט אין די בעדער, —
ליבערשט פרייטאג צום מאַרק;
קיין פוץ קיין פאַרמאַסקירטען,
אליין אי אַם, אי ווירטהין,

און אין פעלד א הירטין,
און איז געזונט און שטאַרק!

7

מיט יאָהרען,
מיר ווערט א קינד געבאָרען,
ווערט גרעסער מיין הכנסה,
איך קויף צו — ערד א שטיק! —
אין שטאָט א קינד וואָס מעהרער,
ווערט דעם פאָטער שווערער,
ער מוז זיין א דערנעהרער, —
אויפ׳ן האלז א שטריק;
ביי מיר עס וואַקסען קינדער,
ווערט מיין ארבייט לינדער,
און יעדערער בעזונדער,
איז פאר מיר א גליק!

8

מיין מיידעל,
נעה איך אַ פּראָסט קליידעל,
און טהו מיט איהר א שידוך,
אָהן ציערונג, אָהן נדן! —
זעהט אין שטאָט די כלה׳ס,
שטעלען פּראָסט ברלות,
ראַמט פון שטוב אוים אלעס
וואָס נאָר איז פאַראַן! —
מיר איז לייכט צו קריגען,
א חתן גראד א היגען,
און גיב נדן צוויי ציעגען,
און לעבט גליקליך פאר דעם מאַן!

9

בענשען,
זאָל נאָר גאָט די מענשען,
וועלכע שטיצען ציון,
צוריק דאָס לאַנד בענייט!
בענש נאָר גאָט די ריצער,
די קאָלאָניען באַשיצער,
די ארבייטער שטיצער, —
די זרובבלס פון דער צייט!
ווען פון די קאָלאָניען,
וועט ווערען מיליאָנען,
וועט ציון ערנסט דערמאָנען,
אָט דיעזע גרויסע לייט!

1887

אַ בריעף פון דער מוטער ציון

(„די סאכע" איבערזעצט אין העברעאיש פון בר־נש)

דורך די פּאָעטען, די שטענדיגע היטער,
וואָס גאָט האָט זיי ביי מיר פאר וועכטער געשטעלט,
שיקט אייך א בריוועל, איך ציון, די מוטער,
צו אייך, מיינע קינדער, פון צווייטען זייט וועלט.
געגריסט זייט פון מיר און פון אייערע שוועסטער,
פון כרמל, לבנון, פון יפו ביים פּאָרט,
פון די וואנט פון מקדש, דער מויער דער פעסטער,

פון הר הזיתים, דער הייליגער אָרט,
פון חרמון, פון ירדן, דער שפּאַציר דער בעסטער,
וואו איהר פלעגט יונגערהייט שפּילען זיך דאָרט.

2

פרעהליכע בשורות קען איך אייך מיטטהיילען,
מיין יוגענד ווערט איצטער צוריק אָבגעפרישט,
עס קומען די קינדער די וואונדען צו היילען,
צו בויען די חורבות, וואָס שטעהען פאַרוויסט.
זיי גרינדען קאָלאָניעס. און זעצען זיך ווידער
צום טיש ביי דער מוטער, ווי מוטיג, ווי פריי,
און עסען און טרינקען און זינגען זיך ליעדער;
די שפּראַך און דער ביבעל לעבט אָפּ אויף דאָס ניי;
און זענען גאַנץ גליקליך און לעבען, ווי ברידער;
מיין האַרץ קוועלט צו שטעהן און צו קוקען דערביי.

3

נאָר פון אייך, מיינע קינדער, האָב איך קיין געריסען,
איהר האָט זיך, אַפּנים, פערגעסען אָן מיר;
איהר ווילט פון דער מוטער, פון ציון ניט וויסען
עס גיט פון אייך קיינער, וואָס עפענט מיין טהיר.
ביי מיר בויט מען שטעדט, עס בליהט נייע נעמען,
מיין פינסטערע טרויער־קלייד טהוט מען מיר אויס,
איהר ווייכט גאָר, איהר ווילט גאָר קיין אנטייל ניט נעמען.
דערמאָנט איך ווער „ציון“, — גלייך לאַכט איהר איהם אויס.
מיט אייער מוטער דאַרפט איהר זיך ניט שעהמען:
זי וואַר, און זי האָפט ווידער זיין אמאָל גרויס.

4

איז אייך דאָרטען גוט און איהר מאַכט פיין אַ לעבען,
פרעהט מיר מיין האַרץ, אז מיין קינד לעבט דאָרט פריי, —
מעגט איהר זיך אודאי דאָמיט איבערגעבען
צו נעמען אַנטהייל אין ציון'ס געביי;
נאָר מיר האָט די פּראַקטיקע לאַנג שוין געוויזען,
אַ פּראַקטיקע וואָס דויערט באַלד צוויי טויזענד יאָהר,
אז אנטיסעמיטען, ווי דערנער, ווי שפּיזען, —
האַסען אייך פלוצלונג ווען איהר שטייגט אין פלאָר,
איהר ווערט גיך פון ווירטה און פון הויז אויסגעוויזען:
היינט זוך פון דאָס ניי איצט אַ וואוינונג, אַ סטאָר.[1]

5

טויזענדער יאָהרענלאַנג זענען פאָראיבער,
עס קומען אָן פעלקער צו מיר אלערליי;
מיין ערד גיט קיין פרוכטען, מיין לופט — געלער פיבער,
דען איך לייד קיין פרעמדע, איך שטים ניט מיט זיי.
ווי מיינע קינדער זענען אָנגעפאָהרען,
געגריינדעט קאָלאָניעס מיט גאַנץ וועניג געלט,
גבורים און העלדען ווערען דאָרט געבאָרען,
די אַלערליי פיבערס איז דאָרטען געפעהלט, —
זיי פיהלען זיך גליקליך, עס בליהען די יאָהרען,
ווי אין שלמה'ס צייטען, א פרעהליכע וועלט!

6

א אידישע שטאָט איז נויאָרק די גרעסטע;
איהר געפינט ניט איהר גלייכען אין דער גאנצער וועלט,
און פון אַלע לענדער קומען צו מיר געסטע:
איך בעטראַכט מיינע קינדער — אמעריקא פעהלט!
האָט איהר זיך מיט ציון אויף עוויג געזעגענט?

אין הארצען פערלאַשען דעם לעצטען פונק ?
פרעמד, ווי מיר וואָלטען זיך קיינמאָל בעגעגענט,
איהר גאַרט מיך ניט זעהן, איך דורשט ניט קיין טרונק.
גערענקט, פיליכט טרעפט איך, עס שנעעט צו עס
רעגענט, —
צום אַנדענקען נאַט איך מיין בריעף און מיין וואונק.

1892

המחרשת

(„די סאָכע" איבערזעצט פון בר־נש)

א.

במחרשתי
כל אשרי ירשתי,
אראה חיים טובים
ולא אחסר מה, בה!
ובקומי משנתי
לא תבא דאגתי
לבקש את מחיתי
על צרכי יום הבא:
החרף מוכן כבר
האסם מלא בר,
קצרו ידי ולא־זר
פה על ארץ רבה!

ב.

בעשר

מי יחיה בישר
חיי שלות השקט
כמני — האכר ?
בתת יה גשמי ברכה,
מלאתי הצלחה,
אלמותי אוליכה
להחיות עולם בבר :
כסוחר, כחרש,
כמלח, כפרש,
יחד עשיר ורש —
וכספי נקי וישר !

ג.

על הרוכל
להאמין לכל־נוכל,
להתחרות, להשתכר
כי אם על לחם צר !
מתשלומי פרעון
הוא מכה בשגעון
וסופו עוד לדראון,
כי יאכל גם חיל זר :
אני רחוק מקרבות
מערוך ספרי־חובות,
מתשלומי טובות, —
הלא ידי עושות בר !

ד.

בעל מרזח
ישא מכל קרח,

מכל שותה שכור
כעס ומכאובים ;
ואחר תשלומי מס
ולשר המשקים פרס,
לו רק גרה אחת
תשאר מהסובאים !
אני מכל זה חפשי,
מס לא תדע נפשי,
קמחי, צמרי, דבשי —
לי הם כל הטובים !

ה.

למזלי,
אם עוד ילד בא לי
ירוח לי עוד יותר
ואקנה עוד נחלה.
בעיר כי ירבו בנים
הם להורם כאבנים
וכי יגדלו בשנים
יוסיפו לו מחלה. —
אך לי הם נולדים
לעבד כעבדים,
וכל אחד הילדים
לרוחתי בא, אך לה !

ו.

ממותרות
אין לי כל צרות,
כלשוכני עיר ועיר

בעמק הבכא;
שמיכתי זאת, הביתה,
תצלח לי לשמטה,
ולפי זאת השטה
תחי כל המשפחה;
התרנגול מקימי,
שמש מורה יומי,
והמגל מרימי
על במתי הצלחה!

ז.

רעיתי
עמדת לעזרתי,
בלי שפחות זוללות
היא גברת מאד נעלה!
לא תתאו לרדידים,
לצעדות ולצמידים,
לשוח עם ידידים, —
בטח בה לב בעלה!
בביתי מתעסקת,
לבני היא מינקת,
והיא בריאה מוצקת
ורק שמחה וצהלה!

ח.

את־בתי
הן טוב לי תתי
לאיש עובד ישר,
בלי מהר ונדן;

בעיר, ראו, הכלות
כל־הון הורן מבלות,
ומבית שואלות
כל־אשר תמצא ידן;
לבנות אמצא חיש
במקום מושבי איש,
ונדן עז עם תיש, —
אשר נצחי בעדן!

ט.

ועל ככה
יהי זכרם לברכה —
כל־השבים לציון
והריסותיה בונים!
גם ברכה, אלהינו,
את־תומכי פועלינו
ועוזרי מושבותינו,
„זרבבלים האחרונים“!
וכאשר המושבות
תעלינה לרבבות,
יכירו הלבבות
את אלה הגאונים!

שיבת ציון (1

1

מה־זאת עיני תראינה!
כיונים תעופנה,
יוסף ובנימין, על דלתותי שוקדים;
ראיתי את־לא פללתי,
בני אשר גדלתי,
מחמדי, יקירי, את־אתם פוקדים;
הלפו שנות אלפים,
נואשתי כבר מחיים,
ואני שכולה וגלמודה, בני יצאוני;
ספרו לי התלאָה,
בגולה אתכם מצאָה,
ושלום אחיכם בית יהודה, הלא תודיעוני.

2

אל תרגנו ואל תיראו,
כי דרכי אל נפלאו,
בטרם יאיר שחר תגדל השכת ליל;
במצרים כזאת קרה,
אל־משה זעקו מרה,
לחצים טרם כלה, עוד הגביר חיל;
צר יעות צדקתם,
ובזאת יחיש גאולתם,
גזל משפט יאלצמו עלות מעמק בכאָ;

לולא יד מדהבה,
שכבו למעצבה,
ואבן פנה למוסדות עוד לא הונחה.

3

אויבי לי ילעגו,
כי שבי גולה שגו:
„המאלה מתי מספר עדנה תהיה לי?
„ההם יבנו נהרסות?
„ישכללו השתות,
„ירימו קרן ישעי, הודי וחילי?“
הביטו נהרות איתן,
כמעין קטן צאתן,
כחוט השני מפכים מים, עדי גאה גאו;
ופלגים מכל רוח,
על־פיהו יגיח,
ואלפי תרני צי אדיריו רום יתנשאו.

4

שובנה שנות קדומים,
שבתי לימי עלומים,
הלאה בגדי אבלי! הבו מכללי!
נמלא כל ארמוני,
האח! מה רב ששוני!
בני בגיל ותרועה, שבו לגבולי;
פרי בטנה אם חובקת,
בדמעות גיל נושקת,
פה תהלצנה עצמותיכם אורחי קראי שם
בצלי שאננים,

תרוו מעדנים,
לשולחן זרים אל תצפו, בלתי ארוחת אם.

5

הן אלה שבי גולה,
יברך זכרם סלה,
פאר בית תחכמונם עתה יעזבו;
משכילים בכל תושיה,
רבי העליליה,
על מזבח אהבת עמם את־נפשם יקריבו!
לשאת בעול משאָה,
לסבל עמל ותלאָה,
למען סקל כל אבני נגף וצורי מכשלה;
לכנות עז חמתה,
כעזרא ותרשתא,
ושמם ינון כשם עזרא עד דור אחרון סלה.

באַמערקונגען און אפטייטשונגען צו די לידער.

מכירת יוסף (ז. 7)

*) געשריבען אין יאָהר 1868. דאָס ערשטע מאָדערנע טעאַטער־שטיק אין אי־דיש. איז פיעל געשפּיעלט געוואָרען אין די אידישע שטעט און שטעטלעך פון רוסלאַנד.

דריי סטאַנציעס (ז. 170)

הויסט — דריי סטוישאַן־הייזער.

1) אנוש — אין חומש שטעהט געשריבען: — ולשת גם הוא יולד בן ויקרא שמו אנוש, אשר היחל לקרא בשם ד'. (בראשית ד').

2) „סאָקערל" — בלוט־זויגער.

החלוקה והמחלוקת (ז. 173)

(קריגערייען און רייסערייען).

1) „בוך פון ביכער" — דער תנ"ך.

בחרבני קיץ (ז. 183)

(מיינט די אידישקייט אידען, איז אויסגעטריקענט געוואָרען, האָט אין נאַ־ציאָנאַלען זין דעגראַצירט מעהר אין די ליכטיגע צייטען. האָט זיך געזוכט צו אסי־מילירען).

1) זאַמים — שעדליכער ווינט אין דער וויסטעניש — זאַהאַראַ.

2) „קאַרפּו"—„רומעליע" — באוואוסטע אַנטיסעמיטען.

די דריי טויבען (ז. 188)

1) שטעט אין שפּאַניען.

לשנת תרנ"ד (ז. 194)

1) פּעטשאַט — זיעגעל.

ציון-ליעדער (ז. 226)

אין דער אַפּטיילונג קומען אַריין אַלע ריין־ציוניסטישע ליעדער פונ׳ם דיכטער און אויך אַ פּאָר ליעדער פונ׳ם קאָלאָניסטישען לעבען (ווי „די סאָכע").

דער דיכטער האָט זיין ציוניזם אויך אין מעהרערע אַנדערע ליעדער אויס־געדריקט, מיר אבער האָבען דאָ נאָר אויסגעטיילט די ריין־ציוניסטישע.

די סאכע (ז. 258)

1) וורעד — גראָבער יונג.

שיבת ציון (ז. 248)

1) נאַציאָנאַלנאָסט — נאַציאָנאַליטעט.

אויף דיין אלטען וועג (ז. 251)

1) אַ קלים — קלימאַט.

2) טאַנקרעד — איינער פון די העלדען פון די קרייצונגען.

קול-ממרומים (ז. 234)

1) סאָלאַ און פטהאַגאָראַ — ?

2) כאַרץ — נאַהרונג, שפּייז (געוועהנליך־געטריקענטעס ברויט.)

די בלום (ז. 227)

1) אַלעקסאַנדער — א. צונזער האָט אין זיינע ליעדער פיעל מאָל גע־לויבט דעם מלך חסד, אַלעקסאַנדער דעם 2טען.

אַ בריף פון דער מוטער ציון (ז. 262)

1) אַ סטאָר — אַ קראָם.

אונזער פאַטערלאַנד (ז. 244)

1) גרעסערע בעמערקונג.

2) ליסטאָפאַד — בלעטער־פאַל.